STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03932

KINDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קינדער

פארן צווייטן לערניאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון:

דוואירע טאראנט און בעצאַלעל פרידמאַן

פאַרלאַג „ארבעט"

הויפּטפאַרקויף:

י. לידסקי, 202 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

אָקטאָבער, 1930.

„קינדער“ פארן צווייטן לערניאָר איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין העסקעם מיט דער פּראָגראַם פון די אידישע קינדער שולן באַם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.

דאָס בוך איז גוטגעהייסן געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פון די אידישע קינדער שולן באַם אי. אַ. אָ.

Copyright: D. Tarant and B. Friedman

Myold Printing Co., Inc. 161 Grandt St., New York

זומער לעבּ

וואָס וועלן מיר טאָן זומער?

אײדער מען האָט פאַרמאַכט די שול אַף זומער, האָבן אַלע מײַנע כאַווײרים אין קלאַס דערצײלט, וואוהין זײ וועלן פאָרן און וואָס זײ וועלן טאָן זומער.

לײבלס פעטער איז אַ פאַרמער. ער האָט אַ פאַרם אין די קעטסקיל בערג. פאָרט לײבל אַהין מיט זײן מאַמען אַף דעם גאַנצן זומער. זינעס און עטלס עלטערן האָבן גענומען צימערן אין קוני־אײלאַנד — וועלן זײ זיך שוין דעם גאַנצן זומער באָדן אין יאַם. אַ סאַך קינדער האָבן זיך געקליבן צו פאָרן אין קעמפּ. די, וואָס זײנען שוין געווען אין קעמפּ פאַריאָרן, האָבן דערצײלט אַזעלכע מײסעס פון זײער קעמפּ־לעבן, אַז מיר זײנען זײ אַלע מעקאַנע געווען.

איך און אַרן און מאָטל זײנען געבליבן אין שטאָט. מײן טאַטע האָט געסטרײקט אַ לאַנגע צײט. אַרנס און מאָטלס טאַטעס זײנען געווען אַרבעטלאָז, האָבן מיר שוין ניט גע־קענט טראַכטן וועגן אַרויספאָרן פון שטאָט.

אײדער מיר האָבן זיך אַלע געזעגנט אַף זומער, האָבן מיר צוגעזאָגט אײנער דעם אַנדערן שרײבן בריוו און דערצײלן, ווי מיר פאַרברענגען די צײט און וואָס מיר טוען.

1. וועלכע קינדער קאָנען ניט אַרויספאָרן זומער פון שטאָט?
2. דערמאָן זיך, וואָס דו האָסט געטאָן זומער, ווען דו ביסט געבליבן אין שטאָט?
3. ווי האָסטו פאַרבראַכט מיט כאַווײרים?

זומער אין שטאָט

אַז די זון אין זומער
בריט און גליט און ברענט —
גליען אַן זיך אַלע הייזער,
שטיקן זיך די ווענט.

וואָס זשע טוען קינדער
פון דער גרויסער שטאָט,
ווען די היץ אין דרויסן
גליט און ברענט און בראָט?

לויפט מען פון די הייזער
אין די פּאַרקס אַרום,
באָדט מען זיך אַף גאַסן —
באָדט מען זיך אין שוויים.

און ביינאַכט אין בעטן
אין די ענגע שטיבער —
שטיקט און וואַרגט דער אָטעם
ווי אין שוואַרצע גריבער.

אַזוי פיל פרייע פעלדער,
לאַנד, באַ דיר פאַראַן.
אַזוי פיל קלאָרע טייכן
פאַרן ווייסן שוואַן.

אַזוי פיל ברייטע טאָלן
פאַר דער ווילדער קאַץ...
נאָר פאַר די אָרימע קינדער
האָסטו ניט קיין פּלאַץ.

איז טאַקע ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די קינדער זומער?
וואָס וואָלטן די קינדער פון די אַרבעטער געדאַרפט טאָן זומער?

א שפּריץ אינמיטן גאַס

פון אַלע הייזער לויפן קינדער, אָנגעטאָן אין באָד־קאָסטיומען. ס'איז אַ הייסער טאָג. די קינדער קענען ניט אַריבערטראָגן די היץ. די טאַטעס זיינען בא דער אַרבעט. די מאַמעס ארבעטן אויך. אינדערהיים אָדער אין שעפּער, ווי די טאַטעס.

די קינדער איז אָבער הײס. קײן שפּריץ איז אין שטוב נישטאָ. שפּריצן זײַנען דאָ אין רײַכע הײַזער. דאָס זײַנען אָבער אַלץ קינדער פֿון אַרבעטער־הײמען. די פֿײַערלע־שער האָבן געעפֿנט די װאַסער־שפּריצן אינמיטן גאַס. קינדער שטײען אונטער דעם װאַסער, זײ זײַנען זיך מע־כאַיע און שרײַען:

— אױ, װײ גוט! ס׳אַ מעכאַיע!

1. האָסטו אַמאָל געהאַט אַזאַ שפּריץ? דערצײל װעגן דעם.

אין קוני אײלאַנד

אײַנגעפּאַקט די באָד־קאָסטיומען
און באַזאָרגט זיך אױך מיט עסן,
פֿאָרן מיר צום ים זיך באָדן,
ס׳האָט די היץ שױן, אױ, דערעסן.

פֿאָרן מיר אין פֿולע באַנען,
ס׳איז קוני אײלאַנד װײַט פֿון דאַנען.
און מיט אונז עס פֿאָרט, מיר דאַכט זיך,
װער ס׳איז נאָר אין שטאָט פֿאַראַנען.

לױפֿט די באַן שנעל אין דער פֿינסטער,
לעמפּלאַך װײַזן איר דעם װעג.
באַלד, אָט באַלד שױן װעלן אַלע
קילן זיך באַם װאַסער־ברעג.

אָט איז באַן שױן אָנגעקומען
מענטשן שטראָמען פֿון די טירן.
אַלע געסלאַך און גאַסן
צו דעם קילן ים־ברעג פֿירן.

װער קאָן װאַרטן? װערט דאַרף װאַרטן?
אָנגעטאָן די באָד־קאָסטיומען
און אַ שפּרונג געטאָן אין װאַסער,
און אַ לאָז געטאָן זיך שװימען.

שלאָגן כוואַליעס צו די ברעגן,
כוואַליע אויף און כוואַליע אונטער.
כ׳האָב שוין לאַנג־לאַנג ניט געפילט זיך
אַזוי לעבעדיק און מונטער.

אָפּגעפרישט זיך, אָפּגעגעסן
און אַוועקגעלייגט זיך רוען:
מיט׳ן פּאָנים קעגן הימל,
קוקן וואָס די וואָלקנס טוען.

וואָלקנס, וואָלקנדלאַך אַף הימל
גרינג אַזוי און לויטער ווייסע,
שענער ווי אין שענסטן ביכל,
שענער ווי אין שענסטער מייסע.

א ר ב ע ט :

1. ביסט אַמאָל געפאָרן אין קוני־איילאַנד? שרייב: א רייזע אין קוני־איילאַנד.
2. דאַרפן רייכע מענטשן פאָרן אין קוני־איילאַנד? וואוהין פאָרן זיי?

אַף דעכער און פייער־לייטערס

ס׳איז געווען אַ הייסער טאָג. אין אָוונט איז נישט געוואָרן קילער. ס׳איז שווער איינצושלאָפן. אין די הייזער, וואו עס וואוינען אַרבעטער, איז ענג און שמוציק. די פענצטער זיינען קליינע. אָבער שלאָפן מוז מען. מען דאַרף מאָרגן פרי גיין צו דער אַרבעט.

שלאָפט מען אַף די דעכער, אַף די באַלקאָנען פון די פייער־לייטערס.

ס׳איז אַ מוירע אַזוי צו שלאָפן. ס׳קען נאָך אַמאָל געשען אַן אומגליק. מ׳קען נאָך אַראָפּפאַלן. ס׳קען אינמיטן נאַכט אָנהייבן גיסן אַ רעגן. קינדער טאָרן דעריבער אַף דעכער נישט שלאָפן.

רייכע קינדער האָבן לופטיקע שלאָף־צימערן מיט ברייטע פענצטער. אַפילע אין הייסע טעג איז דאָרט באַקוועם און לופטיק. אויסער דעם זיינען די רייכע קינדער אַ גאַנצן זומער אַף זומער־פלעצער.

פאַר די אַרבעטער און זייערע קינדער בלייבן די ענגע צימערלאַך, די דעכער און באַלקאָנען אַף די פייער־לייטערס.

א ר ב ע ט :

1. אַף וועלכע גאַסן שלאָפט מען קיינמאָל ניט אַף די פייער־לייטערס.
2. שרייב אָן אַ מייסעלע :

וויו מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַ הייסער נאַכט אין שטאָט.



וואָס רעדט די באַן?

עס דערהערט זיך אַ פייף פון קאָנדוקטאָר. דער לאָקאָמאָטיוו ענטפערט אים מיט אַ פייף.

אָט טוט ער זיך אַ מעלאַך אַ ריר און הייבט אָן סאָפּענדיק צו רעדן מיט די וואַגאָנעס:

— אָך, ווי שווער. אָך, ווי שווער! אָך, ווי שווער!...

און די וואַגאָנעס ענטפערן אים:

— נו, איז וואָס? נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?...

דער לאָקאָמאָטיוו הייבט אָן גיין גיכער און שוין פרייַלאַכער צו ריידן מיט די וואַגאָנעס:

— אַך, היים געוועזן! אַך, היים געוועזן!

נאָר די וואַגאָנעס קלאַפּן בייז:

— אונז איז ניט קיין דייגע! אונז איז ניט קיין דייגע! אונז איז ניט קיין דייגע!

דער לאָקאָמאָטיוו איז אַרויף אַף דער בריק האָט ער זיך זייער דערשראָקן און אָנגעהויבן קרעכצן:

— אוי, ווי שרעקלאַך! אוי, ווי שרעקלאַך! אוי, ווי שרעקלאַך!

און אַז ער איז שוין די בריק איבערגעגאַנגען, האָט ער זיך שוין באַרואיקט און אָנגעהויבן צו שעפּטשען:

— איצט איז גוט! איצט איז גוט! איצט איז גוט!

פאַרענדיק די זאַצן:

די באַן — — — — — — — — — — —

דער קאָנדוקטאָר — — — — — — — —

דער לאָקאָמאָטיוו — — — — — — — —

אַ ר ב ע ט:

פּרוּווט, קינדער, נאָכמאַכן דער באַן. מאַכט פון דעם אַ שפּיל.



קעמפּ לעבן

יאַנקל אין קעמפּ

יאַנקל האָט אַ גאַנצן זומער פאַרבראַכט אין קינדערלאַנד. אוי, ווי גוט ס'איז געווען אין קעמפּ! דעם ערשטן טאָג, אינדערפרי, פילט יאַנקל ווי עפּעס וואַרעמט און גלעט זיין פּאָנים. דאַכט זיך, דער מאַמעס האַנט. יאַנקל עפנט אויף די אויגן. ערשט, ס'איז די זון אַף זיין פּאָנים. אַנטקעגן אים און לעבן אים כאַפּט זיך אויף נאָך אַ אינגל און נאָך אַ אינגל.

פלוצלונג דערהערט זיך אַ פריילאַכער: „גוט מאָרגן, קינדער".

„גוט מאָרגן, לערער!" דערהערן זיך פריילאַכע קוילעס פון אַלע בעטן.

און אינמיטן דעם „גוטמאָרגן, לערער" דערהערט זיך: קלינג-קלאַנג, קלינג-קלאַנג!

— אויפשטיין!

אַלע זיינען אַזוי פריש און לעבעדיק, אַז עס ווילט זיך טאַנצן און שפּרינגען.

יאַנקל און אַלע איבעריקע קינדער שפּרינגען טאַקע אַרויס פון די בעטן, הייבן אָן אָנצוטאָן זיך און זינגען:

איינס אַ זאַק, צוויי אַ זאַק,
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג,
קלינגט דער גלאָק.

שוך און שיך, שוך און שיך,
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג,
אָנטאָן גיך!

זייף און בערשטל פאַר די ציין,
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג
וואַשט זיך ריין!

וואַסער פריש, וואַסער קאַלט,
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג —
פאַרטיק באַלד!

טישן זיינען שוין געגרייט,
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג —
עסן גרייט!

דורך די אָפענע פענסטער קוקן אַריין ביימער, באַגאָסן מיט זון. די לופט איז פריש און מעכאַיעדיק.

אין גאַנצן קעמפּ פילט זיך איין גרויסער, פרישער גליקלאַכער פרימאָרגן.

באַם עסן.

דער עסצימער שטייט אַף אַ באַרג. פונוויטנס זעט זיך דער טייך, ווי אַ שפיגל פול מיט זון. אַרום די ברעגן שטייען ביימער און שפיגלען זיך אין קלאָרן וואַסער.

אין עסצימער שטייען גרויסע טישן. אַרום יעדן טיש זיצט אַ לערער מיט קינדער.

פיר הונדערט קינדער זיצן אַרום טישן און עסן, זעט עס אויס, ווי ס׳וואָלט דאָ פאַרגעקומען אַ גרויסע סודע.

צווישן איין שפּייז און דער צווייטער זינגט מען לידער און מען „טשירט“.

דעם ערשטן טאָג האָט זיך יאַנקל געפילט נאָך ניט אַזוי היימיש ווי די קינדער, וואָס זיינען אין קעמפּ שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. אָבער אַף מאָרגן האָט ער זיך שוין געפילט ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע.

נאָכ׳ן עסן.

נאָכ׳ן עסן גייט מען צוריק אין באַנגעלאָ. מען פאַרבעט די בעטן. מ׳קערט אויס. יעדער איינער העלפט מאַכן ריין אין באַנגעלאָ און אַרום באַנגעלאָ.

צען אַזייגער איז אַלץ אַזוי ריין און צוגעקליבן, פונקט ווי אַ מאַמע וואָלט דאָ געווען און ריין געמאַכט.

אַרבעט

אַלע קינדער אין קעמפּ אַרבעטן. יעדעס קינד קלייבט זיך אויס די אַרבעט, וואָס עס געפעלט אים.

יאַנקל האָט זיך אויסגעקליבן גאָרטן-אַרבעט.

דער לערער האָט געוויזן די קינדער דאָס שטיקל ערד, וואָס מ׳דאַרף צעגראָבן פאַר אַ גאָרטן און געזאָגט יעדן וואָס צו טאָן.

אַלע קינדער האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. אין איין שאָ צייט איז די ערד געווען צעגראָבן און איבערגעקערט. מ׳האָט געגראָבן און אַזוי געזונגען:

דער טאָג איז פאַר אַרבעט,
פאַר רו איז די נאַכט.
דער טאָג איז פאַר אַרבעט,
פאַר רו איז די נאַכט.
שטייט אויף! דערוואַכט!
אויף! אויף! דערוואַכט!
שטייט אויף! דערוואַכט!
אויף! אויף! דערוואַכט!

באָדן און שיפּן זיך.

אָפּגעאַרבעט, גייט מען אין באַנגעלאָ, מ׳וואַרפט אַראָפּ די אַר־בעט-קליידער און מ׳טוט אָן דעם באָד-קאָסטיום. ס׳איז די צייט פון באָדן און שיפּן זיך.

ס׳לאָזט זיך אַרוים אָפּ׳ן טייך דער קינדערשער פלאָט מיט לידער און מיט „טשירס“. אַ שיפל נאָך אַ שיפל. אַ שיפל נאָך אַ שיפל. און דער גאַנצער טייך ווערט פול מיט געזאַנג און מיט פרייד.

אַ טייל קינדער איז אָף שיפלאַך. אַ טייל אין טייך. מ׳פּאַטשט אין וואַסער און מען מאַכט אַ רעגן... אַלץ איז צעשפּיגעמישט אין איין גרויסער פרייד: די זון, דער טייך, די שיפלאַך און די קינדער.

יאַנקל האָט דעם צווייטן טאָג געשריבן אַהיים צום טאַטן און צו דער מאַמען:

„טייערע טאַטע־מאַמע. איך בין אַזוי צופרידן. ס׳איז דאָ אַזוי גוט. קומט אויך אַהער.“

יאַנקל“.

אָוונט.

ס׳איז נאָך אָוונט־ברויט. די זון איז פאַרגאַנגען. ביימער ווערן געדיכטער... דער טאָג גייט אַוועק.

אָבער קינדער זיינען פריילאַך. מ׳קלייבט זיך אַף די אָוונט־סימכעלאַך, יעדע גרופּע אַף איר אָרט.

מ׳זינגט. מ׳הערט מייסעס. מ׳פאַרשטעלט זיך, ווי אינדיאַנער. מ׳טאַנצט אַרום קעמפּ־פייער. אָדער מען גייט אַף אַ שפּאַציר.

דער קעמפּ ווערט פול מיט געזאַנג. לידער וועגן דעם לאַנד פון באַפרייטע אַרבעטער און פויערים — סאָוועטן־פאַרבאַנד, לידער וועגן דעם קאַמף, וואָס ס׳פירן די אַרבעטער אין אַמעריקע, און קעמפּ־לידער.

נאַכט.

נאָך אַ טאָג פון אַרבעט, באָדן זיך, שפּילן און ספּאָרט, זיינען די קינדער מיד אין אָוונט. און ס׳איז ניט קיין וואונדער. גייט מען טאַקע שלאָפן פרי.

פון אַלע וועגן און שטעגן אין קעמפּ קומען אָן גרופּעס קינדער מיט זייערע לערער און לערערנס פונם אָוונט־שפּאַציר. מ׳וואַשט זיך אַרום און מ׳לייגט זיך אין די בעטן. אָבער מ׳שלאָפט נאָך נישט. מ׳ליגט שטיל אין די בעטן און מ׳הערט אַ מייסעלע, וואָס דער לערער דערציילט.

הינטער די פענסטער שורשען ביימער: שששש, קינדער הערן זיך איין, קינדער ווילן הערן.

ס׳ווערט פינסטער. ס׳זעט זיך נאָר די ווייסקייט פונ׳ם בעט־געוואַנט. ס׳הערט זיך דעם לערערס קאָל, וואָס איז ווייך, אַזוי ווייך ווי דאָס קישן צוקאָפּנס. און די ווערטער שלעפערן איין, שלעפערן־איין. נאַכט.

ביסטו אמאָל געווען אין אַ קעמפּ?

דערצייל, וועלכע אַרבעטן דו האָסט דאָרטן געטאָן.

דערמאָן זיך, וועלכע לידער דו האָסט דאָרטן געזונגען.

טעמעס:

(1) יאָנטעוו אין קעמפּ.

(2) די אַרבעטער אין קעמפּ.

(3) אונזער אַרבעט אין באָנגעלאָ.



מאכט זיך אליין א קעמפ פייער.

קעמפ־פייער

פלאַקערט פייער, קנאַקן צווייגן,
פונקען שפרינגען, שפריצן.
און אין ראָד די קינדער שווייגן,
הערן מייסעס, וויצן.

ס׳וועדט דער טייך אַרום די ברעגן
שטילער אַזוי און שטילער,
ווי די קינדער אַרום פייער
הערן מייסעס וויל ער.

הערט דער טייך און ס׳הערן קינדער,
הערןביימער, צווייגן.
קיינער וויל איצט גאָרנישט, גאָרנישט —
הערן נאָר און שווייגן — — —

אוי, ווי גוט עס איז באַם פייער
אַלע, אַלץ צוזאַמען:
קינדער, עלטערן און לערער
און די נאַכט אין פלאַמען.

שרייב: אַ קעמפּ־פייער.

אַ הייק

מיר גייען מיט לידער אַנטקעגן דעם מאָרגן
כאַטש נעפּלען באַצירן דעם טאָג נאָך אין גרוי;
אַקסל צו אַקסל, אין שערענגעס צו צווייען —
איז גוט דאָך צו גיין איצט אין וועג אַט אַזוי!

מיר גייען, מיר גייען אַף פעלדער באַגראָזטע —
מיט זונגאָלד באַגאָסן די דערנער און בלום;
עס גריסן אונז ליבלאַך ווי אַלטע באַקאַנטע
די צייטיקע זאַנגען, וואָס שאָקלען זיך שטום!

עס גריסן אונז פייגל אַף צווייגן באַקרוינטע,
עס גריסט אונז דער שטויב פונם דאָרפישן וועג;
מיר גייען, מיר ווילן פאַרזייען
דעם טריט־טראָט פון קעמפּער פאַר בעסערע טעג!

שרייב:

(1) ווי מיר האָבן געהייקט.

(2) ס׳איז גוט צו הייקן.

אַרבעט:

1. וועלכע אַרבעטער קעמפּס זיינען דיר באַקאַנט?
2. וועלכע קעמפּס זיינען פאַר קינדער, וועלכע פאַר דערוואַקסענע?
3. געפין אויס: מיט וואָס זיינען אַרבעטער־קעמפּס אַנדערש פון ניט־אַרבעטער־קעמפּס?
4. אין וועלכע קעמפּס ביסטו געווען?

באַ די שניטער אין פעלד

(פון די מייסעלאַך „דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע“)

דאָ, וואו דער וואַלד האָט זיך געענדיקט, אַף יענער זייט טייך, האָבן זיך אָנגעהויבן ברייטע פעלדער. און אַז דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע איז אַרויס פון וואַלד, האָט ער דערזען די פעלדער און זיך זייער שטאַרק דערפרייט.

— אָ, — האָט ער געזאָגט, — איך בין פאָרט אַרויס־געקראָכן פון דעם טיפן וואַלד. איצט איז אַזוי ליכטיק און פריי.

גייט ער אַזוי און גייט איבער די פעלדער, און עס נעמט גאָר קיין סאָף און קיין עק ניט.

אָבער באַלד איז געוואָרן אַ וועג צווישן די וועלדער פאַרן אינגעלע צו גיין, פאַר איינעם אַליין. און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו אַ פעלד, וואו שניטער זיינען געשטאַנען איינגעבויגן איבער די זאַנ־גען און האָבן געשניטן און געזונגען:

מיר שניידן, מיר שניידן
פאַר אַנדערע ברויט;
מיר ליידן, מיר ליידן
ביטערע נויט.

די שניטער זיינען געווען אַזוי פאַרטאָן אין זייער אַר־בעט, אַז זיי האָבן אין אָנהייב גאָר ניט באַמערקט דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע. נאָר ווען ער איז צו זיי גאָר נאָענט צוגעגאַנגען, האָבן זיי אים דערזען. זיי האָבן אָבער ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן און זינגען:

מיר שניידן, מיר שניידן
פאַר אַנדערע ברויט;
מיר ליידן, מיר ליידן
הונגער און נויט.

פרעגט דאָס אינגעלע בײַ די שניטער:

— וואָס פאַר אַ ליד זינגט איר דאָס? איך האָב נאָך אַזאַ ליד קיינמאָל ניט געהערט.

האָט איינער פון די שניטער זיך אָפּגעקערט פון דער אַרבעט און געזאָגט צו דעם אינגעלע:

— ביסט נאָך קליין און ווייסט נאָך ניט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דו ווייסט ניט, אַז שוסטער גייען באָרוועס און שניידער גייען נאַקעט, און מיר, די שניטער, האָבן ניט קיין ברויט. מיר אַרבעטן פאַר פרעמדע און ניט פאַר זיך. די פרעמדע זיינען רייך און מיר זיינען אָרים.

און דער שניטער האָט דערציילט דעם אינגעלע מיטן רינגעלע, אַז די פעלדער געהערן ניט צו זיי, נאָר צו די רייכע באַלעבאַטים, און די רייכע באַלעבאַטים ווילן ניט אַרבעטן אַליין און זיי האָבן געדונגען אַנדערע מענטשן זאָלן פאַר זיי אַרבעטן און בייגן די רוקנס איבער די פעל־דער אַ גאַנצן טאָג, פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט.

אָט אַזוי האָט דער שניטער דערציילט דעם אינגעלע מיטן רינגעלע. און אַז דער שניטער האָט געענדיקט צו דערציילן, האָט ער גענומען ווייטער שניידן און ווייטער זינגען אינאיינעם מיט אַלע שניטער:

מיר שניידן, מיר שניידן
פאַר אַנדערע ברויט;
מיר ליידן, מיר ליידן
הונגער און נויט.

און דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע האָט שוין איצט פאַרשטאַנען דאָס ליד און ער האָט געזאָגט צו די שניטער:

— דייגעט ניט, ליבע שניטער! עס וועט שוין זיין רעכט. איך גיי איצט צום פּאָריץ פון לאַנד. איך וועל זען זיין אײנגעלע און זיין מיידעלע. וועל איך ריידן מיטן פּאָריץ און דערציילן אים, אַז איר האָט ניט גענוג ברויט, וועט ער אייך געבן מער.

אָבער דער שניטער, וואָס האָט אים דערציילט די מייסע, האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו אים:

— איך זע, אַז דו ביסט אַ גוט אײנגעלע און האָסט אַ גוט האַרץ, אָבער דו ביסט נאָך קליין און ווייסט ניט אַלץ. עס וועט ניט העלפן, וואָס דו וועסט דערציילן דעם פּאָריץ, אַז מיר האָבן ניט גענוג ברויט. ער ווייסט אַליין, אַז מיר האָבן ניט גענוג ברויט, אָבער ער וועט אונז מער ניט געבן, ווייל ער האָט מורא, עס וועט אים ניט זיין גענוג. אַזוי איז ער און אַזוי זיינען אַלע רייכע באַלעבאַטים. זיי קענען זיך קיינער ניט אָנזעטיקן.

אינמיטן דערינען איז אָנגעקומען דער אויפזעער פון די פּריצים, זעט ער, אַז די שניטער אַרבעטן ניט. האָט ער אָף זיי גענומען שרייען. און זיי האָבן זיך ווידער איינגעבויגן איבער זייער אַרבעט.

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר :

דער פּאָריץ: דער באַלעבאָס, וועמען עס געהערן פעלדער.
דער פּאָריץ פּאַרדינגט זיינע פעלדער צו אָרימע פּאַרמערס, אָדער ער דינגט אַרבעטער צו אַרבעטן פאַר אים.
די פּריצים — מערצאָל.

גרויסע פאַרם־ווירטשאַפטן

אַז איר קומט אַרויף אָף קעמפּבעלס פאַרם, אַזוי דערהערט איר אַ זשומען און פייפן פון מאַשינען, פּונקט ווי אין אַ ריזיקער שטאָל־פאַבריק.

אַ גאַנצער פלאָט טראַקטאָרס, שנייד־מאַשינען און אַנדערע פעלד־מאַשינען. מיט דער הילף פון די מאַשינען ווערט אין איין טאָג צעאַקערט און פאַרזייט טויזנט אַקער ערד.

דאָס שניידן און דרעשן ווערט געטאָן נאָך שנעלער. עס ווערט טעגלאַך אָפּגעשניטן און צעדראָשן די טוואָוע פון 2000 אַקער ערד.

אַף די פאַרמס ווערן טעגלאַך פאַרברויכט 5000 גאַלאָן גאַזאָלין.

די אַרבעט איז איינגעטיילט אַזוי: די פאַרם איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילונגען. יעדע אָפּטיילונג האָט אַ פאַרוואַלטער, עטלאַכע אויפזעער און אַ גרופּע אַרבעטער. עס זיינען אָנגעשטעלט ספּעציאַליסטן, וועלכע גיבן אַכטונג, אַז יעדער אַרבעטער זאָל טאָן דעם מאַקסימום אַרבעט.

יעדער אַרבעטער מוז טעגלאַך צושטעלן אַ באַריכט־קאַרטל צו זיין אויפזעער און אָנווייזן די אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרן טאָג אָפּגעטאָן. די קאַרטלאַך גייען איבער צום פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג און פון דאָרטן צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג.

דעם קליינעם פאַרמער אין יענער געגנט קאָסט אַרום 20 דאָלאַר צו באַאַרבעטן אַן אַקער ערד. קעמפּבעלען קאָסט עס בלויז 10 דאָלאַר.

אָט די גרויסע פאַרם געהערט אָבער ניט צו די, וועלכע טוען די אַרבעט אַף דער פאַרם. די פאַרם געהערט צו איין מאַן, צו קעמפּבעלען.

אַנדערש איז אין סאָוועטן־לאַנד. דאָרטן ווערן אויך געשאַפן אַזעלכע גרויסע פאַרמס. און די אַרבעט אַף די פאַרמס ווערט געטאָן מיט מאָדערנע מאַשינען. אָבער די פאַרמס זיינען קאָלעקטיווע און מעלוכישע. זיי געהערן צו די, וועלכע אַקערן די ערד און פאַרזייען זי. די אַרבעטער אַף דער פאַרם זיינען די באַלעבאַטים פון דער פאַרם.

פון דער אַרבעט אַף קעמפּבעלס פאַרם ווערט רייך נאָר קעמפּבעל און די אַרבעטער לעבן אין אָרים לעבן.

פון דער אַרבעט אַף די פאַרמס אין סאָוועטן־לאַנד געניסן אַלע אַרבעטער.

אַרבעטן:

1. וועלכע פאַרם־ווירטשאַפט איז בעסער: אַ גרויסע צי אַ קליינע?
2. אַ גרויסע פאַרם־ווירטשאַפט אין אַמעריקע געהערט צו — — — — —
3. אַ גרויסע פאַרם־ווירטשאַפט אין ס.־פ. געהערט צו — — — — — —
4. אַ גרויסע פאַרם־ווירטשאַפט אין ס.־פ., וועלכע געהערט צו אַלע, וועלכע אַרבעטן אַף דער פאַרם, הייסט — — — — — — — — —

דער פֿאַרמער אַרבעט שווער

שווער איז די אַרבעט פֿון דעם פֿאַרמער, אויב ער אַרבעט פֿאַר זיך אַליין. קיין טראַקטאָר און אַנדערע פֿעלד־מאַשינען קאָן ער ניט קויפֿן. דאָס קאָסט צופֿיל געלט. מוז דער איינצלנער פֿאַרמער צעאַקערן די ערד מיט אַ געווינטלאַכן אַקער. די אַרבעט איז שווער, און די ערד ווערט ניט גוט צעאַקערט.

אַף דעם בילד זעט איר, ווי אַ נעגערשער פֿאַרמער אַקערט זיין פֿעלד מיט אַ פּאָר אָקסן.

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד טוט די רעגירונג זייער אַ סאַך, אַז די פֿאַרמערס זאָלן זיך פֿאַראייניקן אין קאָלעקטיוון. דאָס הייסט, אַז אַ סאַך פֿאַרמערס פֿאַראייניקן זיך אין איין גרויסערווירטשאַפֿט. ס'איז דעמאָלט מעגלאַך צו קויפֿן מאָדערנע פֿעלד־מאַשינען.

דעמאָלט ווערט אי די אַרבעט גרינגער, אי דאָס פֿעלד איז בעסער באַאַרבעט און פֿאַרזייט.

זומער און האַרבסט

דער זומער האָט זיך אַרומגעקוקט:

— וואו זיינען דאָס די פאַרביקע בלימעלאַך אהינגע־קומען!

— וואָס פאַרבן זיך אַזוי מיינע בלעטעלאַך אין געל?

— וואָס איז געוואָרן דאָס פעלד אַזוי הויל?

ער האָט אַף דער זון אַ קוק געטאָן און זיך דערשראָקן:

— אַזוי פרי און פאַרגייט שוין!

ער האָט דערפילט דעם אָנקומענדיקן האַרבסט.

דער האַרבסט האָט מיט פייכטקייט און מיט קעלט אַף אים אָן אָטעם געטאָן, האָט אים מיט געלע בלעטער באַשאָטן און אים טרייבן גענומען:

— רוק זיך, ברודערל! אָט הייבן זיך שוין פון די לאָנקעס מיינע נעפּלען. רוק זיך אָפּ און לאָז אַן אָרט!

דער זומער האָט זיך אַזש פאַרטרייסלט און גענומען בעטן זיך:

— טרייב מיך ניט אַזוי, ברודערל! עס פליען דאָ נאָך אום מיינע פייגעלאַך, עס פלאַטערן דאָ נאָך אום מיינע באַבעלאַך.

האָט דער האַרבסט אַף אים מיט אַ ווינטל אַ פאָך געטאָן.

— רוק זיך אָפּ, לאָז אַן אָרט! מיינע ווינטן וועלן דיי־נע פייגעלאַך פאַריאָגן, דיינע באַבעלאַך פאַרטרייבן. זעסטו דען ניט, ווי זיי טרייסלען שוין די בלעטער פון די ביימער?

בעט זיך דער זומער:

— לאָז אָפּ אַ ווײַלע! זאָל די ערד נאָך אַביסל האָנאָע

האָבן פון דער וואַרימקייט פון מיין זון, זאָלן נאָך אַביסל איבער דער ערד שפּילן אירע שטראַלן.

דער האַרבסט האָט אַ וואָלקן איבערן הימל אָנגערוקט און האָט די זון פאַרשטעלט:

— רוק זיך אָפּ, לאָז אַן אָרט! אַן אָרט פאַר מיינע רעגנדלאַך צו שפּילן.

דאָ האָט דער זומער דערפילט, אַז זיין צייט איז אַוועק.

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר:

וועלקן — אויסטריקענען. בלעטער און בלומען וועלקן אין האַרבסט.

פלאַטערן — ציטערן, טרייסלען זיך, באַוועגן זיך, (עס פלאַטערן פאָנען. ציטערט ניט און פלאַטערט ניט).

שרייבט אויס באַזונדער די רייד פון זומער און האַרבסט און פון שרייבער. לייענט איבער די דערציילונג אין פערזאָנען (אַוטאָר, זומער און האַרבסט).

ש ר י י ב ט:

1. איך געזעגן זיך מיטן זומער.
2. די קינדער באַגעגענען דעם האַרבסט.

א רעטעניש

ווען די בלעטער פאַלן
פון די ביימער —
רויט ווי קופּער
געל ווי גאָלד
ווייסן דעמאָלט קליינע קינדער
— — — — — — — — — —

ווען עס פאַלט אַ שניי
אין דרויסן —
זילבער-פעדערלאַך,
פוכקע, ווייס,
ווייסן דעמאָלט קליינע קינדער
— — — — — — — — — —

ווען די ביימער
נעמען בליען,
פעלדער גרינען,
פויגל זינגען —
ווייסן דעמאָלט קליינע קינדער
— — — — — — — — — —

אונזער קאַלענדאַר

1. יאַנואַר	
2. פעברואַר	
3. מערץ	
4. אַפּריל	
5. מאַי	
6. יוני	
7. יולי	
8. אויגוסט	
9. סעפּטעמבער	
10. אָקטאָבער	
11. נאָוועמבער	
12. דעצעמבער	

1. אין אונזער קאַלענדאַר זיינען 12 מאָנאַטן.
12 מאָנאַטן איז אַ יאָר.
וויפיל טעג האָט דער מאָנאַט יאַנואַר?
2. לעבן די מאָנאַטן, ווען דו ביזט געגאַנגען אין שול, שרייב אָן: „געגאַנגען אין שול“.
3. לעבן די מאָנאַטן, ווען עס איז ווינטער, שרייב אָן: „ווינטער“.
4. לעבן די מאָנאַטן, ווען עס איז האַרבסט, שרייב אָן: „האַרבסט“.
5. לעבן די מאָנאַטן, ווען עס האָט געשנייט, מאָל אָן שנייעלאַך. ⁂
6. אין יעדן מאָנאַט שרייב אַריין די וויכטיקסטע ארבעטער נייס פון מאָנאַט.

דאָס יאָר

יאַנואַר, פעברואַר, מערץ און אַפּריל
לויפן מאָנאַטן פיר ווי אין אַ שפּיל:
יאַנואַר — איינס, פעברואַר — צוויי,
מערץ און אַפּריל — אָן אַן אָטעם נאָך זיי.

מאי, יוני, יולי, אויגוסט שוין אויך אין געיעג
מיט פּעק אַף די פּלייצעס פול זוניקע טעג:
מאַי, יוני, יולי — דריי, אויגוסט איז פיר
מיט שפּילן, מיט פריילאַכע גאַר אָן אַ שיר.

סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער, דעצעמבער,
מיט ווינטן, מיט וואָלקנס, מיט רעגנס פון עמער:
סעפּטעמבער איז איינס, אָקטאָבער איז צוויי,
נאָוועמבער, דעצעמבער שוין וואַרטן אַף שניי...

סאָוועטן-פאַרבאַנד



האַמער און סערפּ

האַמער: שמיד איך אייזן מיט מיין האַמער,
פליען פונקען, פונקען רויט.
איך און האַמער האָבן ביידע
גאָר דאָס לעבן אויסגעבויט.

סערפּ: פון פרימאָרגן ביזן אָוונט,
ביז די זון פאַרגייט אין רויט;
שנייד איך קאָרן מיט מיין קאָסע,
און פאַרגרייט די וועלט מיט ברויט.

האַמער: איך שמיד דאָס אייזן מיט געזאַנגען,
שמיד און שמיד און ווער ניט מיד.

סערפּ: איך שנייד אַראָפּ פון פעלד די זאַנגען,
שנייד און זינג דערביי אַ ליד.

האַמער: שטאַרקע האַנט, און פעסטער אָרעם,
האַמער-קלעפּ, און קלאַנג פון סערפּ,

סערפּ: פרייהייט, גלייכהייט, קאַמף און ליבע —
דאָס איז אונזער הערב...

שווערע ווערטער:
הערב — עמבלעם.

דעם 7־טן נאָוועמבער 1917

האָבן די ארבעטער און פּויערים
אין רוסלאנד פארטריבן די באַלע־
באַטים און פּריצים און איינגעפירט

אַ סאָוועטן־רעגירונג

די ערד אין סאָוועטן־לאַנד

ברייט און פעט איז די ערד אין סאָוועטן־לאַנד. מען דאַרף פאָרן טעג און נעכט, טעג און נעכט — מיט באַנען און מיט פערד, אַז מ׳וויל אויספאָרן דאָס גאַנצע לאַנד.

און אָט די ברייטע און פעטע ערד מיט די וועלדער און פעלדער האָט אַמאָל געהערט צו רייכע פּריצים. צע־אַקערט און פאַרזייט די פעלדער האָבן מיליאָנען הונגע־ריקע פּויערים. דאָס ברויט, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די פעלדער, האָבן אָבער צוגענומען די פּריצים.

די רייכע פּריצים האָבן געלעבט אין פּאַלאַצן, אין שיינע הייזער. און די מיליאָנען הונגעריקע האָבן געלעבט אין נידעריקע הייזלאַך מיט שטרויענע דעכער.

היינט איז עס אַנדערש. נישטאָ מער קיין רייכע פּרי־צים אין סאָוועטן־לאַנד. די ערד געהערט צו די, וועלכע באַאַרבעטן זי.

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר :

פּויערים — פּאַרמערס.

דער פינף־יאָריקער פּלאַן

(קינדערשעס)

אין סאָוועטן־לאַנד ווערט איצט דורכגעפירט אַ פינף־יאָריקער פּלאַן. מען וויל דעריאָגן און אַריבעריאָגן אַלע אַנדערע גרויסע לענדער. דער פּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן אין 1928, און אין פאַרלויף פון צוויי יאָר האָבן די אַרבעטער אויפגעבויט פאַבריקן פון אויטאָמאָבילן, טראַקטאָרס און אַנדערע מאַשינען. זיי בויען איצט אויך גרויסע קאָלעקטיווע הייזער פאַר די אַרבעטער, וואָס וועלן אַרבעטן אין די פאַבריקן. אין די הייזער וועט זיין גענוג פּלאַץ פאַר טויזנטער אַרבעטער־מישפּאָכעס. אויב די אַרבעט וועט זיך איינגעבן אַזוי ווי עס איז אויסגערעכנט, וועט דער פינף־יאָריקער פּלאַן דורכגעפירט ווערן אין פיר יאָר.

דערזעלביקער 5־יאָריקער פּלאַן ווערט אויך דורכגעפירט אין דאָרף. דאָס מיינט, אַז די פּויערים פאַראייניקן זיך און שאַפן ק אָ ל ע ק ט י ו ו ן. אָנשטאָט דעם, אַז יעדער פּויער זאָל אַרבעטן באַזונדער, אַף זיין אייגן שטיקל ערד, פאַראייניקט זיך אַ צאָל פּויערים אין א י י ן ק אָ־ ל ע ק ט י ו ו. די קאָלעקטיוון קריגן פון דער רעגירונג טראַקטאָרס און אַנדערע מאַשינען. די אַרבעט ווערט געטאָן שנעלער און בעסער. און טוואוע אַף די פעלדער וואַקסט מער און בעסער.

א ר ב ע ט:

1. די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווילן אין 5 יאָר — — — — — — —

די ערשטע ראַדיאָ

(אַ בילד פון אַ סאָוועטישן דאָרף)

ווען מ'האָט איינגעפירט די ערשטע ראַדיאָ אין אונזער דאָרף, איז באַ די איינוואוינער געווען אַן עמעסער יאָנטעוו. אוי, איז דאָס געווען אַ פרייד! אַ סימכע! מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, האָבן אַריינמאַרשירט די פּיאָנערן. גרעסער איז אָבער געווען די פרייד, ווען מ'האָט פּלוצלונג דער־הערט די שטימע פון אַ כאַווערטע, וואָס איז געשיקט גע־וואָרן קיין מאָסקווע אַלס מיטגליד פון אַ דעלעגאַציע. מענטשן האָבן זיך אַרומגעקוקט... מ'זעט ניט קיינעם. וואָס קאָן דאָס זיין?

אַלע זיינען איבערצייגט, אַז דאָס איז איר שטימע, און זי איז גאָר ניטאָ.

דער פּאַרזיצער פון דעם קלוב איז אויפגעשטאַנען און דערקלערט:

— די פּיאָנערן פון אונזער דאָרף האָבן געבויט אַ ראַ־דיאָ. זיי האָבן זי אָוועקגעשענקט דעם אַרבעטער־קלוב. פון היינט אָן און ווייטער וועט מען קאָנען הערן רעדעס, מוזיק א. אַז. וו. דורך דער ראַדיאָ.

קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט ביז איצט נאָך ניט גע־זען און ניט געהערט קיין ראַדיאָ. און דאָס איז פאַר זיי גע־ווען אַ גרויס וואונדער. באַלד איז צוגעלאָפן אַ פּיאָנערקע און געזאָגט, אַז זיי האַלטן אין בויען פינף אַזעלכע ראַדיאָס. זיי האָבן זיך איינגעטיילט אין גרופּעס. יעדע גרופּע מוז אין אַ קורצער צייט פאַרטיק מאַכן איין ראַדיאָ. אין זעקס וואָכן אַרום וועלן אַלע זיין פאַרטיק. דער אַרבעטער־מוזיק־קלוב וועט באַקומען איינע, דער אַרב.־קאָרעספּאָנדענטן־קלוב איינע א. אַז. וו.

זי איז אַרונטער פון פּלאַטפאָרמע און די ראַדיאָ האָט גענומען שפּילן דעם אינטערנאַציאָנאַל. אַלע האָבן מיט־געזונגען.

אַזאַ פרייד האָט אין דעם דאָרף נאָך קיינמאָל ניט געהערשט.

ווער האָט איינגעפירט די ראַדיאָ?

דער בלינדער

1.

אין אַ הויף אינמיטן דרויסן,
אינם יאָר נײַן-הונדערט ניינצן,
אין אַ קינדערהיים אַ גרויסן
צווישן קינדער, קליינע קינדער,
האָט געוואוינט אַ יאַט אַ בלינדער,

ווען איז ער אַהער געקומען,
וואו האָט מען דעם יאַט גענומען —
ווייסט ניט קיינער.
קיינער פרעגט ניט,
וואו זיין טאַטע איז פאַרבליבן.
אַלע ווייסן, אַז ער ווייסט ניט, —
ער איז אַלט ערשט
אַ יאָר זיבן.
וואָכן גייען,
און מע ווייסט ניט —
צי ער האָט אַמאָל געזען
אַט דאָס שטעטל, אָט דאָס קליינע.

2.

אַלע לערנען, אַלע לייענען
נייע ביכלאַך און פאַרשטייען:
ס'איז די וועלט ניט אַזאַ קליינע,
ווי די קינדער פלעגן מיינען.
אַלע לערנען, אַלע לייענען
נייע ביכלאַך און פאַרשטייען,
נאָר דער יאַט, וואָס קאָן ער זען,
ווען פאַרקלעפּט זיינען די אויגן,
מיט אַ הייטעלע פאַרצויגן.
ליגן יאַטלאַך און זיי הערן,
ווי באַנאַכט פון בלינדע אויגן,
טעמפּע אויגן,
פאַלן טרערן.

3.

אינם קינדער-הויז דעם גרויסן,
אינם הויף אינמיטן דרויסן
שפּילן זיך די קליינע קינדער.
יעדער האָט פון האָלץ אַ לאָשעק
מיט אַ קאָפּ און אויגן שטילע,
מיט אַ זאָטל, מיט אַ בייטשל
און אַ ביקסעלע אַפּילע.
רייטן יאַטלאַך אַף די פערדלאַך
און מע שפּילט זיך אין סאָלדאַטן
—עי אַהערצו, עי אַהינצו,
אַלע זיינען קאָמאַנדירן,
און מע ווייסט ניט וואו צו פירן.
נעכטן איז געווען דאָ פריילאַך,
ס'איז געווען דאָ זייער פריילאַך,
בערטשיק איז געווען אַ מיילאַך
און דאָס פאָלק זיינען די קינדער,
איז ער, בערטשיק, אַ צעקאַסטער
אַף אַ הויכן טיש געזעסן,
און כיי-ביילקע די קורנאָסע
איז געוועזן זיין פרינצעסן.
זי אַליין, די קייסערינע,
איז געשטאַנען און געשמייכלט,
מיט די אויגעלאַך געוואונקען,
און דער קייסער איז געזעסן,
וויין פון ראָזשינקעס געטרונקען
און וואַרעניקעס געגעסן.

אַף זיין קאָפּ — אַ קרוין אַ גרויסע
אין דער רעכטער האַנט —
אַ שטעקן,
אין דער לינקער האַנט —
אַ קויסע.

די וואַרעניקעס געגעסן
און אָן פאָלק האָט ער פאַרגעסן,
נאָר די יאַטלאַך די סאָלדאַטלאַך,
די פאַרשייטע פּיאָנערן
אַף די לאַשעקעס די לאַנגע,
ווער וועט שטערן, ווער וועט
שטערן.
האָבן גיך דעם טיש באַרינגלט,
מ׳האָט געקלאַפּט אין פוסטע
פעסער.
און די ראָד ווערט גרויס
און גרעסער.
און די יאַטלאַך שרייען הייסער
נידער, נידער מיטן קייסער!
זיצט דער קייסער אַזאַ בלאַסער,
און לעם אים די קייסערינע
ליגט און כאַלעשט, טרייע דינער
גיבן איר אַ זופּ טאָן וואַסער.
וועלכע דינער? אַלע זיינען זיך
צעלאָפן;
און דעם דינער דעם געטרייסטן
האָט אַ פרישע קויל געטראָפן.
פליען פעדרלאַך, פליען יאַטלאַך,
טראַסקען פעסער,
קוילן קנאַלן,
בערטשיק ליגט געשמידט
אין קייטן,
און...
דער קייסער איז געפאַלן.

— — — — — — — — —

שיינע שפּילן פלעגט מען שפּילן
אינם קינדערהיים דעם גרויסן,
נאָר דער בלינדער איז געזעסן,
האָט דער בלינדער ניט
פאַרשטאַנען,
וואָס פאַר שפּילן שפּילן קינדער:
ס׳האָבן אויגלאַך ניט געזעען,
ווייל ער איז געווען אַ בלינדער.

4.

גייען זיך אַזוי די יאָרן,
ווי די ריטשקעס נאָך אַ רעגן,
איז אַ יאָר און צוויי אַנטלאָפן,
קיינער זעט ניט ווען די יאָרן
לויפן בלוי אַף הויכע וועגן.
נעמען זיך צונויף די יאַטן,
און מע וויל די זאַך באַקלערן,
וואָס וועט זיין און וואָס וועט
ווערן
מיטן יאַטל מיטן בלינדן?
אַלע שרייבן, אַלע לייענען,
נאָר ער הערט ניט אויף צו וויינען.

זיצן יאַטן און זיי קלערן,
פלוצלונג רופט זיך אָן אַ יאַטל:
ס׳איז די זאַך נאָך ניט פאַרפאַלן,
כ׳האָב געלייענט אין זשורנאַלן,
אַז אין קיעוו, צי אין כאַרקאָוו,
צי אין לענינגראַד אין ווייטן
איז אַ שטוב אַזאַ פאַראַנען,
וואו סע וואוינען בלינדע יאַטן
און מע לערנט זיי דאָרט לייענען
אין אַזוינע בלינדע ביכער
מיט אַזעלכע מאָדנע ווערטער,
אַז אַפילו שטומע ריידן,
שטומע ריידן מיט די פינגער.
לאָמיר שיקן אונזער הילקען,
עפשער וועט אים ווערן גרינגער".
די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן,
די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן.
יאַטלאַך פיר האָט מען געקליבן,
זאָלן זיי אַוועק אַהינצו
אין אַנשטאַלט פון זייער שטעטל,
זאָל מען זאָגן, זאָל מען בעטן,
אַז מע זאָל זיך גיך דערוויסן
וואו סע שטייט די שטוב פאַר
בלינדע,

און אַהינצו הילקען שיקן,
נאָר אַביסל געלט אים געבן.
אָט אַזוי אין דינעם העפטל
האָט אַ יאַט אַליין פאַרשריבן.
וואוילע יאַטן, גוטע יאַטן,
מ׳איז געגאַנגען אין אַנשטאַלטן,
מ׳האָט געקראָגן אַכט מאַנדאַטן,
אַכט מאַנדאַטן, אַכט פאַפירן
און אַוועקגעשיקט דעם בלינדן
אין דער שטאָט דער ווייטער,
קיעוו,

.5

גייען זיך אַזוי די יאָרן,
קינדער לערנען אַ מעלאָכע:
דער אַ שוסטער, דער אַ שניידער,
דער אַ בלעכער, דער אַ בעקער,
מ׳האָט שוין שיר גאָר ניט
פאַרגעסן,
אַז געלעבט האָט אַמאָל הילקע,
אָט דאָס קליינע בלינדע יאַטל
אין דעם קינדערהיים דעם גרויסן.

פלוצלונג אין אַ טאָג אַ שיינעם,
נאָכן אורלויב, נאָכן אָפרו,
קומט די לערערקע צופאָרן
פון דער שטאָט דער שיינער,
קיעוו,
קומט און ברענגט אַ פאַק מיט
ביכער.
זיבן נייע כרעסטאָמאַטיעס,
געאָגראַפיעס, לידער נייע,
און אַ ליכטיקע יעדיע —
אַ גרוס פון בלינדן הילקען.
מ׳האָט די לערערקע באַרינגלט
און מע הערט אַ מאָדנע מייסע:
ס׳איז די לערערקע געגאַנגען
אַפן ראַשיקן קרעשטשאַטיק,
פלוצלונג זעט זי אַן אַפישע
הענגט אַ גרויסע אַף די סטויפעס:

„אַ קאָנצערט וועט זיין אַזעלכער,
וואָס איז לאַנג שוין ניט געוועזן,
שפּילן וועט אַ יאַט אַ בלינדער
מיט׳ן נאָמען הילקע ליפשיץ“.
זאָגט די לערערקע מיט גאַדלעס:
„בין איך גלייך צו אים געגאַנגען
„און דערמאָנט אים אָן די קינדער,
„און אַ גרוס פון אייך געבראַכט
אים—
„ער איז איצטער אויך אַ בלינדער,
„נאָר מע קאָן אים ניט דערקענען.
„ער האָט שטיל מיין האַנט
גענומען
„און געבעטן איך זאָל קומען.
„וואָס האָט זיך געטאָן אין קיעוו
„וועט אַ שרייבער שוין באַשרייבן“
נאָר די קינדער ווילן וויסן:
„וואָס האָט איר אים ניט
געבראַכט אונז,
„וואָס האָט איר אים ניט גענומען?“
און די לערערקע באַרואיקט:
„ער וועט קומען, ער וועט קומען“.
מ׳האָט אַ בריוו געשיקט צו
הילקען
און אַן ענטפער גיך באַקומען —
ער וועט קומען, ער וועט קומען!
הילקען פלעגט מען אָפט
דערמאָנען—
אָפטע בריוולאַך פלעגט ער שיקן,
אָפטע בריוולאַך, וואוילע גרוסן;
הילקען פלעגט מען אָפט
דערמאָנען—
ער, דאָס קליינע בלינדע יאַטל
שפּילט אין שטעט אַף די
קאָנצערטן,
און מע זאָגט ער וועט נאָך ווערן
גאָר אַ גרויסער, גרויסער פידלער,
און וועט נאָך אין מאָסקווע
שפּילן.

שווערע ווערטער:

א יאט — א אינגל.
לאָשעק — פערדל.
זאָטל — א לעדערן געזעס וואָס מען לייגט אַרויף אַפן פערד, מען זאָל קאָנען באַקוועם זיצן.
קורנאָסע — מיט א פאַרריסענעם נעזל.
מײלאַך — קעניג.
קויסע — בעכער, ווײן־גלאָז.
אורלויב — וואַקאַציע.
גאַדלעס — שטאָלץ.
קרעשטשאַטיק — א נאָמען פון א גאַס.

אַרבעטן:

1. וואו קומט פאָר די מייסע?
2. ווי אַזוי קאָנט איר אויסגעפינען, אַז די מייסע קומט פאָר אין סאָוועטן פאַרבאַנד.
3. שרייב אָן א מייסעלע: ווי די קינדער האָבן געלעבט אין קינדער־היים.
4. דערצייל מיט דײנע ווערטער: די שפיל פון די קינדער.
5. שרייב אָן: ווי אַזוי מען האָט געהאָלפן הילקען.

יאַסליעס („נוירסערי") אין א וואַלד פאַר שוואַכע אַרבעטער־קינדער.

טראַכט און טרעפט

וואָס איז דאָס?

אײנס האָט אַ האַנט
און אײנס האָט אַ קאָפּ,
קאָפּ איז אַרויף,
האַנט איז אַראָפּ.
אײנס פאַרן פעלד,
אײנס פאַר פאַבריק,

בײדע פאַר וועלט —
אַ פרײד און אַ גליק.
זײ האַלטן זיך פעסט,
צוזאַמענגעפרעסט,
מיט אַ שטאַרקן קלאַמער.
דאָס איז — — — — — —

קינדערשער אינטערנאַציאָנאַל

ס'האָט געשײנט די פרײלאַכע אוקראַאינער זון און ס'האָבן געשמעקט די לינדן־בײמער, ווען מיר זײנען צוגעפאָרן צום קינדער־שטעטל ל ע נ י נ ס ק. דאָס „שטעטל" איז אַ געזעמל פון עטלאַכע צענדליק הײזער, פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער אַ גרויסער שטרעקע און אַרומגערינגלט מיט אַ נידעריקן פּאַרקן.

דאָס שטעטל איז אַ גרויסע ק י נ ד ע ר ־ ה י י ם, וואו עס לעבן און לערנען זיך טויזנט קינדער, מערסטנס יעסוימים. דאָס איז אײנער פון די פיל אַנשטאַלטן, וואוהין די רעגירונג האָט אַרײנגענומען די הײמלאָזע קינדער, וועמעס עלטערן זײנען אומגעקומען אין קריג.

דאָס שטעטל הײסט לענינסק, און עס איז אַ נײעס אפילע אײנם לאַנד פון די סאָוועטן: עס איז אַ ק י נ ד ע ר ש ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל. דאָ וואוינען און לערנען אוקראַאינישע, רוסישע, אידישע און פּוילישע קינדער—יעדע נאַציאָנאַליטעט מיט איר שפּראַך. ביכלאַל איז אין אוקראַאינע אײנגעפירט, אַז עס זײנען דאָ באַזונדערע אידישע שולן פאַר אידישע קינדער, באַזונדערע אוקראַאינישע פאַר אוקראַאינער און אַזױ װײטער. דאָ, אײנם קינדער־שטעטל וואוינען אַלע קינדער צוזאַמען און אַלע זײערע שפּראַכן האָבן גלײכע רעכט.

גײט איר איבערן שטעטל, פון הויז צו הויז, פון שטאָק צו שטאָק, פילט איר זיך ווי אין אַ גרויסן בינשטאָק, וואו עס הורזשעט מיט אַרבעט. דאָ, ווי אין דעם גרעסטן טײל

רוסישע שולן, איז אָפּגעשאַפט דאָס אַלטע סיסטעם, וואו לערער האָבן געזאָגט און קינדער האָבן געהערט, און דאָס איז געווען דאָס גאַנצע לערנען. דאָ אַ ר ב ע ט מ ע ן — און דער לערער איז נאָר אַן אָ נ וו י י ז ע ר, אַן אָנפירער, אַ דערפאַרענער עלטערער כאַווער.

פון געביי צו געביי, פון זאַל צו זאַל האָב איך געוואַנדערט. אומעטום האָב איך געפונען לעבעדיקע פאַרינטערעסירטע אַרבעט. אָט איז די שלאָסעריי. אָט איז דער סטאָליער-וואַרשטאַט. אָט איז די טעפעריי, וואו מען מאַכט אַלערליי קינסטלערישע קיילים, וואַזעס, פיגורקעס. אָט איז אַ גרופע שילער פאַרנומען אַף אַ שטיקל ערד צווישן צוויי הייזער :: מען פאָלעט די קאַרטאָפליעס („פאָלען" הייסט אויסרייסן מיטן וואָרצל די ווילדע גראָזן). אָט שפילט זיך אַ גרופע אַף אַ פרייען פלאַץ. אָט זיצט אַ כעוורע פון זעקס-אַכט יאָריקע אַף קליינע בענקעלאך אין אַ זאַל און מען רייבט ברויט מיט פוטער אַף וואָס די וועלט שטייט : דאָס זיינען שוואַכערע קינדער, וואָס מוזן באַקומען מער שפייז, ווי די איבעריקע — גיט מען זיי עפעס קייען צווישן פרישטיק און מיטאָג. אָט זיינען די שלאָפזאַלן : אָרים, אָבער ריין, געראָם און לופטיק. קיין רייכקייט איז ניטאָ, קיין פיל באַקוועמלאַכקייט איז אויך ניטאָ, אָבער צוריק מיט אַ יאָר איז געווען אַ סאַך ערגער.

אין איין צימער שטויס איך זיך אָן אַף אַ גרופע יונגע לענינצעס-פיאָנערן. זיי דיסקוטירן עפעס אונטער דער אויפזיכט פון אַ „פירער" — אַ קאָמוניסטקע פון אַ יאָר אַכצן. איך ווייס, אַז יונגע לענינצעס פאַרפליכטן זיך צו שטרענגערער דיסציפלין, צו בעסערער פירונג, צו ערנסטערן לערנען. זיי דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר זייערע כאַווירים. פרעג איך : וועגן וואָס רעדט מען דאָ ? ווייזט זיך אַרויס אָט וואָס. אַטייל לערער וועלן באַלד אָוועקפאָרן אַף וואַקאַציע. די לימודים וועלן קימאַט אָפּגעשטעלט ווערן אַף אַ פאָר כאָדאָשים. ווען ס'וועט זיין ווייניקער לערער, וועט זיין ווייניקער ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אַף די קינדער. שמועסן איצט די יונגע לענינצעס, אַז מיטגלידער פון זייער גרופע — קינדער פון צען, צוועלף, פערצן יאָר — זאָלן אַף דער זומער צייט איבערנעמען אַ טייל אויפזיכט איבער די קלענערע יאָטן. קאָמוניסטן געוואוינען זיך פון קינדוויַיז אָן צו געזעלשאַפטלאַכער פאַראַנטוואָרטלאַכער אַרבעט.

א ר ב ע ט :

1. ווער פאַרזאָרגט די היימלאָזע קינדער אין ס.־פ. ?
2. לענינסק איז א ——————————————
3. די קינדער אין לענינסק ארבעטן און לערנען. רעכן אוים איבער וואָס זיי ארבעטן.
4. וואָס טוען די פּיאָנערן אין לענינסק ?
5. האָבן מיר אין אמעריקע אַזאַ קינדער־רעפּובליק ?

אַ קינדער קאָמונע גייט צו פעלד ארבעט.

אַ בריוו פון זיידן

בערל האָט אַ זיידן. וואוינט דער זיידע אין סאָוועטן־לאַנד. שרייבט בערל בריוו צום זיידן. ער בעט אים צו שרייבן וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועטן־לאַנד. איז אַ גוטער בערלס זיידע. שרייבט ער בריוו אַזעלכע שיינע, ווי מייסעלאַך. איז אַ פאַרגעניגן זיי צו לייענען.

דער לעצטער בריוו פון דעם זיידן צו בערלען לייענט זיך אַזוי:

„מיין ליב איניקל בערל. וואָס מאַכסטו? און וואָס מאַכן טאַטע־מאַמע? ווייסט, דיין זיידע איז געוואָרן אַ פויער. דו ווייסט דאָך, אַז פריער בין איך געווען אַ קרע־מער. כ'בין געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין קראָם, פאַר־קויפט הערינג פאַר אַ גראָשן און צוקער אַ האַלבן פונט. האָב איך שווער געאַרבעט און אָרים געלעבט. איז אָבער דעמאָלט אַ צאַר געווען, אַ קעניג אַזאַ אַ שלעכטער. היינט אָבער איז אוים מיטן קעניג. דאָס גאַנצע לאַנד געהערט צו אונז: צו די אַרבעטער און פויערים. מיר האָט מען געגעבן אַ שטיק ערד. אוי, אַרבעט זיך געשמאַק אַף דער ערד. און ברויט עסט מען אייגענעם.

אַ שאָד, בערל, וואָס דו קענסט ניט זען, ווי דיין זיידע אַקערט די ערד.

איצט, נאָך אַ נייעס, בערל. מ'האָט אויסגעקליבן דיין זיידן אין סאָוועט, אין דער רעגירונג מיינט עס. באַ אונז קאָן יעדער אַרבעטער און פויער זיין אין דער רעגירונג. עמעס, זיי מוזן באַווייזן, אַז זיי טוען אויף גוטע זאַכן פאַר די אַרבעטער און פויערים.

באַ אייך זיינען אין דער רעגירונג בלויז די באַלעבאַ־טים. באַ אונז — נאָר אַרבעטער און פויערים.

דיין זיידע."

בירא־בידזשאַן

ס'איז אַ לאַנד אַזאַ פאַראַן
הייסט דאָס לאַנד: בירא־בידזשאַן.
דאָרט מען פאָרן אַהין מיט באַן,
מיט וואָגן־פערד און עראָפּלאַן.

אין בירא־בידזשאַן נאָר אַ טייל פון'ם לאַנד,
וואָס טראָגט דעם נאָמען „סאָוועטן־פאַרבאַנד".
איז די ערד דאָרט ליידיק, וויסט
און ווייניק מענטשן פון איר גענישט.

פאָרן איצט אידן אין בירא־בידזשאַן
מיט פערד און וואָגן און מיט באַן.
אַקערט מען די ערד דאָרט און הייזער דאָרט מען בויט,
ווערן אידן פּויערים און עסן אייגן ברויט.

א ר ב ע ט:

גענפין אויס:

1. וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד: בירא־בידזשאַן?
2. ווער פאָרט אַהין?

ווילי זאַמלט געלט פאַרן „איקאָר"

סעם האָט באַגעגנט ווילין אין גאַס. האַלט ווילי אַ קעסטל אין האַנט. און אַפן קעסטל איז אָנגעשריבן „איקאָר". פרעגט סעם ווילין:

— וואָס טוסטו מיטן קעסטל?

— איך זאַמל געלט, — ענטפערט ווילי.

— ווער איז „איקאָר", פאַר וועמען דו זאַמלסט געלט?

האָט ווילי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— צייט דאָ צו שטיין און צו דערקלערן דיר אַלץ האָב איך נישט. ווייסט דאָך, אַז איך טו אַן ארבעט. און די ארבעט איז זייער אַ וויכטיקע. נאָר אויב דו ווילסט אַרומגיין צוזאַמען מיט מיר, וועל איך קאָנען טאָן מיין ארבעט און דערווייל דיר אַלץ דערקלערן.

—גוט, — האָט סעם איינגעשטימט.

אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ מאַן. ווילי האָט דערקענט, אַז ס'איז אַן אַרבעטער. האָט ער אַ קלונג געטאָן מיטן געלט אין קעסטל און זיך געווענדט צום מאַן:

— גיט פאַרן „איקאָר", דער אָרגאַניזאַציע, וואָס העלפט דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־לאַנד.

דער מאַן האָט אַ שמייכל געטאָן, אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ מאַטבייע און אַריינגעוואָרפן צו ווילין אין קעסטל.

— איצט פאַרשטייסטו שוין, פאַר וועמען איך זאַמל געלט און ווער עס איז דער „איקאָר" ?

— ניט אַלץ, — האָט סעם געזאָגט. — וואָס מיינט דאָס אידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־לאַנד ?

— הער, סעם. די סאָוועטן־רעגירונג טיילט אויס גרויסע שטיקער ערד, אַף וועלכע אידן באַזעצן זיך און ווערן פּויערים.

עס זיינען דאָ אַ סאַך אידן אין סאָוועטן־לאַנד, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין ארבעטער אָדער פּויערים. הענדלער און פּעדלער זיינען זיי געווען. איצט ווערן אָט די אידן ארבעטער און פּויערים. די סאָוועטן־רעגירונג העלפט זיי.

די ארבעטער אין אמעריקע פאַרשטייען ווי וויכטיק עס איז, אַז די אידישע הענדלער און פּעדלער זאָלן ווערן ארבעטער און פּויערים און העלפן דער סאָוועט־רעגירונג.

אָט די ארבעט טוט דער „איקאָר".

— אויב אזוי וויל איך דיר אויך העלפן אין דער ארבעט, — האָט זיך אָנגערופן סעם.

און ביידע, סעם מיט ווילין, האָבן אַ גאַנצן טאָג גע־זאַמלט געלט פאַרן „איקאָר“.



דאָס איז אַ טראַקטאָר.

דער „איקאָר“ האָט שוין אַוועקגעשיקט אַ סאַך אַזוינע טראַק־טאָרס צו די אידישע פויערים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געפינט אויס: צו וואָס דאַרפן פויערים אַזאַ טראַקטאָר?

וואָס די „איקאָר“־סעקציע אין אונזער שול האָט אויפגעטאָן.

מיר האָבן איינגעאָרדנט אין שול אַן „איקאָר“־ווינקל. מיר האָבן געקראָגן פון „איקאָר“ אַ לאַנד־קאַרטע פון בירא־בידזשאַן און זי אויפ־געהאַנגען אַף דער וואַנט.

די קינדער האָבן געבראַכט בילדער, ווי די אידישע פאַרמערס אַרבעטן אַף די פעלדער.

איין קינד האָט אָנגעשריבן אַ ליד „דער אידישער פאַרמער“, און אַ צווייט קינד האָט אָנגעשריבן אַ קאָמפּאָזיציע „פון קרעמער ווערן פאַרמער“.

מיר האָבן גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון עטלאַכע אַרבעטער־שולן אין אונזער געגנט, קעדיי דורכצופירן אַ געלט־זאַמלונג און העלפן דעם „איקאָר“ צו שיקן טראַקטאָרס פאַר די אידישע פאַרמערס אין בירא־בידזשאַן.

מיר האָבן אויך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט קינדער, וואָס גייען ניט אין דער שול.

די רויטע פלייט

טוט אַ בלאָז די רויטע פלייט,
הייסט עס, אַז דער סוינע גייט.
לאָזט מען שטאָט און שטעטל שטיין
און אין שלאַכטן מוז מען גיין.

היים און היגע לאָזט מען איבער
און מ׳גראָבט זיך שיצנגריבער,
און דעם סוינע קאָסט עס טייער,
ווייל מ׳גיט אים שמעקן פייער.

אונזער ערד און אונזער וועלט,
אונזער סאָד און אונזער פעלד,
ניין, מיר לאָזן מער נישט רויבן
אונזער קאָרן, ווייץ און טרויבן.

היידאַ, היידאַ, מיידל, אינגל!
נישט געשאַרפט דאָס שאַרפע צינגל,
נאָר געראַנגלט און געראַנגלט,
ווייל אין מענטשן איז אַ מאַנגל.

און פאַרוים און אויבנאָן,
פלאַמען וועט די רויטע פאָן.
זי וועט וועקן דערפער, שטעט,
צום אַלוועלטלאַכן סאָוועט.

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר :

היגע — די וואָס וואוינען דאָ.
שיצנגריבער — גריבער, וואו סאָלדאַטן ליגן (ענגליש — טרענטשעס).
געראַנגל — קאַמף.
מאַנגל — עס איז ווייניק, עס פעלט אויס.

א ר ב ע ט :

1. ווער זינגט דאָס ליד?
2. ווער איז דער סוינע?
3. די אַרמיי וויל מאַכן איבער דער גאַנצער וועלט — — — — — — —

רויט־ארמייער

קלאַפּט דער פּויק — עס גייען רייען,
פּעסט און מונטער הילכן טריט;
טראַ־טאַ, טאַ־טאַ — ווי אַף אייזן
וואָלטן האַמערס פּעסט געשמידט.

גייען רייען — טראַ־טאַ, טאַ־טאַ,
אַף די אַקסלען — ביקס און שפּיז.
יעדער איינער — קאָפּ געהויבן
יעדער איינער איז אַ ריז.

ווער רעגירט אין אַמעריקע און ווער רעגירט אין סאָוועטן־לאַנד?

סידני איז געקומען פון סקול, אַוועקגעלייגט די ביכער און זיך אַוועקגעזעצט אַ ברויגעזער.

— וואָס איז? — האָט די מאַמע געפרעגט סידנין.
סידני שווייגט.

— פילסט זיך עפּעס נישט גוט? דערצייל, וואָס ס'איז פאָרגעקומען.

— פאַרשטייסט, — האָט סידני אָנגעהויבן אַן אויפגערעגטער, — איך דערקלער הערין, אַז אין אַמעריקע רעגירן די רייכע און אין סאָוועטן־לאַנד רעגירן די אַרבעטער און פּויערים און ער, הערי, וויל עס ניט פאַרשטיין.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט געפרעגט די מאַמע.

— ער זאָגט מיר, אַז די רעגירונג אין אַמעריקע איז פּאַר אַלע. און איך באַווייז אים, אַזוי קלאָר ווי מעגלאַך, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג איז אַ פריינט פון די רייכע און אַ סוינע פון די אַרבעטער.

— ווי אַזוי האָסטו עס אים דערקלערט ? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן.

— הערסט. איך ווייז אים, אַז די אַרבעטער לעבן אָרים, אַז מיליאָנען אַרבעטער גייען אַרום אָן אַרבעט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג באַשטראָפט אַרבעטער, אַז אַר־בעטער ווערן אַפילע געטויט. און ער וויל עס ניט פאַר־שטיין !

די מאַמע האָט סידנין באַרואיקט:

— זיי ניט ברויגעז. וועסט רעדן נאָכאַמאָל צו אים. הערים טאַטע איז אַן אַרבעטער, און הערי וועט געוויס פאַרשטיין.

נאָר אַ סאָוועטן רעגירונג
וועט באַפרייען די אַרבע־
טער און אָרימע פּאַרמער

די פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

F. S. U.

דער טאטע מיט דער מאמען האָבן מיטגענומען מענדלען אין קאָליסייאום. ווען מענדל איז אריין אין קאָליסייאום האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ.

— אר־ווא !—האָט ער אויסגעשריען. — זע נאַר, וויפל מענטשן ! עפשער האַלב ניו־יאָרק !

— יאָ, מיין זון, — האָט זיך אָנגערופן דער טאַטע, — דאָ געפינען זיך איצט צוואנציק טויזנט מענטשן.

— וואָס וועט היינט דאָ פאָרקומען, טאַטע ?

— היינט וועט מען דאָ דערציילן פאר די ארבעטער וועגן דעם סאָוועטן־פארבאנד. ווי די ארבעטער און פּויערים בויען דאָס לאנד. ווי גליקלאך עס זיינען די ארבעטער און פּויערים פון סאָוועטן־פארבאנד וואָס זיי האָבן זיך באַפרייט פון די באַלעבאטים.

— ווער וועט דערציילן ? — האָט מענדל געפרעגט.

— די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע „פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאנד”. — האָט געענטפערט דער טאַטע.

— וואָס ווילן די „פריינט פון סאָוועטען פארבאנד ?”

— די „פריינט פון סאָוועטן פארבאנד” ווילן, אַז די ארבעטער און פּויערים פון אמעריקע זאָלן ווערן פריינט פון סאָוועטן־פארבאנד. טאָמער וועלן די באַלעבאטים פון אמעריקע און פון אנדערע לענדער וועלן מילכאָמע האַלטן מיטן סאָוועט־פארבאנד, זאָלן די ארבעטער און פּויערים ניט גיין אף דער מילכאָמע.

— פאַרוואָס ווילן די באַלעבאַטים מילכאָמע האַלטן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד ? — האָט מענדל געפרעגט.

— פאַרוואָס ? . אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען קיין באַלעבאַטים נישטאָ. אַלץ געהערט צו די אַרבעטער און פויערים. די באַלעבאַטים פון די אַנדערע לענדער האָבן שטאַרק מוירע, אַז די אַרבעטער און פויערים פון זייערע לענדער וועלן זיך אויך באַפרייען אַזוי ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָ האָט זיך דערהערט די מוזיק. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און אָנגעהויבן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

שווערע ווערטער:

קאָליסייאום — אַ גרויסער זאַל אין ניו־יאָרק, וואָס נעמט אַריין 20,000 מענטשן.

די אַרבעט פון דער סעקציע „פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד".

די קינדער פון אונזער שול האָבן אַליין צונויפגעשטעלט אַן אויפרוף, עס אָפּגעדרוקט אַף אַ העקטאָגראַף און אים פאַרשפּרייט אין אונזער געגנט צווישן די אַרבעטער און אַרבעטער־קינדער.

דער אויפרוף דערציילט וועגן די אַרבעטער און פויערים אין סאָוועטן־לאַנד, ווי זיי האָבן זיך באַפרייט פון זייערע באַלעבאַטים. אין דעם אויפרוף האָבן מיר אויך דערקלערט, אַז יעדער אַרבעטער אין אַמעריקע דאַרף זיין אַ פריינט פון סאָוועטן־לאַנד.

מיר האָבן זיך אויך פאַרבונדן מיט אַ קינדער־שול אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן זיי געשריבן וועגן אונזער לעבן דאָ אין לאַנד און געבעטן זיי, צו שרייבן אונז וועגן זייער לעבן אין סאָוועטן־לאַנד. מיר האָבן אין דעם בריוו אַריינגעלייגט בילדער וועגן דעם אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע.

אַרבעט און אַרבעטער

אַרבעטלייט

פויער: איך בין דער, וואָס וואַכט אויף פרי,
וועז די זון, ווי פייער פלאַקערט,
און וואָס בראַנעוועט און אַקערט,
און וואָס שפּייזט זיך פון זיין מי.

כאָר: אַרבעט, אַרבעט פון פרימאָרגן,
זיי די פעלדער, צייט ניט רייב!
אין דעם שוויים פון דיין לייב
וועסטו זיך מיט ברויט פאַרזאָרגן.

בויער: איך בין דער, וואָס בויט די וועלט
הייזער פּרעכטיקע און טורעמס
וואו באַשיצט איז מען פון שטורעמס,
פון געוויטערן פאַרשטעלט.

כאָר: אַרבעט, אַרבעט, בוי און מויער!
האָלץ און שטיינער, האַק אוים שנעל —
אַז פּאַלאַצן זאָלן העל
שיינען אויך אַף גאַס אַף גרויער.

מעטאַלגיסער: איך בין דער, וואָס האָט פאַרשפּרייט
גאַנצע נעצן אייזנבאַנען,
טראַקטאָרן — פאַר פעלד פאַרגרייט
און פאַר לאַנד — עראָפּלאַנען.

כאָר: אַרבעט! אַרבעט! הענטיק, פּיסיק,
שטאָל און אייזן ברען און בויג,
פורעם, קנעט אוים, ווי אַ טייג,
און ווי וואַסער, מאַך עס פליסיק.

שנײדער: איך בין דער וואָס וועלט באַקליידט.
שוסטער: איך באַזאָרג די וועלט מיט שיך.

אינזשענער: איך — פון האָלץ, פון שטיין און אייזן
גלייך אויס, מעסט אויס לענג און ברייט.

שווערע ווערטער:
אַקערן — אויפרייסן די ערד, איידער מען פאַרזייט.
בראַנעווען — גלאַט מאַכן די אויפגעשאַרטע ערד.
פּרעכטיק — זייער שיין.

אַרבעט:
1. גיב איבער מיט דיינע ווערטער: וואָס טוט יעדער איינער פון די אַרבעטער?
גיב צו נאָך צוויי אַרבעטער, וואָס זיינען אין ליד ניטאָ.
גיב אָן זייערע אַרבעטן.

פאַרוואָס איז ניטאָ קיין בייגל?

אין בעקעריי איז ניטאָ קיין בייגל.

געגאַנגען אַ אינגעלע אין בעקעריי נאָך בייגל. געקומען צו דער טיר, זעט ער אַז אויף איר אַן אויפשריפט: „פאַרשלאָסן". קלאַפּט ער אָן אין טיר. גייט אַרויס דער בעקער און פרעגט:
— וואָס דאַרפסטו?
— בייגל.
— ניטאָ קיין בייגל.
— פאַרוואָס איז ניטאָ קיין בייגל?
— מ'האָט ניט געבראַכט קיין מעל פון מיל.
— פאַרוואָס האָט מען ניט געבראַכט?
— איך ווייס ניט. קענטיק, די מיל האָט אויפגעהערט אַרבעטן.

די מיל אַרבעט ניט.

דער אינגל לויפט צו דער מיל. געקומען, זעט ער אַז דער טיר אַ שלאָס.
— איי! — שרייט דער אינגל, — פאַרוואָס איז בא אייך די מיל פאַרשלאָסן? פאַרוואָס אַרבעט זי ניט? פאַרוואָס שיקט זי ניט קיין מעל אין שטאָט?

גייט אַרויס דער מילנער און זאָגט:

— וואָס האָסטו זיך צעשריען, שטערסט שלאָפֿן. עס אַרבעט הײַנט ניט די מיל און גאָר.

— אָט פֿרעג איך טאָקע פֿאַרוואָס זי אַרבעט ניט.

— ניטאָ וואָס צו מאָלן, דערפֿאַר אַרבעט זי ניט.

— וואָס הייסט, ניטאָ וואָס צו מאָלן?

— אַזוי, ניטאָ, די פֿויערים האָבן ניט געבראַכט קיין קערנער.

— אָט פֿאַרוואָס ס'איז קיין בייגל ניטאָ! איך וועל אַ לויף טאָן צום פֿויער.

דער פֿויער אַקערט ניט.

דער אינגל קומט צום פֿויער. יענער זיצט אַפֿן גאַניק און דרעמלט.

— וואָס זיצסטו? — פֿרעגט דער אינגל. — דו ווייסט סיידן ניט, אַז אין שטאָט איז קיין ברויט ניטאָ?

— איך ווייס, — זאָגט דער פֿויער.

— פֿאַרוואָס־זשע פֿירסטו ניט קיין קערנער אין מיל?

— איך האַלט זיי פֿאַר זיך. אויב איך וועל אָוועקפֿירן דעם קאָרן, וועל איך אַליין ניט האָבן וואָס צו עסן.

— ס'וועט דאָך זײַן אַ נייע געראָטעניש, — זאָגט דער אינגל.

— קיין נייע וועט ניט זײַן.

— פֿאַרוואָס?

— איך האָב דאָס פֿעלד ניט געאַקערט.

— פֿאַרוואָס ניט געאַקערט?

— ניטאָ מיט וואָס צו אַקערן. מיט די הענט קאָן מען ניט. די פֿאַבריק שטייט און קיין נייע אַקערס קאָנען מיר ניט קויפֿן.

— אָט וואָס איז די סיבע! הייסט דאָס, אַז דער גאַנצער אָפּהאַלט איז אין די פֿאַבריקן.

די פֿאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט.

לויפֿט דער אינגל צו דער פֿאַבריק. דאָרטן איז שטיל. דער הודאָק הודעט ניט, די מאַשינען קלאַפּן ניט. די אַרבעטער אַרבעטן ניט, גייען אַרום ליידיק איבער'ן הויף. דער אינגל לויפֿט צו די אַרבעטער און פֿרעגט:

— פאַרוואָס מאַכט איר ניט קיין אַקערס?
— עמעס, מיר מאַכן ניט, — ענטפערן די אַרבעטער.
— איר ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ מיט וואָס די ערד צו אַקערן?
— מיר ווייסן...
— צוליב דעם איז דאָך אין שטאָט קיין בייגל ניטאָ,— זאָגט דער אינגל.
— וואָס בייגל, ס'איז קיין ברויט אויך ניטאָ... — זאָגן די אַרבעטער.
— פאַרוואָס־זשע אַרבעט איר ניט?
— ניטאָ פון וואָס אַקערס צו מאַכן. ס'איז אויסגעגאַנגען אינגאַנצן דאָס אייזן־אַרץ. פון די אייזן־גרובן שיקט מען ניט צו. אָט דרייען מיר זיך אַרום אָן אַרבעט.
— איך פאַרשטיי! — שרייט אויס דער אינגל. — אַלץ ווענדט זיך אָן אייזן־אַרץ. מ'דאַרף זיך לאָזן צו די אייזן־גרובן, דערוויסן זיך, וואָס שלאָפן זיי.

אין די אייזן־גרובן.

קומט ער אין די אייזן־גרובן, פרעגט באַ די אַרץ־גרעבער:
— אייזן־אַרץ האָט איר?
— פאַראַן, וויפל דו ווילסט.
— פאַרוואָס שיקט איר ניט אַף דער פאַבריק. די פאַבריק שטייט דאָך.
— מיר קענען ניט שיקן.
— שיקט וואָס־גיכער אייזן־אַרץ אַהין...
— מיר וואָלטן זייער גערן שיקן, נאָר ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו פירן...
— וואָס הייסט, ס'איז ניטאָ! נו, און דער צוג?
— דאָס איז דאָך טאַקע די מייסע, וואָס דער צוג גייט ניט, און מיר זיצן דאָ מיט אונזער אייזן־אַרץ.
— אַהאַ, — זאָגט דער אינגל, — אַפּאָנים די אייזנבאַן איז די הויפּטזאַך. איך וועל זיך אַ לאָז טאָן אַהין.

די צוגן גייען ניט.

אַף דער סטאַנציע פייפט נאָר איין לאָקאָמאָטיוו. די וועגן זיינען פריי, ניטאָ קיין וואַגאָנעס. ווענדט זיך דאָס אינגל צום עלטסטן פון דער סטאַנציע:

— פאַרוואָס שיקט איר ניט קיין צוגן אין די אייזן־גרובן. דאָרטן ליגט באַ זיי אַ סאַך אייזן־אַרץ, די פאַבריק האָט זיך געשטעלט.

— עס קאָן זיין, — ענטפערט דער עלטסטער, — נאָר איך קאָן גאָרניט העלפן.

— פאַרוואָס ?

— ווייל ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו הייצן די לאָקאָמאָ־טיוון. ניטאָ קיין קוילן, ניטאָ קיין נאַפט. אָן הייצונג קאָן זיך דער צוג ניט רירן פון אָרט.

— הייסט דאָס, אַז נאַפט'איז גאָר די הויפטזאַך.

— יאָ, טאַקע, — ענטפערט אים דער מאַשיניסט.

— גוט, — זאָגט דער אינגל, — איך וועל זיך באַלד דערוויסן, פאַרוואָס ס'איז קיין נאַפט ניטאָ.

קאַמף פאַר נאַפט.

קומט דער אינגל צו די נאַפט־קוואַלן. דאָרטן שיסט מען, שטייען בראָנירטע צוגן, גייען אַרום רויטע אַרמייער מיט ביקסן.

— גוט מאָרגן! — שרייט דער אינגל, — וואָס טוט איר דאָ ?

— מיר האַלטן מילכאָמע.

— מיט וועמען ? צוליב וואָס ?

— לאַנג צו דערקלערן.

— נישקאָשע, איך אייל זיך ניט, זאָגט!

— מיר שלאָגן אָפּ באַם סוינע די נאַפט. זיי זיינען געקומען אין אונזער לאַנד און ווילן זי צונעמען.

— מיר דאַרפן דאָך אויך נאַפט!

— דאָס איז דאָך די גאַנצע מייסע. דערפאַר שיסן מיר דאָך.

—לאַנג וועט איר נאָך מילכאָמע האַלטן ?

— ניין, ניט לאַנג. דער סוינע טרעט שוין אָפּ. מיר וועלן אים שוין אינגיכן גאָר פאַרטרייבן.

— גוט, — זאָגט דער אינגל און האָט זיך צוגעזעצט, — האַלט מילכאָמע, זיגט. איך וועל אויסוואַרטן. קענטיק, צוליב דער מילכאָמע איז דאָס אַלץ.

די פאָנטאַנען וואַרפן נאַפט.

זיצט דער אינגל און וואַרט; הערט, די שיסעריי איז שטיל געוואָרן. ניטאָ קיין סאָנים, פאַרטריבן. די רויטע אַרמייער פאָרן אַהיים. עס גייען אַרבעטער מיט האַמערס.
— נו, וואָס, — פרעגט דער אינגל, — נאַפט וועט שוין אינגיכן זיין?
— גיך, — ענטפערן די אַרבעטער. — אין איר איז שוין קיין אָפּהאַלט ניטאָ, זי שפּאַרט אַליין פון דער ערד.
— ווי אַ פאָנטאַן? — פרעגט דער אינגל.
— יאָ, ווי אַ פאָנטאַן.
— אַנו, ווייזט וואו?
— אָט, דאָרטן, גיי גיב אַ קוק.
צוגעלאָפן דער אינגל. ריכטיק, דער פאָנטאַן קלאַפּט: נאַפט איז שוין דאָ אַ גאַנצער טייך.
— גיך, — שרייט דער אינגל, — שיקט צוגן מיט נאַפט אַף אַלע וועגן.
— ע, דו האָסט זיך פאַרשפּעטיקט, — זאָגן די אַרבעטער, — גיי אַף דער סטאַנציע, גיב אַ קוק, וואָס דאָרטן טוט זיך.

די צוגן גייען.

קומט צולויפן דער אינגל אַף דער סטאַנציע. דאָרטן הודיען די לאָקאָמאָטיוון, ניט איינער, נאָר צען, צוואַנציק. לאַנגע צוגן ציסטערנעס.
— וואָס איז אָנגעגאָסן אין די ציסטערנעס? — פרעגט דער אינגל.
— נאַפט, — ענטפערט מען אים.
— וואָס האַלט איר אים דאָ? צעשיקט איבער אַלע וועגן, ס'איז דאָך ניטאָ מיט וואָס צו הייצן די לאָקאָמאָטיוון.
— מיר ווייסן אַליין, — ענטפערט דער מאַשיניסט, — מיר האָבן צעשיקט אַזעלכע ציסטערנעס טויזנטער.
— דאָס איז גוט, — זאָגט דער אינגל, — און דו וואָס פירסט?
— אויכעט נאַפט, — ענטפערט דער מאַשיניסט.
— זייער גוט, וועסט מיך עפּשער אונטערפירן, כאַווער מאַשיניסט?
— פאַרוואָס ניט, קריך, נאָר האַלט זיך שטאַרק, איך וועל פאָרן גיך, אַ שאָד די צייט.

אייזן־ערץ אין די צוגן.

קומט דער אינגל אין די אייזן־גרובן, שפּרינגט אַראָפּ פון לאָקאָמאָטיוו.

— עי, — שרייט ער, — די צוגן זיינען אַוועק, פּאַקט אייער אַרץ אין די וואַגאָנעס.

די אַרץ־גרעבער לאַכן:

— פון וואַנען האָסטו זיך גענומען? בײַ אונז איז שוין באַלד קיין אַרץ ניטאָ.

— וואוהין איז דאָס אַהינגעקומען?

— מען האָט אָנגעפּאַקט די צוגן און צעשיקט אַף די פּאַבריקן.

— אַזוי גיך?

— מיר האָבן געפּאַקט מיט עלעקטרישע פּאַקער, מיר האָבן קיין צייט ניט צו וואַרטן.

— דאָס איז גוט! — שרייט אויס דער אינגל, — עפּשער איז די פּאַבריק שוין אויך אַוועק. כ׳וועל לויפן אַהין.

די פּאַבריק ארבעט.

אַף דער פּאַבריק איז אַ טומל, אַ קלאַפּעריי. אין די דאַמנעס צעלאָזט מען דאָס אייזן, מ׳לאָזט דאָס אייזן אין דער אַרבעט.

— נו, וואָס, — שרייט דער אינגל, — ניטאָ ערשט קיין מעניע אין אייזן־אַרץ?

— זעסט דאָך אַליין, — ענטפערט אים דער אַרבעטער.

— מאַכט־זשע אַקערס און צעשיקט זיי אַף גיך אין די דערפער.

— אַ דאַנק פאַר אַן איצע, — לאַכן די אַרבעטער. — איצט האָבן מיר שוין גענוג אַקערס, און אַ סאַך צעשיקט שוין.

— ווי האָט איר באַוויזן אַזוי גיך?

— מיר ארבעטן מיט מאַשינען טאָג און נאַכט.

— אַרבעט, כעוורע, איך וועל אַ לויף טאָן צום פויער, זען, וואָס טוט ער.

די פאַבריק ארבעט שוין !

דער פויער אין פעלד.

געקומען צולויפן צום פויער. ניטאָ אינדערהיים.
— וואו איז דער פויער ? — פרעגט דער אינגל.
— אַפן פעלד, — ענטפערט מען אים. — פאַרטאָג אַוועקגעפאָרן.

דער אינגל לאָזט זיך אין פעלד. ער זעט, דער פויער ענדיקט שוין אַקערן.

— גוט מאָרגן, — זאָגט דער אינגל, — ווי אַזוי אַרבעט דער נייער אַקער ?
— ניטאָ וואָס צו רעדן, אַ גוטער אַקער.
— פֿאַרוואָס־זשע ענדיקסטו ניט אַקערן ?

— גענוג שוין היינט געאַקערט, — ענטפֿערט דער פֿויער, — איך דאַרף נאָך פֿאָרן אַף דער מיל, צעמאָלן פֿאַראַיאָריקע קערנער.

— פֿאָר, פֿאָר, — זאָגט דער אינגל, — נעם מיך אויך, איך בעט דיך.

די מיל מאַכט מיט די פֿליגלען.

קומט צופֿאָרן דער אינגל אַף דער מיל, זעט, די פֿליגלען דרייען זיך, אַרום דער מיל שטייען זעק מיט מעל, אַביסל ווייטער — פֿורן מיט זעק. דער מילנער גייט אַרום איינגאַנצן אַ ווייסער, מיט מעל באַשטויבט.

— אָ, — שרייט דער אינגל, — אַ סאַך קערנער געבראַכט. גוט אַרבעט די מיל. וואוהין האָסטו דעם שלאָס אַהינגעטאָן ?

— ניטאָ קיין צייט צו שמועסן ! ס'איז דאָ אַרבעט. קום אַן אַנדערש מאָל.

ס'איז דאָ בייגל און ברויט.

קומט דער אינגל אין בעקעריי — די טיר איז אָפֿן.
— וואָס ווילט איר ? — פֿרעגט דער בעקער.
— ווייסע כאַלע איז דאָ ?
— דאָ. וויפֿיל אָפּוועגן ?
— ברויט איז פֿאַראַן ?
— פֿאַראַן.
— בייגל אויך ?

— וואָס איר ווילט און וויפֿיל איר ווילט. אַלץ איז דאָ. די בעקעריי אַרבעט פֿון גאַנץ פֿרי אָן.

— אָט, דאָס איז גוט, — זאָגט דער אינגל, — הייסט עס, ווען מ'האָט דעם סוינע פֿאַרטריבן, איז די נאַפֿט באַ אונז פֿאַרבליבן, איז אַלץ פֿאַראַן. נו, וועגט מיר אָפּ אַ פֿונט

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר :

געֿרעטעניש — ווען עס גייט אויף נייע טוואוע אין פעלד.

הוראק — פאַבריק פייפל.

הודיען — רוישן.

דער צוג — די אייזנבאַן (ענגליש: רײלראוד)

נאַפט — אויל.

ציסטערנעס — אויל־טאַנקען.

דאַמנעס — אויוונס וואו מען שמעלצט אייזן.

מעניע — שטערונג.

א ר ב ע ט ן :

1. די מייסע קומט פֿאַר אין — — — — — — — — — — — — — — — — — —
2. איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז עס קומט פֿאַר אין דעם לאַנד, ווייל דאָרטן רעדט זיך וועגן: (שטרייך אונטער דעם ריכטיקן ענטפֿער):
מילכאָמעס, נאַפט, רויטער ארמיי, אַ אינגל וואָס לויפֿט אומעטום ארום.
3. דער סוינע, וואָס האָט געוואָלט אָפּנעמען די נאַפט־קוואַלן, איז געווען: אַמעריקע, קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ענגלאַנד.
4. דער סוינע האָט עס געוואָלט טאָן, ווייל — — — — — — — — — — — —
5. אָבער די ארמיי פֿון דעם לאַנד האָט ניט צוגעלאָזן. דער נאָמען פֿון דער ארמיי איז —
6. פּרוּוּוט מאַכן פֿון דער מייסע אַ שפּיל און שפּילט עס אין קלאַס.

ש ר ײ ב ט :

ווי אויל האָט געמאַכט ברויט.

אַ מייסע

הערט, קינדער, אַ מייסע.

אַמאָל איז געווען אַ אינגל, האָט מען אים גערופֿן... נאָר וואָס, ס'איז אייך ניט אַלצאיינס, ווי מ'האָט אים גערופֿן? לאָמיר זאָגן, קאָפּל. האָט מיט דעם קאָפּל זיך געטראָפֿן אַ מייסע. ער האָט זיך אַרייַנגענומען אין קאָפּ אַ מאָדנעם געדאַנק — אַז אָן מענטשן איז בעסער ווי מיט מענטשן.

לייגט ער זיך אײנמאָל שלאָפֿן און טראַכט זיך זיינס: אַך, ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער זאָל זיין איינער אַליין אַף דער גאַנצער וועלט.

טראַכט ער און טראַכט און ווערט אַנטשלאָפֿן.

כאָלעמט זיך אים אַ כאָלעם, אַז ער איז אין וואַלד איינער אַליין. אַ ווינטל בלאָזט, אַ רעגן קאַפּעט, און ער איז הויל און נאַקעט. וואָס טוט מען דאָ? קריכט ער אַרונ־טער אונטער אַ בוים, ציטערט פֿאַר קעלט און וויינט.

באַווייזט זיך אַן אַלטער, גרייז־גרויער מאַן און זאָגט צו אים:

— קאַפּעלע, וואָס וויינסטו? האָסט דאָך געוואָלט זיין אַליין — ביסטו אַליין.

— יאָ, — זאָגט קאַפּל, — אָבער וואו זיינען מיינע קליידער? און וואו איז מיין קישן מיט מיין קאָלדרע? און ווי קום איך אין וואַלד?

— קליידער, מיין קינד, — רופֿט זיך אָן דער אַלטער, — פֿאַלן ניט פֿון הימל און וואַקסן ניט אין וואַלד. קליידער מאַכן מענטשן. דער שניידער נייט אַ קלייד פֿון שטאָף — פֿון געוואַנט און לייוונט. דעם געוואַנט און לייוונט האָבן אַרבעטער אויף דער פֿאַבריק געמאַכט פֿון וואָל, פֿון בוימ־וואָל, פֿון ליין. אויף וואָל, אויף בוימוואָל, אויף ליין האָבן מענטשן ווידער געאַרבעט אין פֿעלד.

— גוט, — רייסט אים איבער קאַפּל, — איצט פֿאַר־שטיי איך שוין, אַז אָן מענטשן וואָלט איך קיין קליידער ניט געהאַט. גיט מיר אָפּ מיינע קליידער, כ'וויל זיך אָנטאָן, מיר איז קאַלט.

דער אַלטער איז אַוועק און געבראַכט קאַפּלען די קליידער. קאַפּל האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, דערוואַרימט און צעלאַכט זיך:

— נו, איצט וועל איך זיך שוין באַגיין אָן מענטשן.

— און אין עסן האָסטו פֿאַרגעסן? — פֿרעגט דער אַלטער.

— אַ טייערע מעציע! — רופֿט זיך אָן קאַפּל — כ'וועל טאָן, וואָס אַ יעגער טוט — שיסן פֿויגלען און עסן.

— און מיט וואָס, קינד מיינס, וועסטו שיסן? מיט אַ בעזים?

— נאָך וואָס אַ בעזים ? כ'וועל נעמען באַם ברודער אַ ביקס און וועל שיסן.

— הייסט עס, ווידער מענטשן ? די ביקס האָבן מענטשן אין פאַבריקן געמאַכט פון האָלץ און אייזן. דאָס אייזן האָבן מענטשן אַרויסבאַקומען פון דער ערד אין טיפע שאַכטן. אַף אַלץ האָבן מענטשן געאַרבעט.

קאַפּלען האָט זיך דערוויל פאַרוואָלט עסן, נאָר זאָגן דעם אַלטן האָט ער זיך געשעמט. דער אַלטער וועט אים ווידער דערווייזן, אַז אָן מענטשן קען מען קיין זאַך ניט האָבן.

דער אַלטער האָט באַמערקט אַף קאַפּלס פּאָנים, אַז אים קאַלופּעט עפּעס אינעווייניק.

— הער, קינד, וואָס איך וועל דיר זאָגן. איך זע, אַז דו הייבסט שוין אָן צו פאַרשטיין. איך בין זיכער, אַז אינ־גיכן וועסטו שוין אויפהערן צו טראַכטן, אַז מענטשן קאָנען זיך באַגיין אָן מענטשן. באַקלער, ווי אַזוי גייט דורך באַ דיר אַ טאָג. אַז דו שטייסט אויף אינדערפרי, וואָס טוסטו דעמאָלט ?

— וואָס זאָל איך טאָן ? — איך וואַש זיך איין.

— און וואו נעמסטו וואַסער ?

פון וואַסערלייטונג.

און ווער האָט עס געמאַכט ? און איצט נאַ דיר אַ נייע אויפגאַבע : באַטראַכט אַלץ, וואָס באַ אייך איז פאַראַן אין שטוב און זאָג — פון וואַנען האָט זיך דאָס אַלץ גענומען ? ווער האָט אַף יעדער זאַך געאַרבעט ? די ערשטע זאַך באַ־טראַכט דיינע קליידער, די שיך, די קנעפּלאַך ; דערנאָך קוק זיך צו צום ברויט, צו די גלעזער, צו די לעפל ; באַ־טראַכט די גאַנצע שטוב, די ביכער, די העפטן און זאָג : צי קאָן אַ מענטש לעבן אַף דער וועלט אָן מענטשן ?

— ניין, טייערער זיידע ! — האָט זיך אָפּגערופן קאַפּל און זיך אויפגעכאַפּט.

ער קוקט זיך אום און זעט, ער איז אין בעט, ניט אין וואַלד. און אַלץ, וואָס ער דאַרף, האָט ער : וואַסער, זייף, אַ האַנטוך, ברויט, טיי.

פון גרויס סימכע איז קאָפּל אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אויסגערופן:

— זאָלן לעבן די מענטשן!

אויסגערופן און פאַרטראַכט זיך:

מענטשן? אַלע מענטשן אַרבעטן דען?

געטראַכט, געטראַכט — און פּלוצלונג האָט זיין פּאָנים געגומען שיינען פון פרייד — געטראָפן.

און קאָפּל האָט אַ טאַנץ געטאָן און אויסגערופן:

— זאָל לעבן...

די איבעריקע ווערטער האָב איך ניט דערהערט. נאָר ס'מאַכט ניט אויס. איר זענט דאָך עפּעס קלוגע כעוורע, איז טרעפט אַליין, וואָס ער האָט געזאָגט.

א ר ב ע ט :

1. געפין די פראַגעס, וואָס דער אַלטער האָט געשטעלט דעם אינגל און פּרואוו אף זיי ענטפערן.
2. פאַרענדיק קאָפּלס זאַץ:
זאָל לעבן — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס ליד פון אַרבעט

ס'אַרבעט דאָך יעדער,
ס'דרייען זיך רעדער,
הענט העלפן צו,
ס'קלאַפּן מאַשינען,
וועבן און שפּינען:
טו, טו, טו, טו!

טישלער קאָן מאַכן
הילצערנע זאַכן,
אַלמער און טיש;
הובלען און זעגן
ברעטער מיט ברעגן:
ציש, ציש, ציש, ציש!

שוסטער קאָן מאַכן
לעדערנע זאַכן,
שוכוואַרג אַסאַך;
האַמערן ברעקלאַך
טשוועקלאַך און פלעקלאַך:
טאַך, טאַך, טאַך, טאַך!

שניידער קאָן נייען,
שטעפּן און דרייען
גיך די מאַשין;
מענטשישע קליידער
שטעפּן קעסיידער:
דזין, דזין, דזין, דזין!

שלאָסער קאָן ווייזן
שטאָל, מעש און אייזן,
ווי מיט׳ן קוק,
בויגן און גיסן,
ברעכן און שליסן:
הוק, הוק, הוק, הוק!

פייערן און רויכן
שוועבן אין הויכן,
הו, הו, הו, הו!

ס׳בויערן לאמען
שאַכטן און טאמען:
טרו, טרו, טרו, טרו!

ס׳אַרבעט דאָך יעדער,
ס׳דרייען זיך רעדער,
הענט העלפן צו;
ס׳קלאַפן מאַשינען,
וועבן און שפּינען:
טו־טו־טו, טו.

מאַכט פון דעם אַ שפּיל.

אין שאַפּ

(פון אַ קינדס טאָג־בוך)

אין שאַפּ איז געווען שטיל. אַרבעטער זיינען שוין געשטאַנען אָן די רעקלאַך. מיידלאַך מיט פאַרטוכער — גרייט צו דער אַרבעט. אַ לאַנגע ריי ניי־מאַשינען. אין דער צווייטער זייט זיינען געשטאַנען טישן. גרויסע פּרעס־אייזנס לעבן זיי. יעדער אייזן קוקט אויס אַזוי גרויס, אַז ער דאַרף מיסטאָמע וועגן אַ פּוד אַוואַדע. עס מוז זיין זייער שווער צו פּרעסן מיט זיי. בײַ אַ טיש, אַף וועלכן ס׳ליגן קנעפּ, קנעפּלאַך, נאָדלען, פאָדים, קלעצלאַך, זיצן שוין אַ פּאָר מיידלאַך. זיי שושקען זיך. איינע פאַרריכט זיך די האָר.

עס באַווייזט זיך אַ מאַן. אַ פעטער און אַ נידעריקער. קוקט אויס פון עטלאַבע־און־פערציק יאָר. ער גייט צו צו אונז מיט אַ שמייכל. ווען ער גייט, הוידלט ער זיך און קייקלט זיך.

ער גריסט זיך מיט מיין ברודער.

— דאָס איז דיין שוועסטערל, מוישע? — קוקט ער אַף מיר.

— מיסטער וויס, זעט, מ׳זאָל זי באַהאַנדלען פיין, — זאָגט מיין ברודער.

— ניט געזאָרגט, מוישע,—באַגלייט ער מיין ברודער.

— ווי רופט מען דיך ? — פרעגט ער מיך, אַרויפ־לייגנדיק זיין האַנט אַף מיין אַקסל.

— מירל.

— מירל ? אַ שיינער נאָמען. דו וועסט זיצן באַ דעם טיש. סיידי — האָט ער זיך געווענדט צו אַ מיידל — דו וועסט איר ווייזן, ווי אַזוי מ׳נייט איין קנעפלאַך, — און ער האָט זיך אַוועקגעקייקלט.

מיטאַמאָל האָט עס אָנגעהויבן צו הודיען און קלאַפּן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז באַנען לויפן אַרום אין דעם גרויסן צימער, וואָס מ׳רופט שאַפּ. די פּאַסן האָבן זיך געדרייט, די מאַשינען זיינען געלאָפן. באַ יעדער מאַשין איז געווען אַ מאַן. זיין קאָפּ אריינגעבויגן, ווי צוגעקלעפּט צום קעפל פון ניי־מאַשין. די גרויסע פּרעס־אייזנס האָבן אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אַף די הויכע טישן. הענט, לאַנגע האַריקע הענט, האָבן זיי געפירט. די מענטשן זיי־נען אַלע שטיל. סיי די שטייענדיקע פּרעסערס, סיי די זיצנ־דיקע שטעפּערס, סיי די מיידלאַך, וואָס פירן אַזוי שנעל די נאָדלען מיט די פאָדימס, אַזוי ווי שלענגלאַך.

און עפּשער הערט מען ניט דערפאַר קיין וואָרט, ווייל די מאַשינען קלאַפּן אַזוי שטאַרק ?

סיידי האָט מיר געוויזן, ווי אַזוי אַריינצונייען אַ קנעפּל. די אַרבעט האָב איך זיך באַלד אויסגעלערנט.

— מירל, דו דאַרפסט אַרבעטן אַביסל שנעלער, — האָט מיר סיידי איינגערוימט אין אויער.

איך האָב געאַרבעט שנעל מיט מיינע הענט.

כ׳האָב דערפילט אַ שרעקלאַכן ווייטיק אין קאָפּ, ווי אימיצער זאָל קלאַפּן אין אים מיט אַ האַמער. אין די זייטן האָב איך געפילט אַ מין שטעכעניש.

איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. מיין פּאַפּאַ איז קראַנק, מוז איך אַרבעטן אין שאַפּ.

א ר ב ע ט :

די מייסע דערציילט אַ מיידל, וועלכע האָט געדאַרפט גיין ארבעטן אין שאַפּ, ווייל — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זייד

מאַשינען קלאַפּן אָן אַן אויפהער.
זייד ווערט דאָ געמאַכט.
און עס דאַכט זיך,
ווי עס מאַכט זיך,
ס׳איז די שענסטע זאַך.

מאַשינען, וואָס וועבן,
מאַשינען, וואָס שפּינען,
מאַשינען, וואָס שפּולן,
אָן אויפהער פון פרי ביז דער נאַכט.

דאָך —
קריגט דער אַרבעטער אַזוי ווייניק פאַר זיין אַרבעט!

אָבער —
וואָס דענקן די אַרבעטער וועגן דעם?
וואָס זאָגן די אַרבעטער וועגן דעם?

זיי זאָגן —
„מיר שאַפן עס פאַר די רייכע,
טראָגן, טראָגן עס די רייכע.

די רייכע, וואָס הוליען
יאָר־איין און יאָר־אויס,
און פאַרברענגען די צייט
מיט די קאָסטבאַרע זאַכן.

געהאַלט, וואָס מיר קריגן,
איז ניט גענוג פאַרן לעבן
פאַר זיך און פאַמיליע.
זיידענע קליידער זיינען ניט פאַר אונז.

אַהיים קומען מיר מיד און פאַרשמאַכט.
אונזער וועלט דאַרף זיין ליכטיק, —
איז זי פאַר אונז פאַרשוואַרצט.
אָ, ווען וועט די וועלט זיין פאַר אונז,
ווי זי דאַרף זיין?״

די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער
ווען ענטפערן אַף דער פראַגע
ניט בלויז פאַר זייד־אַרבעטער,
נאָר פאַר אַלע אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט.

ווען אַרבעטער וועלן פאַרשטיין זייער לאַגע,
און ווי זי צו פאַרבעסערן,
וועלן זיי האָבן זייער אייגענע רעגירונג,
רעגירט פון אַרבעטער
און פאַר אַרבעטער.
דאַן — וועט די וועלט זיין
ווי די וועלט דאַרף זיין!

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר :
געהאַלט — לוין, סכירעס.
א ר ב ע ט ן :

1. אין וועלכן לאַנד האָבן שוין די אַרבעטער אַן אייגענע אַרבעטער־רעגירונג?

1. אַלץ, וואָס מיר פאַרנוצן אַרבעטן אויס — — — — — — —
2. דער אַרבעטער באַקומט ניט אַלץ, וואָס ער אַרבעט אויס. דאָס נעמט אַלץ צו — — — — — —
3. בלויז אין איין לאַנד קריגן די אַרבעטער, וואָס עס קומט זיי פאַר זייער אַרבעט. דאָס איז אין — — — — — —

ניט אַזוי לייכט טוט זיך ווי עס רעדט זיך

אונזער קלאַס איז געגאַנגען אַף דער ציגל־פאַבריק אונטער דער שטאָט. מיר האָבן געזען, ווי מ'האָט דעם ליים געקנאָטן, געריייניקט, נאָכדעם געלייגט אין פורעמס — אין אַזעלכע פיר־קאַנטיקע לענגלאַכע קעסטלאַך, און עס זיינען אַרויס ציגל. די נאַסע ציגל טריקנט מען אונטער אַזעלכע דעכער, וואָס הענגען אַף קלעצער. נאָכדעם ברענט מען זיי.

אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט, האָב איך געזאָגט: איך וואָלט עס אויך געקאָנט. דאָס האָט דער־הערט אַן אַרבעטער. זאָגט ער צו מיר: — רעכט, נאַ דיר אַ פורעם און פּרוּווּ. איך האָב גענומען לייגן דעם ליים אין פורעם אַריין, אָבער דער ליים האָט זיך מיר געקלעפּט צו די הענט. כ'האָב קוים מיט צאָרעס אָנגעפילט דעם פורעם און אַז איך האָב אויסגעטרייסלט דעם פורעם, איז אַרויס ניט קיין ציגל, נאָר עפּעס אַזוי אַ שטיק ליים.

— ע, — האָט דער אַרבעטער צו מיר געזאָגט, — עס האָט צו לאַנג געדויערט באַ דיר. מען קאָן זיך גוט אויס־שלאָפן ביז דו מאַכסט אַ ציגל. זע, ווי מען דאַרף אַרבעטן.

ער האָט דערלאַנגט אַ שטעק דעם פורעם אין ליים אַריין, געטאָן אַ שאַר מיט דער האַנט, אַ קלאַפּ — און שוין! אַרויס אַ שיינער פיר־קאַנטיקער ציגל. דאָס האָט גע־דויערט איין סעקונדע.

שווערע ווערטער:
ציגל — בריקס.

לעבן קעמפּ „ניטגעדייגעט“ געפינט זיך אַ ציגל־פאַבריק. דאָרט אַרבעטן נעגערס. אַז דו פאָרסט אַמאָל מיטן טאַטן אין קעמפּ „ניטגעדייגעט“, בעט אים, ער זאָל דיך נעמען באַקוקן די פאַבריק. וועסט זען ווי מען מאַכט ציגל און ווי די נעגער אַרבעטן.

ווי באשרייבט מען א שאַפּ

1) וואָס איז עס פאַר אַ שאַפּ? 2) וואו געפינט ער זיך — אַף וואָסער גאַס, אַף וואָסער שטאָק פונ'ם הויז? 3) די דירע — וויפל צימערן, אַ ליכטיקע צי א פינצטערע. 4) וואָס טוט מען אינם שאַפּ (וואָס ארבעט מען דאָרטן אויס) 5) פון וואָסער מאַטעריאַל (רוישטאָף)? ווי באַקומט מען אָט דעם מאַטעריאַל? 6) וואָס פאַר אַ געצייג נוצט מען דאָרט? רופט אָן און מאָלט עס אויס. 7) וויפל מענטשן ארבעטן אין שאַפּ? וויפל שאָ אין טאָג ארבעט מען דאָרטן? 8) וויפל קאָן דער ארבעטער אויסארבעטן דאָרטן אין א טאָג, אין א וואָך, אין אַ כוידעש? 9) איז דער שאַפּ אָרגאַניזירט? צו וועלכער יוניאָן געהערן די ארבעטער?

ווען אַן ארבעטער ווערט אַלט

דעם אַלטן אַרבעטער לואי איז שוין שווער געווען צו אַרבעטן. ער איז שוין אַלט פופציק יאָר. נאָך אַלס קינד האָבן אים זיינע אָרימע עלטערן אָפּגעגעבן אין אַ שאַפּ.

ווי לאַנג אַרבעט שוין לואי?

פינף און דרייסיק יאָר.

איז אים טאַקע שווער אויפצוהויבן זיך אין דער פרי, 7 אזייגער פאַרטאָג און שטיין אַ גאַנצן טאָג באַ דער אַרבעט.

קומט צו אים צו דער באַלעבאָס.

— האַ, לואי, שוין שווער צו אַרבעטן. נישט פאַר דיינע יאָרן.

ווייסט לואי, אַז נישט קיין פריינט איז אים דער באַלעבאָס. נישט ער פילט מיט אים מיט. לואי פילט, אַז דאָס וואָס דער באַלעבאָס גייט אַלעמאָל צו צו אים, זעען ווי ער אַרבעט, וועט זיך ענדיקן שלעכט.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען:

ווען לואי איז אין אַ פרימאָרגן אַרויפגעקומען אין שאַפּ און זיך געוואָלט זעצן צו דער אַרבעט, איז צוגעגאַנגען צו אים דער פאָרמאַן:

— לואי, דער באַלעבאָס האָט מיר געהייסן זאָגן דיר, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין אַרבעט פאַר דיר.

לואי איז געבליבן שטיין אַ צעמישער. אין קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן רוישן. די פיס האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט און ער איז שיר ניט אומגעפאַלן.

די איבעריקע אַרבעטער אין שאַפּ האָבן דאָס דערזען. זיי זיינען אַלע צוגעלאָפן און געוואויר געוואָרן וואָס דאָ קומט פאָר.

— כאַווײרים — האָט זיך אָנגערופן אַ יונגער אַרבעטער, — מיר געהערן אַלע צו אַ יוניאָן. אויב דער באַלעבאָס שיקט אַוועק לואין, גייען מיר אַלע אַוועק פון דער אַרבעט און דערקלערן אַ סטרייק.

דער פאָרמאַן איז אַריינגעלאָפן צום באַלעבאָס און אים דערקלערט וואָס דאָ קומט פאָר.

דער סאָף איז געווען, אַז די אַרבעטער האָבן אויסגעפירט. לואי איז געבליבן ווייטער אַרבעטן אין שאַפּ.

דאָס איז פאָרגעקומען דערפאַר, וואָס די אַרבעטער זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן.

געפין אויס באַם טאַטן:
וואָס איז די טרייד יוניאָן יוניטי ליג?
צו וועלכער יוניאָן געהערט דער טאַטע?

אַרבעט:

1. בערלס טאַטע איז אַ שוסטער. ער אַרבעט שוין נישט דריי כאַדאָשים — (זעץ פאָר דאָס מייסעלע ווייטער.)

2. די ווענט פון דעם הויז זיינען געוואקסן אַלץ העכער און העכער. אַף דער וואנט, וואָס צו דער גאַס־צו, איז געזעסן אַ מויערער און געלייגט ציגל — — — — — — — — — — — — — — — — — (זעץ פאָר דאָס מייסעלע ווייטער.)

3. דער פרימאָרגן איז געווען פול מיט זון. די קוילנגרעבער זיינען אָנגעקומען צו דער קוילנגרוב און זיך אַראָפּגעלאָזט טיף אונטער דער ערד — — (זעץ פאָר דאָס מייסעלע ווייטער.)



הייזער פון ארבעטער און באלעבאטים.

ברידער

אין דעם שאָפּ, וואו זלאַטקין האָט געאַרבעט, איז געווען אַ זייגער און אַ פּייפל, און אַ „פאָרמאַן”, וואָס גיט אַכטונג. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט זלאַטקינען, אַז ער פאַרשפּעטיקט. זלאַטקין האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן פאַרן פאָרמאַן. יענער האָט אים אָבער ניט געוואָלט אויסהערן.

האָט שוין זלאַטקין געפּרוּווט אויפשטיין אַ שטיק צייט זייער פרי. און אָט איז ער ווידער פאַרשלאָפן — ניט קיין סאַך: אינגאַנצן אַ פּאָר מינוט, אָבער זיין קאַר, וואָס פירט אים יעדן פרימאָרגן צו דער אַרבעט, האָט ער שוין אַנגעוואָרן און געמוזט וואַרטן אַף אַן אַנדער קאַר גאַנצע צען לאַנגע מינוטן.

דאַרף איך אייך נאָך דערציילן, אַז דער פאָרמאַן האָט אים פאַר־געהאַלטן דערפאַר?

זלאַטקין האָט זייער געליטן. ער איז געוואָרן אומצופרידן, גע־טראָגן אַ קאַס אַף דער גאַנצער וועלט און איבערהויפּט — אַף די, וואָס האָבן אויטאָמאָבילן, ווייל בעשאַס ער פלעגט שטיין און וואַרטן אַף זיין קאַר, זיינען הונדערטער אויטאָס פאַרבייגעלאָפן לעבן אים, און קיינעם פון די מענטשן אין די אויטאָס איז גאָר ניט איינגעפאַלן אונטערצופירן זלאַטקינען, וואָס האָט אַזוי מוירע געהאַט צו פאַר־שפּעטיקן צו דער אַרבעט.

ער האָט שוין געפּרוּווט טאָן דאָס אייגענע, וואָס אַנדערע אַר־בעטער — געבן אַ צייכן צום לויפנדיקן אויטאָ. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. די מאַשין־אייגנטימער האָבן זיך מערסטנס אַפילו ניט אומגעקוקט אַף די שטייענדיקע אַרבעטער באַ די זייטן פון דער גאַס.

נאָר איין פרימאָרגן האָט זיך אַ טראָק מיט קעסטלאַך פלעשער מילך אָפּגעשטעלט אַף זלאַטקינס צייכן און אים מיטגענומען.

דער שאָופער איז געווען אַ יונגער, דער טראָק — אַ נייער, איז דער גאַנצער לאַנגער וועג ביז צום שאָפּ דורכגעפליגן, און זלאַטקין איז אָנגעקומען אַף זיין אָרט נאָך אַ סאַך פריער פונ׳ם פאָרמאַן.

דעמאָלט האָט זיך זלאַטקין פאַרטראַכט: ס׳וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, אַז אַלע, אַלע מענטשן זאָלן פאַרמאָגן אייגענע אויטאָס — וואָלטן זיי... ניט פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט. אָבער ווי האָט זלאַט־קין געקאָנט טראַכטן וועגן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, אַז ער האָט קיין דירע־געלט ניט געהאַט צו באַצאָלן.

און אַ געדאַנק האָט אים באַהערשט, אַז ער מוז נאָך ווען־עס־איז „טרייבן” אַזאַ שיינעם, גרויסן טראָק, ווי יענער אַרבעטער, וואָס האָט

אים צום שאַפּ אונטערגעפירט, און ער—זלאַטקין—וועט שוין ניט לאָזן שטיין אין גאַס קיין פאַרשפּעטיקטע אַרבעטער.

דער געדאַנק האָט אים אַזוי פאַרפאַלגט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו כאָלעמען פון אַ טראַק, און קימאַט שטענדיק, סיי בײַ דער אַרבעט און סיי אין דערהיים, אָפן וואַר און אין שלאָף — האָבן פאַר זיינע אויגן געשוועבט פאַרשידנפאַרביקע „טראַקס".

איינמאָל, ווען זלאַטקין איז געבליבן אָן אַרבעט, איז ער אַוועק־געגאַנגען און זיך אויסגעלערנט טרייבן אַן אויטאָ, אַרויסגעקראָגן „לייסנס" און זיך אָנגעגעבן פאַר אַ „טראַק־דרייווער".

עס איז אים אַפילע אָנגעקומען שווער, ביז ער האָט באַקומען זיין לאַנג־אויסגעטרוימטע באַשעפטיקונג, אָבער אַז ער האָט שוין דערלעבט די שאָ, און מ׳האָט אים איבערגעגעבן אַ „טראַק" אָף צו פירן בוי־מאַטעריאַל אין פאַרשידענע געגנטן פון דער שטאָט, האָט ער באַמערקט אָף דעם פאָדערשטן גלאָז פונם טראַק אַ שילד:

“PASSENGERS POSITIVELY PROHIBITED”

זלאַטקינען האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן פון די קאַלטע, שטרענ־גע ווערטער. עפּעס אַ מאָדנע מוירע האָט אים אָנגענומען. ער האָט שוין געוואָלט אויפגעבן די אַרבעט. אַז ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, וויפל וואָכן זיין ווייב־און־קינדער האָבן שוין קיין פּעני ניט אָנגע־קוקט, ווי מען איז פאַרבאַרגט און פאַרשולדיקט אין די קראָמען און בײַ די שכיינים, האָט זלאַטקין — אַ פאַרביטערטער — זיך אַוועקגע־זעצט אָפן „טראַק" און איז אַוועקגעפאָרן אָפן אָנגעגעבענעם אַדרעס.

ס׳איז נאָך געווען פאַרטאָג, אָבער גרופּעס אַרבעטער האָבן זיך שוין געאיילט צו דער אַרבעט. זלאַטקין האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן, אַרויפנעמען די אַרבעטער אָפן „טראַק" און זיי צופירן יעדן איינעם אָף זיין אָרט. די ווערטער פונ׳ם שילד אָפן גלאָז האָבן אים אָבער געברענט די אויגן, און ער האָט זיך אָף קיינעם פון די אַרבעטער אַפילע ניט אומגעקוקט. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילע, ווען ער האָט זיכער באַמערקט, ווי אַ בלאַסער, צעטראָגענער אַרבעטער האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אים אונטערפירן — דערבײַ האָט יענער אויפגעהויבן זיין אָפּגעקראָכן „לאַנטש־באָקסל" (אַזאַ מין שוואַרץ־געפאַרבטע קעסטעלע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אָף מיטצו־נעמען עסן).

זלאַטקין האָט געטריבן זיין אויטאָ גיכער און גיכער. און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט דער באַלעבאָס אַ צופרידענער געקוקט אָפן שילד און געפרעגט:

— ס׳אַ גוטער געדאַנק אָט דער שילד, ניין?

זלאַטקין האָט אים גאָרניט געענטפערט דאַרויף און פאַרלוירן געשמייכלט.

אַפן צווייטן און אַפילע אַפן דריטן טאָג האָט נאָך זלאַטקין אויסגעהאַלטן און קיינעם ניט אַרויפגענומען אַפן אויטאָ. אָבער ער האָט שוין מער ניט געקאָנט צוזען די צייכנס פון אייניקע פאַרשפּע־טיקטע אַרבעטער און ער האָט זיך איינגעשטעלט און אונטערגעפירט איינעם פון זיי.

זלאַטקין איז געווען גליקלאַך. און נאָר אַ געדאַנק, טאָמער באַגעגנט ער דעם באַלעבאָס אָדער דעם „מענעדזשער" האָט אים גע־שטערט די פרייד.

אַ פּאָר מאָל האָט עס זלאַטקינען אָפּגעגליקט.

איינמאָל, ווען ער האָט געהאַט אַן אַרבעטער אַפן טראָק, האָט ער אָנגעטראָפן אַפן באַלעבאָס אַליין. יענער האָט אים אָפּגעשטעלט, אים פאַרגעהאַלטן, און, אַראָפּטרייבנדיק דעם „פרעמדן" אַרבעטער, האָט ער אים געפרעגט:

— קענט יו סי די סיין? (ביסט קליין צו קוקן אַפן שילד?).

פאַרנאַכט האָט ער צוגערופן זלאַטקינען און אים געפרעגט, ווי אַזוי האָט ער געוואַגט ניט אויסצופאָלגן דעם געבאָט פונ׳ם באַלעבאָס.

זלאַטקין האָט זיך די ערשטע ווײַלע פאַרלוירן. ער האָט זיך אָבער גיך געפונען און — עטוואָס פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג, וואָס איז אים מיטאַמאָל שווער און גרויס געוואָרן אין מויל, — האָט ער אויסגעמורמלט:

— דאָס איז געווען מיינער אַ ברודער, און איך האָב אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן.

— אָ, — האָט דער באַלעבאָס מיטאַמאָל געביטן זיין טאָן און איז געוואָרן אויפגערעגט, — פאַרוואָס־זשע האָסטו עס מיר באַלד ניט געזאָגט?

זלאַטקין האָט פריי אָפּגעאָטעמט און אָפּגעמאַכט בא זיך מער קיינעם ניט אונטערפירן, ער זאָל מער קיין ליגן ניט דאַרפן זאָגן. אָבער אַז ער איז געזעסן אין „טראָק", האָט ער ניט געקאָנט צוזען, ווי מען מאַכט אים אַ צייכן, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגע־נומען דעם אַרבעטער און אים אונטערגעפירט.

ביז איינמאָל האָט אים דער באַלעבאָס ווידער געפּאַקט.

אויך דאָס מאָל האָט זיך זלאַטקין אַרויסגעדרייט מיט אַ טערעץ, אַז ס׳איז אַ ברודער.

— אַ ברודער? — האָט דער באַלעבאָס פאַרדעכטיקט איבער־געפרעגט.—אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר ניט ענלאַך צו דעם,

וואָס איך האָב פריער מיט אַ צייט אָנגעטראָפן לעבן דיר אַף מיין „טראַק“.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — האָט זלאַטקין געענטפערט, ניט קוקנ־דיק דעם באַלעבאָס אין די אויגן, — איך האָב אַ סאַך ברידער!

— געדענק־זשע! — האָט דער באַלעבאָס אים געוואָרנט — אַ ברודער פאַרוועהר איך דיר ניט, אָבער אַ פרעמדן זאָלסטו ניט וואַגן אונטערצופירן! דער „טראַק“ קאָסט מיר גענוג.

זלאַטקין האָט אים צוגעזאָגט פאָלגן, אָבער ער האָט ווידער געטאָן זיינס, ביז דער באַלעבאָס האָט אים געזאָגט מיט׳ן הארבן וואָרט, אַז טאָמער וועט ער אים „פאַקן נאָך איינאיינציק מאָל מיט אַ שלעפּער“, —וועט ער אים מער קיין אַרבעט ניט געבן. און אַז זלאַטקין איז אין אַ צייט אַרום ווידער „אַריינגעפאַלן“ און ער האָט דערפילט, אַז ער פאַרלירט זיין שטעלע, האָט ער אָפּגעענטפערט דעם באַלעבאָס, ווי ס׳איז אים געקומען.

פריער האָט ער שוויגנדיק אויסגעהערט די זידל־ווערטער, וואָס האָבן זיך געשאָטן אַף זיין קאָפּ, אָבער אַז דער באַלעבאָס האָט געהעכערט זיין טאָן און אויסגעשריגן: „סעי, דו בלאָפער, וויפיל ברידער האָסטו דאָס, וויפיל, וויפיל, האַ?...?“ — דעמאָלט האָט זלאַטקין זיך אָנגענומען מיט מוט און, אַ פיר־טוענדיק מיט די הענט אין אַלע עקן פון דער שטאָט און צו די ווייטע האָריזאָנטן, האָט ער אויסגערופן:

— אַלע, אַלע אַרבעטער זיינען מיינע ברידער! אַלע, כוץ דיך און אַזוינע, ווי דו!

דער באַלעבאָס איז אַזוי געוואָרן אין כּעס, אַז ער האָט גלייך אַרויסגעוואָרפן זלאַטקינען.

שווערע ווערטער:

טערעץ — אויסרייד.
שילד — „סיין“.

צוויי אינגלאַך

(קינדערשעס)

יאַנקל זיצט לעבן שלוימען אין פּאַבליק־סקול. זיי זיינען זייער גוטע פריינט. יאַנקלס טאַטע איז אַן אַרבעטער. שלוימעס טאַטע איז אַ רייכער באַלעבאָס. איין טאָג האָבן זיי פאַרפירט אַ שמועס. שלוימע האָט געפרעגט יאַנקלען:

— דיין פאָטער אַרבעט?

זאָגט יאַנקל:

— ניין, מיין פאָטער אַרבעט ניט שוין עטלאַכע מאָ־נאַטן, אָבער ער שטייט אויף גאַנץ פרי זוכן אַרבעט און קומט אַהיים מיד און אָן אַרבעט.

— זאָגט שלוימע:

— מיין פאָטער אַרבעט ניט זיין גאַנץ לעבן.

— טאָ ווי קומט עס, אַז מיין פאָטער האָט ניט געאַר־בעט דריי מאָנאַטן, הונגערן מיר, און דיין טאַטע אַרבעט ניט זיין גאַנץ לעבן און דו טראָגסט בעסערע קליי־דער פאַר מיר?

— ניין, — זאָגט שלוימע, — מיין פאָטער האָט אַנ־דערע צו אַרבעטן פאַר אים.

— איז דאָך דיין טאַטע אַ קאַפּיטאַליסט!

— וואָס איז אַ קאַפּיטאַליסט?

— אַ קאַפּיטאַליסט איז אַ מענטש, וואָס מאַכט געלט פון אַן אַנדערנס אַרבעט.

און פון דעמאָלט אָן זיינען זיי אויס פריינט.

ווער איז דאָס?

אַ בויך אַף צוויי פיס,
אַ פעטער, גראָבער האַלז.
צוויי אויגן, ווי ניס,
פאַרגאָסן מיט שמאַלץ.
גאָלד אַף די הענט,
גאָלד אַף די ווענט.
די אַרבעטער יאָגט ער דעם אָטעם אַרויס,
געפעלט אים ניט איינער, וואַרפט ער אַרויס.
שטעלט זיך אַנטקעגן — אַז אָך און אַז ווי:
באַלד קומען אַן געגנסטער — און באַלד פּאָליציי.
ער לעבט און געניסט,
ער פרעסט ראַק אומזיסט.
דאָס איז — — — — — —

טאָנים טאַטע איז אָן ארבעט

טאָני איז געווען אַ קליינער איטאַליענישער אינגל. ער האָט געהאַט אַ סאַך שוועסטערלאַך און ברידערלאַך. ער האָט אַליין ניט געוואוסט גענוי וויפל. ער האָט נאָר גע־וואוסט, אַז אין דעם אָרימען הויז פון זיין טאַטע־מאַמע האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט צו זאַט אָפּצועסן.

טאָני האָט געהאַט אַ קליין הינטעלע. אַז טאָנין האָט זיך זייער געוואָלט עסן, און די מאַמע האָט ניט געהאַט, וואָס צו געבן, פלעגט ער נעמען צו זיך אויף די הענט זיין הינטל. ער האָט גערעדט צו דעם הינטל, ווי צו אַ כאַווער:

— נו, זאָג, וואָס וועט זיין? זעסט, ניטאָ וואָס צו עסן.

איינמאָל, אינדרויסן איז געווען אַ ביטערע קעלט. מענטשן, איינגעוויקלטע אין די מאַנטלען, זיינען געלאָפן איבער די גאַסן. אין טאָנים הויז איז געווען קאַלט. טאָני האָט געהערט, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן:

— מאָרגן וועלן מיר ניט האָבן קיין מיטאָג. ניטאָ פאַר וואָס צו קויפן.

שוין לאַנג, אַז טאָנים טאַטע האָט ניט געאַרבעט. ס'איז קיין אַרבעט ניט געווען. טאָני האָט זיך צוגעהערט צו דער מאַמעס רייד, און אין זיין קאָפּ איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק: ער וועט זיין הונט פאַרקויפן. און פאַר דעם געלט וועט די מאַמע קענען קויפן מיטאָג.

ער האָט צוגערופן דעם הונט, אַוועקגעלייגט די פאָ־דערשטע פיס צו זיך אויף די אַקסלען, אַריינגעקוקט דעם הונט אין די אויגן און געפרעגט אים:

— זאָג, וועסטו קענען זיין אָן מיר? וועסטו ניט בענ־קען?

גרויסע טרערן זיינען געשטאַנען אין טאָנים אויגן. ס'איז אים אַ שאָד געווען זיין הונט. ער האָט צוגעטוליעט דעם הונט צו זיך און אים געגלעט.

דער הונט האָט דערפילט טאָנים גוטסקייט. ער האָט מיט זיין צונג אַ לעק געטאָן טאָנים האַנט, ווי ער וואָלט אים געקושט.

— כאַווער מיינער, ווי אַזוי וועל איך זיין אָן דיר? — האָט טאָני געוויינט.

פאָרזיכטיק האָט טאָני באַהאַלטן דעם הונט אונטער

דעם צעריסענעם אַנצוג, אַ קוק געגעבן אַף זײַן מאַמעס פאַרומערט פּאָנים און שטיל אַרױס אין דרױסן.

דער װינט האָט געריסן טאָנים זאַכן. טאָני האָט אינ־גאַנצן געציטערט. ער האָט געטוליעט צו זיך שטאַרקער דעם הונט און אָן אױפהער גערעדט צו אים:

— װעסט בענקען, כאַװער מײַנער! טײַערער מײַ־נער! װי װעל איך זײַן אָן דיר?

אַנטקעגן אים איז אָנגעקומען אַ פרױ.

— קױפט אַ הינטעלע, אַ גוט הינטעלע, אַ טײַערס...— האָט טאָני געבעטן די פרױ.

די פרױ האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט טאָנים בלאַסן פּאָנים, זײַנע צעריסענע שיך און געפרעגט:

— װיפל װילסטו פאַרן הונט?

— 50 פּענים פאַר דעם טײַערן הינטעלע, — האָט טאָני געענטפערט.

— אָט האָסטו 50 פּענים און לױף אַהײם. עס איז זײער קאַלט אינדרױסן. דו װעסט זיך נאָך פאַרקילן און קראַנק װערן.

דער הונט האָט זיך געריסן פון דער פרױס הענט. און טאָני איז געלאָפן און זיך ניט אומגעקערט, אַזױ װי עמי־צער װאָלט אים נאָכגעיאָגט.

טאָני איז געקומען אַהײם, אַװעקגעלײגט די 50 פּענים אַפ׳ן טיש פאַר דער מאַמען.

— װאו האָסטו גענומען דאָס געלט? — האָט די מאַ־מע געפרעגט.

— איך האָב פאַרקױפט מײַן הינטעלע.

— די מאַמע האָט זיך איבערגעקוקט מיט׳ן טאַטן. אַ קרעכץ האָט זיך אַרױסגעריסן פון איר האַרץ. זי האָט אַרומ־גענומען טאָנין, אים אַ קוש געגעבן אין קאָפּ און געזאָגט:

— מײַן טײַער קינד. — און זיך שטאַרק צעװײנט.

די נאַכט איז טאָני ניט געשלאָפן. די מאַמע, דער טאַטע, די 50 סענט, זײַן טײַערער הונט און די פרױ — אַלץ איז אים געשטאַנען פאַר די אױגן, און ער האָט ניט געקענט אײַנשלאָפן.

דער הונט האָט אױך ניט געקענט שלאָפן. אים האָט זיך געבענקט נאָך זײַן פרײַנט טאָני. די פרױ האָט אים געגעבן עסן און פרישע מילך. און כאָטש דער הונט איז געװען טױט־הונגעריק, האָט ער זיך דאָך ניט צוגערירט צום עסן. ער האָט נאָר געדראַפּעט מיט די פיסלאַך אין

טיר און געוואַלט אַרויס און לויפן צו זיין פריינט טאָני. ער האָט אַזוי געוויינט און געהאַווקעט, אַז קיינער אין הויז האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט צוּמאַכן אַן אויג. ענדלאַך האָט די פרוי באַשלאָסן, אַז זי וועט לאָזן דעם הונט גיין. זי האָט געעפנט די טיר, און דער הונט האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דרויסן מיט אַ פריילאַך האַווקען...

ער איז לאַנג געלאָפן איבער די פאַרשנייטע גאַסן, ביז ער איז אָנגעקומען צו טאָנים הויז. ער האָט מיט די פיסלאַך געדראַפּעט אין טיר און געהאַווקעט.

טאָני האָט גלייך דערהערט דאָס האַווקען פון זיין הונט. ער איז שנעל אַראָפּ פון זיין געלעגער און געעפנט די טיר.

דער הונט האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו טאָנין, זיך געדרייט אַרום זיינע פיס, זיי געלעקט. ער האָט אַזוי אַרומגעטאַנצט, אַז טאָני איז שיר ניט אומגעפאַלן.

און טאָני האָט זיך געפרייט, געקושט דעם הונט און גערעדט:

— טייערער כאַווער מיינער, ביסט געקומען צו מיר. ביסט געקומען צו מיר.

אַן ארבעטלאָזע פאַמיליע — אַרויסגעוואָרפן אַפן גאַס.

מיין ערשטער סטרייק

(פון אַ קינדס טאָג־בוך)

ווי אַלע טעג, בין איך היינט געקומען אַכט אַזייגער אין שאָפּ אַריין. אַלע אַרבעטער האָבן פאַרנומען זייערע פּלע־צער. די מאַשינען האָבן אָנגעהויבן צו רוישן. ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דער שאָפּ־טומל; דאָס געזאַנג פון אַרבעט.

פּונקט צען אַזייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט דער שאָפּ. בערל פרעסער, אַ הויכער יונגערמאַן מיט צוויי שאַרפע אויגן, האָט אויסגערופן:

— מיר גייען אַלע אַראָפּ אין סטרייק!

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז שוין עטלאַ־כע טעג, ווי מ'שושקעט זיך אין שאָפּ, און מיר זאָגט מען גאָר ניט אויס.

— דו גייסט מיט אונז, מירל? — פרעגט מיך סיידי.

— איך גיי. איך וועל קיין סקעב ניט זיין, — האָב איך אויסגערופן.

סיידי האָט מיך אַרומגענומען און געקושט. האָב איך זיך פאַרשעמט. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מ'האַלט מיך אין שאָפּ פאַר אַ קינד.

און איך בין שוין אַלט פערצן יאָר מיט דריי כאָדאָשים.

איך דערמאַן זיך ווידער אָן מיינע לערער:

אין פּאָבליק־סקול האָט מען מיר דערציילט, אַז סטריי־קערס זיינען פוילע מענטשן, וואָס ווילן ניט אַרבעטן.

אין דער אידישער אַרבעטער־שול האָט מען מיר דער־ציילט, אַז סטרייקער זיינען אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרשקלאַפן. סטרייקער זיינען שטאָלצע אַרבעטער, וואָס פאָדערן זייער רעכט.

האָט טאַקע מיין אידישער לערער דעם עמעס דער־ציילט.

שטאָלץ זיינען מיר אַלע אַראָפּ פון שאָפּ. אפ'ן גאַס האָבן זיך שוין געצויגן רייען מיט אַרבעטער, סטרייקער.

טראַכט צו אַ נאָמען פאַר דעם בילד.

אַף זייערע הערצער זיינען געהאַנגען שילדן מיט גרויסע רויטע בוכשטאַבן. „סטרייק".

ווען מיר זיינען אַראָפּ פון שאַף, האָט מען אונז באַ־געגנט מיט הוראַ־אויסרופן. שטאָלצע און פריילאַכע האָט מען געזונגען לידער. מ'איז געגאַנגען צו צוויי אין אַ רייַ, ווי סאָלדאַטן אין אַן ארבעטער־ארמיי. איך בין געווען אַזוי פריילאַך. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך העלף מיט מיין גיין און זינגען דער גאַנצער וועלט.

„ווייניקער שאָען, גרעסערע שעפער, העכערע סכירעס" — פאַר די פאָדערונגען סטרייקן מיר.

מיר זיינען געגאַנגען אַפן טראָטואַר. דאַכט זיך, קיי־נעם ניט אַנגערירט. מיטאַמאָל איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. פּאָליציילייט האָבן זיך צעלאָזן אַרום אונז — אַלעמאָל האָבן זיי געכאַפּט אַן ארבעטער, אַן אַרבעטערן, געשלעפּט און אַריינגעוואָרפן אין וואָגן אַריין, ווי מ'וואַרפט אַריין הינט.

מיר זיינען אָבער שטאָלצע געגאַנגען אַפן „פּיקעט־ליין".

אָט האָט מען געכאַפּט סיידין און געשלעפּט צום וואָגן. איך האָב דערלאַנגט אַ געשריי אַפן פּאָליסמאַן, האָט ער זיך אומגעקערט און מיך אויך פאַרנומען.

אין וואָגן זיינען מיר געלעגן איינער אַפן אַנדערן צו־נויפגעוואָרפן אין אַ קופּע, ווי פיש אין אַ נעץ.

די פּאָליציילייט האָבן געלאַכט. מיר האָט זיך געוואָלט וויינען, נאָר כ'האָב זיך געשעמט. איך האָב מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד נאָר פאַר ריי־כע. ווען אַן אַרבעטער וויל פאַרבעסערן זיין לעבן דורך אַ סטרייק, לאָזט מען ניט, מען שלאָגט.

מען האָט אונז געבראַכט אין געריכט. דאָס צימער איז גרויס ווי אַ זאַל, נאָר אַלעמאָל האָט מען אַריינגעוואָרפן נייע סטרייקערס, איז געוואָרן ענג.

די אָנפירער פון סטרייק האָבן אונז אַריינגעשיקט עסן. די פּאָליציילייט האָבן אונז געוואָרנט: „פירט זיך אויף רואיק, דאָ איז דאָס געריכט." מען האָט זיך אָבער

אַלעמאָל פאַרגעסן. אַלע זיינען געווען פריילאַך און האָבן געזונגען:

„סאָלידאַריטעט אַף אייביק,
ווייל די יוניאָן מאַכט אונז שטאַרק.“

דער ריכטער, אַן אַלטער מאַן מיט אַ ליסענעם קאָפּ, ווי אַ לעוואָנע, מיט בייזע צוויי אויגן, וואָס האָבן אַריבער־געקוקט איבער זיינע ברילן, — איז אַריין. ער האָט קימאַט ניט געהערט אונזערע נעמען באַם אויסרופן. בלויז אַפן קוק האָט ער אויסגעטיילט צו צוויי און דריי טעג טורמע. אַ טייל האָט ער באַפרייט, מיך אויך. ער האָט מיך גע־פרעגט ווי אַלט איך בין. איך האָב אים אָפּגענאַרט און געענטפערט: זעכצן יאָר.

אין עטלאַכע טעג אַרום האָט דער באַלעבאָס פון אונ־זער שאַפּ נאָכגעגעבן אונזערע פאָדערונגען, און מיר זיי־נען אַרויף שטאָלצע צו דער אַרבעט.

אַרבעטן:

1. אַרבעטער סטרייקן, ווייל ——————————————————

——————————————————————————

2. האָט איר אַמאָל אין סקול גערעדט וועגן סטרייק? דערציילט וועגן דעם.

3. פאַרוואָס אַרעסטירט פּאָליציי די סטרייקער?

4. געפין דאָס אָרט, וואו עס באַשרייבט זיך דאָס געריכט, און דערצייל גיב איבער מיט דיינע ווערטער.

די קינדער זאַמלען געלט

דער לערער איז אַריינגעקומען אין שול מיט אַ גרויסן פּאַק אונטער'ן אָרעם.

די קינדער האָבן אַרומגערינגלט דעם לערער, גע־טאַפּט דאָס פּעקל און געוואָלט טרעפן, וואָס עס געפינט זיך אינעווייניק.

— אוי, דער לערער האָט געבראַכט בילדער! — האָט אויסגעשריען די אַכט־יאָריקע צירעלע.

— דאָס זיינען ניט קיין בילדער, — האָט איר אָפּ־געענטפערט בערל, — דאָס זיינען, דאָס זיינען — און בערל האָט ניט געקענט טרעפן, וואָס אין פּעקל געפינט זיך.

— איך ווייס, איך ווייס! — האָט אויסגעשריען מוישע, —דאָס זיינען קעסטלאַך אַף צו זאַמלען געלט. מיין טאַטע האָט נעכטן אויך געבראַכט אַזעלכע צוויי קעסטלאַך.

— מוישע האָט געטראָפן, — האָט אויסגערופן דער לערער, — איך האָב געבראַכט קעסטלאַך פאַר אַלע קינ־דער צו זאַמלען געלט פאַר דער אַי. על. די. איר ווייסט דאָך, קינדער, אַז אַ סאַך אַרבעטער געפינען זיך אין די טורמעס. דאַרף מען אָנשטעלן אַדוואָקאַטן, זיי צו באַ־פרייען. מ'דאַרף די אַרבעטער אַרויסנעמען פון די טור־מעס. איז נויטיק געלט, קינדער. און די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָרגט פאַר די אַרעסטירטע אַרבעטער, איז די אַי. על. די.

מוישע האָט זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן און אויסגערופן:

— איך וועל זונטיק גיין אַ גאַנצן טאָג איבער די גאַסן און ברענגען אַ פול קעסטל געלט!

אַלע קינדער האָבן גענומען קעסטלאַך, צו זאַמלען געלט פאַר די אַרעסטירטע אַרבעטער.

אַרבעט:

1. שרייב אָן דעם פולן נאָמען פון „איי. על. די.“
2. וואָס טוט די „איי. על. די.“?

ס׳וועט ניט הונגערן דער קעמפער

(W. I. R.)

ס׳וועט ניט הונגערן דער קעמפער,
ניט זיין ווייב און ניט די קינדער —
מיט מאָגער ברויט און לעצטן ביסן
קעמפן מיר פאַר גרויסע וואונדער.

ס׳וועט ניט אָפשרעקן דער הונגער,
פוסטע טעפּ און בעט אינדרויסן,
מידער קאָפּ אַף קאַלטע שטיינער
און קינדער אין די מאַמעס שויסן...

ס׳שרייט דער טאָג מיט קאַמף אין גאַסן
פון באַגינען ביז באַגינען.
און מיר מיט ברויט און קאַלטן וואַסער
העלפן לעצטן קאַמף געווינען.

1. וועמען מיינט מען דאָ, ווען מען זאָגט קעמפער?
2. וועלכע אָרגאַניזאַציע העלפט די סטרייקער?

אונזערע סעקציעס פאַר אַרבעטער-הילף אַרבעטן זייער גוט.

די סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-הילף האָט אַף אַ ווינקל פון אַ וואַנט אין שול אויפגעהאַנגען בילדער, וועלכע ווייזן, ווי מ׳ברענגט שפייז און קליידער פאַר די סטרייקער און זייערע פאַמיליעס. אַנדערע בילדער זיינען פון די קינדער-קעמפּס, וועלכע די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-הילף שאַפט זומער פאַר די אַרבעטער-קינדער.

מיר האָבן אריינגעצויגן אין דער סעקציע קינדער אויסער דער שול.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז יעדעס קינד זאָל צאָלן 5 סענט אַ מאָנאַט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-הילף.

די סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-שוץ האָט געשריבן קאָמפּאָזיציעס וועגן דער וויכטיקער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אויך אַ סאַך בילדער אַריינגעקלעפּט אין אַן אַלבאָם, וואָס הייסט: „אין קאַמף“.

מיר האָבן אויסגעשריבן דעם „לייבאָר דעפענדער“.

פאר וועמען שטימט דער טאַטע?

דייווי איז אַלט ניין יאָר. ער גייט שוין דריי יאָר אין פּאַבליק סקול. די לערערן האָט היינט דערציילט די קינדער, אז מען גייט קלייבן אַ נייעם פּרעזידענט.

— ווער וועט זיין פּרעזידענט? — האָט דייווי געפרעגט זיין לערערן.

— עס זיינען דאָ צוויי קאַנדידאַטן. איינער פון דער רעפּובליקאנער פּארטיי און איינער פון דער דעמאָקראטישער. אייערע טאַטעס און מאַמעס דארפן שטימען פאר איינעם פון דיביידע.

ווייס אָבער דייווי, אז זיין טאטע געהערט נישט צו דער רעפּובליקאנער אָדער דעמאָקראטישער פּארטיי. זיין טאטע איז אַן ארבעטער און געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּארטיי. וויל ער פרעגן וועגן דעם זיין לערער. ער באטראכט זיך אָבער, אז פריער וועט ער וועגן דעם רעדן מיטן טאטן.

אין אָוונט איז דער טאטע געקומען פון דער ארבעט. דייווי האָט איבערגעוואַרט ביז דער טאטע האָט אָפּגעגעסן און דערנאָך אים געפרעגט:

— טאטע, פאר וועלכן פּרעזידענט שטימסטו, פאר אַ רעפּובליקאַנער, צי פאר א דעמאָקראַט?

— איך בין אַן ארבעטער, מיין זון. שטים איך פאר אַן ארבעטער-פּרעזידענט. און די איינציקע פּארטיי, וואָס שטייט פאר די ארבעטער, איז די קאָמוניסטישע פּארטיי.

— טאָ פארוואָס האָט די לערערן געהייסן אויסקלייבן נאָר א רעפּובליקאנער אָדער דעמאָקראַט?

— די באַלעבאַטים פון די „פּאַבליק סקולס" זיינען די

דעמאָקראַטן אָדער די רעפּובליקאַנער. זאָגן זיי אָן די לערערנס, אַז מען דאַרף שטימען נאָר פאַר זייערן אַ פּרע־זידענט. אַרבעטער דאַרפן אָבער פאַר זייערע באַלעבאַ־טים ניט שטימען. די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנער פּאַרטייען זיינען פּאַרטייען פון די רייכע, פון די באַלע־באַטים.

אַ ר ב ע ט ן :

1. וועלכן קאַנדידאַט האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט פאַר אַ פּרעזידענט אין די לעצטע וואַלן ?

2. וועלכע קינדער־אָרגאַניזאַציעס העלפן די קאָמוניסטן אין דער צייט פון וואַלן ?

3. די צייטונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זיינען
אין ענגליש — — — — — — — — — — — — — — — — —
אין אידיש — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז דאָס ?

זי פלאַטערט אין ווינט,
ווי בלוט איז זי רויט,
זי ווערט ניט באַזיגט
פון קיין שווערד און קיין טויט,
פאַלט איינער אין שלאַכט,
כאַפּט אַ צווייטער זי אויס
און טראָגט זי מיט מאַכט
אין די רייען פאַרויס.
ס'איז ניט איינער געפאַלן מיט איר אין דער האַנט,
מיליאָנען האָבן זיך אונטער איר געשטעלט.
זי פלאַטערט איצט פריי אין אַרבעטער־לאַנד,
אינגיכן וועט זי פלאַמען אויף דער גאַנצער וועלט,
אויף יעדן דאַך, פון אויבן אָן.
דאָס איז די — — — — — — — —

ל ע נ י ן

1924

21

יאַנוואַר

איז געשטאָרבן

וולאַדימיר איליטש

ל ע נ י ן

לענין־מעמאָריאַל

אַלע יאָר, אין טאָג פון לענינס טויט, רופן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט גרויסע מיטינגען. די מיטינגען רופט מען „לענין־מעמאָריאַל“. ס'קומען זיך צוזאַמען טויזנטער אַרבעטער, גרייט ווייטער צו פירן לענינס אַרבעט.



כאַווער לעניִן האָט געוואָלט, אַז עס זאָלן אַף דער וועלט ניט זיין קיין באַלעבאַטים און קנעכט. עס זאָלן ניט זיין קיין אָרימע און רייכע.

ער האָט ניט געוואָלט, אַז די פאַבריקן און שעפער זאָלן געהערן צו די באַלעבאַטים, און מיליאָנען אַרבעטער זאָלן גאָרנישט האָבן.

ער האָט געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך.

ער האָט געזאָגט, אַז אַלע ארבעטער זיינען ברידער: דייטשן און אידן, נעגער און איטאַליענער, אַמעריקאַנער און ענגלענדער.

ער האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע ערד, אַלע פאַבריקן און שעפער, אַלע פעלדער און וועלדער געהערן צו די, וואָס ארבעטן, — צו די ארבעטער. ווער עס ארבעט ניט, האָט ניט קיין רעכט צו עסן.

לעניִן האָט געזאָגט:

די מאַכט — די סאָוועטן.

די ערד — די פויערים. די פאַבריקן — די ארבעטער.

סימבירסק־אוליאַנאָווסק

אַמאָל האָט די שטאָט געהייסן סימבירסק.

איצט האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן—אוליאַנאָווסק.

ווייל אין דער שטאָט איז געבוירן געוואָרן וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו (לענין).

דאָרט האָט געוואוינט די פאַמיליע אוליאַנאָוו אין אַ קליינער הילצערנער שטוב.

אין דעם הויז געפינט זיך איצט אַ לענין־מוזיי.

דער פאָטער איז געווען אַ געלערנטער מענטש, אַ לע־רער. ער האָט געגרינדעט אַ סאַך שולן פאַר פויערשע קינדער.

די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף, אַ דאָקטאָרס אַ טאָכטער. די פויערים האָבן זי זייער ליב געהאַט.

זי האָט געקענט מוזיק און שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש, און האָט עס געלערנט אירע קינדער. זי האָט אָפּגעגעבן אַלע קויכעס אַף דערציען די קינדער, זיי זאָלן ליב האָבן צו אַרבעטן.

קינדער זיינען אין דער פאַמיליע געווען זעקס.

די קינדער האָבן געלעבט צווישן זיך זייער פריינט־לאַך, פלעגן שפּילן, לייענען און לערנען צוזאַמען.

כאַוויירים און כאַווערטעס פלעגן צו זיי קומען און זיי פלעגן לייענען און שמועסן וועגן דער שווערער לאַגע פון די אָרימע פויערים און אַרבעטער.

אַרבעט:

1. כאַווער לענין איז געבאָרן געוואָרן אין שטאָט — — — — — — — — —
2. זיין טאַטע איז געווען — — — — — — — — — — — — — — — —

דער יונגער לענין גרייט זיך

לענינס אינגערע שוועסטער דערציילט:

איך געדענק, ווען מיר האָבן געוואוינט אין דאָרף, פלעגט וולאַדימיר איליטש אַלע אינדערפרי, נאָך דעם טיי, אַוועקגיין אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל אין סאָד, אָנגעלאָדן מיט ביכער און העפטן. דאָרט איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ באַנק און דאָרט פלעגט וולאַדימיר איליטש פאַרברענגען

דעם גרעסטן טייל פון טאָג באַם לערנען. ער האָט געקענט ניט נאָר לייענען ביכער, נאָר שטודירן זיי, מאַכן נאָטיצן, אויסצוגן.

גאַנצע טעג פלעגט וולאַדימיר איליטש פאַרברענגען באַ די ביכער. ער פלעגט זיך אָפּרייסן פון לערנען נאָר אַף דורכשפּאַצירן זיך און אַף דורכשמועסן זיך מיט דעם קליינעם קרייז כאַווייריים, וועלכע האָבן זיך אויך, אַזוי ווי ער, געגרייט צו רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

באַ אונז זיינען פאַרבליבן אַ סאַך פון זיינע אַמאָליקע העפטן. פון זיי קען מען זען, ווי ערנסט ער האָט געאַרבעט און וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל ביכער ער האָט דורכגעשטודירט.

אין טורמע

די קאַמער, אין וועלכער לענין איז געזעסן, האָט געהאַט 4 יאַרד אין דער לענג און 2 יאַרד אין דער ברייט.

איין פענצטער, באַשלאָגן מיט פעסטע אייזערנע גראַטעס, האָט אַרויסגעקוקט אין טורמע־הויף, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט אַ הויכן פּאַרקן. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ טיפער ברונעם. פון אָט־דעם פענצטער האָט מען געקענט זען נאָר אַ שטיקל גרויען הימל.

פון דער קאַמער פלעגט מען לענינען אַרויסלאָזן איין מאָל אין מעסלעס אַף 5 מינוט — ניט מער. דורכשרייבן זיך מיט די אייגענע און באַקאַנטע איז געווען פאַרבאָטן. נאָר וולאַדימיר איליטש פלעגט געפינען אַן אייצע: ער פלעגט איינגייען קליינע צעטעלאַך אין די וועש, וואָס ער פלעגט אָפּשיקן אַהיים וואַשן. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז אין די וועש ליגן בריוועלאַך... אַף צוריק פלעגט לענין אויך באַקומען צעטעלאַך:

מען פלעגט די פּאַפּירלאַך מאַכן ווי קניילעכלאַך און אַריינלייגן אין אַ באַנקע מיט קאַרשן־איינגעמאַכטס.

קיינעם האָט ניט געקענט איינפאַלן, אַז צווישן די עמעסע קאַרשן געפינט זיך אויך אַ פּאַפּירענע...
אין טורמע פלעגט לענין זייער פיל לייענען און שרייבן.

ווי לענין האָט זיך צוריק באַוויזן

דעם 5־טן אָקטאָבער, אין טאָג, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט מען געזען, ווי אין דער דירע, וואו ס׳איז פאַרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון סאָוועטן, איז אַריינגעקומען אַן אַלטיטשקער אין בלויע ברילן מיט אַן אַרומגעבונדענער באַק. קיינער האָט זיך אַף אים אַפילע ניט אומגעקוקט. נאָך שפּעטער האָט דאָרט אין יענעם טאָג הויך גערונערט לענינס קאָל פון דער טריבונע:

ברויט — די הונגעריקע!

שאָלעם — די פעלקער!

די ערד — די פּויערים!

די פאַבריקן — די אַרבעטער!

די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן!

זעלטן ווער ס׳האָט געוואוסט, ווי אַזוי עס האָט זיך דאָרט מיטאַמאָל באַוויזן לענין...

לענינס פּאָן

אין 17טן יאָר איז ראָבע פּאַנאָווסקי געפאָרן מיט לענינען צוזאַמען פון דער שווייץ.

ראָבע איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פיר.

אַ שטיפער געווען ראָבע.

געדענקט ער — געשווינט האָט זיך די באַן געטראָגן. ראָבע איז באַם פענצטער געשטאַנען.

זעט ער, דעם פעטער וואָלאָדיעס זייגער ליגט.

— פּרוּאוון אים אַרויסוואַרפן? אַך, ט׳עס פליען!..

און טאַקע גלייך גענומען און אַרויסגעוואָרפן...

פרעגט אים איליטש:

— דאָס האָסטו אַרויסגעוואָרפן דעם זייגער?...

— איך, פעטער וואָלאָדיע.

— מען טוט ניט אַזוי. ווען איך נעם דיך, אַשטייגער, און וואַרף דיך אַרויס, ווי דעם זייגער?

האָט זיך ראָבע דערשראָקן.

לאַכט פון אים איליטש —

— נאַ דיר אַ רויט סטענגעלע, מאַך זיך אַ פאָן. זײַ אַ גוטער קאָמוניסט.

נאָך געדענקט ראָבע, ווי אַף אַלע סטאַנציעס האָט מען זײַ באַגעגנט מיט פאָנען און מיט מוזיק.

ווי מ'האָט זײַ באַוואַכט אַפ'ן רוסישן גרענעץ.

ווי מען איז אָנגעקומען קיין פּיטער באַנאַכט. ווי מען האָט דאָרט ווידער איליטשן באַגעגנט מיט פאָנען און מיט מוזיק. איליטשן האָט מען אַף די הענט אַוועקגעטראָגן צו דער טריבונע, און ער האָט לאַנג, זייער לאַנג גערעדט.

אַז איליטש איז געשטאָרבן, איז ראָבע אַ גרויסער שוין, 12 יאָר אַלט, אומגעגאַנגען אַ דערהאַרגעטער, געוויינט.

דערנאָך האָט ראָבע אַרויסגענומען פון קעסטעלע דאָס רויטע סטענגעלע, וואָס איליטש האָט אים געגעבן מיט 7 יאָר צוריק, אַרומגענומען דאָס סטענגעלע מיט אַ שוואַרץ קענטעלע.

אַף דער דאָזיקער פאָן האָט ראָבע מיט זײַן האַנט אויפגעשריבן:

„די דאָזיקע פאָן האָסטו מיר געגעבן מיט 7 יאָר צוריק.
איך האָב זי מיט טרויער באַדעקט.
די דאָזיקע פאָן וועל איך האַלטן הויך מײַן גאַנץ לעבן.”

אונזער איליטש

— וואַסיאַ! קום מיט מיר אין וואַלד נאָך האָלץ, — זאָגט מיר דער טאַטע.

— מיר האָבן דאָך שוין געבראַכט, — ענטפער איך.

— ניין, דאָס איז האָלץ ניט פאַר אונז, דאָס איז אַ מאַטאָנע.

כ'האָב זייער געוואָלט וויסן, וועמען וועט מען עס פירן די האָלץ, און איך בין געפאָרן מיט'ן טאַטן אין וואַלד אַרײַן.

פרייליך איז געלאָפן אונזער פערדל. אַ פראָסטל האָט געשטשיפּעט מײַנע בעקלאַך, און די אויערן האָבן זיך גע־ װאַרעמט אונטער דעם אָנגערוקטן היטל. אין װאַלד האָבן שוין געאַרבעט עטלאַכע פּויערים. זיי האָבן שנעל אונ־ טערגעהאַקט און אָװעקגעלייגט די ווייסע בעראָזעס, צע־ זעגט אַף קורצע קלעצלאַך און צעשפּאָלטן.

— אַ קלוגע זאַך פאַרקלערט, — האָבן די פּויערים צווישן זיך גערעדט, — אַזוי פירט ער דאָך, שווער אים צו שרייבן, אונזער איליטשן, אונזער לענין...

פיל מאָל האָב איך געהערט: לענין. ווער איז ער? פאַרוואָס ווילן אים די פּויערים אַלץ ברענגען?

— טאַטע, ווער איז ער, דער לענין? — האָב איך אַ פרעג געטאָן באַם טאַטן, ווען די פּויערים האָבן זיך גע־ זעצט אָפּרוען.

— דאָס איז דאָך, זונעלע, אונזער עלטסטער, אונזער פריינט, אונזער באַפרייער. פרעג באַ דער לערערן אין שול, זי וועט דיר שוין בעסער דערציילן וועגן אונזער לענינען.

— ווען וועסטו אים אָפּפירן די האָלץ? — האָב איך געפרעגט.

— מאָרגן אינדערפרי.

— וועסטו מיר דערציילן פון אים, דו וועסט דאָך אים מיסטאָמע זען.

— איך האָב אים שוין ניט איינמאָל געזען, — האָט דער טאַטע געזאָגט. — דאָס לעצטע מאָל אַף אַ צוזאַמענ־ פאָר אים געזען. ער האָט אונז דערציילט, וויפיל סאָנים מיר, אָרימעלייט, האָבן געהאַט און ווי אַזוי מיר האָבן זיי אַף שטיקלאַך צעקלאַפּט.

מיר איז דערווייל אַ געדאַנק איינגעפאַלן:

זיי וועלן פירן די האָלץ און איך וועל דערווייל אַ בריוול אָנשרייבן.

געטראַכט און געטאָן. אינאָווענט האָב איך אָנגע־ שריבן:

„באַ אונז אין דאָרף רופן דיך אַלע „אונזער איליטש" און מיר וועלן דיך טאַקע אַזוי רופן. אונזערע פּויערים פירן האָלץ פונדיינעטוועגן. היייץ גוט דעם אויוון, דו זאָלסט ניט פרירן. מיר וועלן ברענגען נאָך. מיר, אַז עס ווערט

קאַלט, קריך איך אַרויף אַפּ'ן אויוון, און בײַ דיר, זאָגט מען, איז ניטאָ אַזאַ אויוון.

בלייב געזונט. שיק אונז יעדן אַ גרוס.

וואַסיאַ".

1. פאַרוואָס האָבן די פּויערים ליב געהאַט לענינען?

2. רעדט מען מיט אייך אין „פּאָבליק סקול" וועגן לענינען?

ווי לענין האָט זיך באַצויגן צו קינדער?

אַפּ'ן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט לענין דערזען אַ פינלענדישן כאַוועער, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין אויסלאַנד, אין יענע טעג, ווען לענין האָט זיך אויסבאַהאַלטן. לענין האָט זיך דערמאָנט, אַז דער כאַוועער האָט אַ אינגעלע. ער געדענקט אים גאָר אַ קליינינטשקן, 3 יאָר אַלט; ווי ער האָט פריילאַך געלאַכט, ווען ער האָט זיך מיט אים געשפּילט. דער כאַוועער האָט דערציילט, אַז איצט איז דער אינגל שוין אַלט 7 יאָר, נאָר ער איז זייער אומעטיק — די מוטער איז געשטאָרבן, און ער בענקט זייער נאָך איר.

לענין האָט אַרויסגעכאַפּט פון פּאָרטפּעל זיין נאָטיצביכל און האָט עפּעס פאַרשריבן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט דער פינלענדישער כאַוועער באַקומען אַ פּעקל מיט אַן אויפשריפט: „פון דעם כאַוועער לענין". ער איז געוועזן זייער פאַרוואונדערט: וואָס קען עס זיין? און ער איז אַף גיך געלאָפן אַהיים צעעפענען דאָס פּעקל. זעט ער... קינדערשע שפּילעכלאַך: אַן אויטאָמאָביל, אַ האַרמאַט און נאָך הילצערנע צאַצקעס, וואָס לענין האָט צוגעשיקט זיין אינגעלע, ער זאָל זיך שפּילן און ניט זיין אומעטיק...

קאָמינטערן: קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל.

יאָסלס באַלעם

אַלע טירן צוגעשלאָסן,
אַלע פענצטערלאַך פאַרמאַכט;
אַף אַ בעטל דרימלט יאָסל,
אַף די גאַסן שלאָפט די נאַכט.

האָט אַמאָל געהערט אַ רעדע
יאָסל ערגעץ אַף אַ מאַרק:
ס׳האָט געלעבט אַמאָל אַ זיידע
מיט׳ן נאָמען קאַרל מאַרקס.

מ׳האָט געטיילט דאָרט אַלע בלעטער
און געפליעסקעט מיט די הענט.
ס׳האָט געלעבט אַמאָל אַ פעטער,
איצטער הענגט ער אַף די ווענט.

כאַלעמט יאָסלען זיך אַ כאָלעם,
אַז דער פעטער גייט אַראָפּ,
גיט אים אָפּ אַ ברייטן שאָלעם
און ער שאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

„איך בין לענין“ — זאָגט דער פעטער.
טוט זיך יאָסל באַלד אַ נויג.
גיט אים לענין ביכלאַך, בלעטער
און אַ גרויסן, גרויסן פויק.

נעמט אים לענין פאַר׳ן הענטל,
פאַר׳ן צווייטן נעמט אים מאַרקס,
טוט אים אָן אַ רויטינק העמדל,
און מ׳פירט אים אַפּ׳ן באַרג.

„שאַ, אַ וואָרט וועט נעמען יאָסל!"
נעמט אַזש יאָסלען אָן אַ שרעק.
האָבן ווערטער זיך געגאָסן
אָן אַ סאָף און אָן עק.

שטייען מענטשן, בליצן אויגן,
און מ׳הערט ווי יאָסל רעדט.
פּלוצים זעט ער: אויסגעצויגן
ליגט ער אַפֿ׳ן אַלטן בעט.

ניט קיין אויגן — לעמפּלאַך ברענען,
ניט קיין מענטשן, ניט קיין באַרג.
אין אַ רעמל שמייכלט לענין,
אינ׳ם צווייטן — קאַרל מאַרקס.

ווער איז דאָס?

ער איז שוין טויט,
נאָר עס לעבט זיין אידייע.
אַף זיין קייווער אויפגעבויט
שטייט אַ מאַוזאָליי.
גייען אַרבעטער פאַרביי
ריי נאָך ריי,
מיט אַ סערפּ און מיט אַ האַמער,
רויטע פאָן און ביקס אין האַנט
בויען זיי סאָוועטן-לאַנד.
יעדער איינער ווייס זיין נאָמען,
יעדער איינער קען אים —
כאַווער — — — — — —



Карль Марксъ.

קאַרל מאַרקס איז געווען אַן אַרבעטער־פירער און אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט געלערנט אַרבעטער, ווי אַזוי צו געווינען זייער מאַכט. ער איז געשטאָרבן אין דעם יאָר 1883, אָבער זיין לערע איז געבליבן פאַרשריבן אין גרויסע ביכער. אַלע גרויסע אַרבעטער־פירער, אויך לענין, האָבן געלערנט פון אים. די לערע פון לענינען איז אויך די לערע פון מאַרקסן.

יעדער אַרבעטער דאַרף לערנען מאַרקס און לענינס לערע!

א לענין מעמאָריאַל

פול איז דער מעדיסאָן סקווער גאַרדן. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער זיינען אַהערגעקומען: אַמעריקאַנער און נעגערן, כינעזער און יאַפּאַנעזער. און אַלע — איין גרויסע ברידערלאַכע אַרבעטער־מאַסע.

אין דער טיף שטייט אַ ריזיק בילד פון כאַווער לענין. אין זיין גאַנצער גרויס.

דאַכט זיך, אַז באַלד וועט כאַווער לענין אַראָפּ פון דעם בילד, זיך אַוועקשטעלן אַף דער ריזיקער פּלאַטפאָרם און זיינע ווערטער וועלן זיך צעקלינגען...

איבער כאַווער לענינס בילד לייכט אַ גרויסער רויטער שטערן.

פרייד פון קאַמף שיינט פון יעדנס פּאָנים. יעדער איז דאָ גרייט. גרייט צו שאַפן אין אַמעריקע אַ רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער מיטינג איז נאָך ניט אָנגעהויבן. איבערן זאַל דעמאָנסטרירן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס: די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, די אַרבעטער־קלובן, די פרויען־קאָנסילס, די יונגע קאָמוניסטן, די פּיאָנערן און די קינדער פון אונזערע שולן.

פּלוצלונג: די ריזיקע מאַסע איז אַף די פיס. די מוזיק ברעכט אויס מיט פייערדיקן אימפעט און פון צוואַנציק טויזנט הערצער דערהערט זיך:

ש ט י י ט א ו י ף א י ר א ַ ל ע, ו ו ע ר ו ו י ש ק ל א ַ פ ן ! — — —

א ר ב ע ט ן:

1. דער לענין מעמאָריאַל מיטינג פון אונזער שטאָט איז דאָס יאָר געווען — — — — — — — — — — — — — — (וואו ?)
2. איך בין געווען צו דעם מיטינג: יאָ, ניין. (שטרייך אונטער דעם ריכטיקן ענטפער).
3. איך בין דאָרטן געווען: מיט די פּיאָנערן, מיט מיין שול, מיט מיינע עלטערן. (שטרייך אונטער דעם ריכטיקן ענטפער.)

ש ר י י ב:

4. וואָס איך געדענק וועגן דעם לענין־מעמאָריאַל.

לענין-ווינקל

עס איז געשטאָרבן אונזער לענין,
אין שוואַרצן קאַסטן ליגט ער איצט,
נאָר ס׳איז זיין נאָמען, אָט דער העלער,
אין אונזער האַרצן אויסגעקריצט.

מיר זיינען אַלע לענינס קינדער,
מיר גייען אַלע אַף זיין וועג.
ער האָט געפירט אונז, אונזער פירער,
ער האָט געבראַכט אונז העלע טעג.

דו ביסט באַ אונז אין לענין-ווינקל
אין רויט-שוואַרצע סטענגעס אויסגעצירט,
דו ביסט דער פלאַם, און מיר די פונקען —
שפּריצן מיר מיט רויטער ליכט.

אַ ר ב ע ט:
באַשרייבט אייער לענין-ווינקל, קינדער.

ווי מיר האָבן אײַנגעאָרדנט א לעניז־ווינקל אין שול

די שילערן פון אונזער גרופע, מאַשע פרידמאַן, האָט געבראַכט אין קלאַס עטלאַכע בילדלאַך, אַף וועלכע עס איז געווען אויסגעמאָלן די לעוואָיע פון כאָווער לעניז. מיר האָבן מאַשען אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן באַקוקן אירע בילדלאַך.

— מאַשע, וואו האָסטו גענומען די בילדלאַך? — האָט געפרעגט סאָרע.

— איך האָב זיי אויסגעשניטן פון צייטונגען, פון פאַר־שידענע זשורנאַלן...

— און באַ מיר, קינדער, איז פאַראַן אַ בילדל פון דעם קלײנינקן לעניז, ווען ער איז נאָך אַלט געווען דריי יאָר... אַזאַ וואוילער... אין א ווייסן העמדל...

— יאַנקל, ווייז נאָר... וואו איז דאָס באַ דיר?

— אין דער היים. מאָרגן וועל איך ברענגען.

— און באַ אונז אין דער היים איז פאַראַן לעניז אַן אויס־געקלעפּטער פון ליים.

— איר ווייסט וואָס, קינדער,—האָט אַ זאָג געטאָן פייטל.

מיר זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן. פייטל, ווייזט אויס, האָט עפּעס צוגעקלערט: אַף דעם איז ער אַ בעריע. שטענדיק קלערט ער צו עפּעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך.

— נו, רעד שוין. ווידער, אַוואַדע, עפּעס צוגעקלערט?

— אָט וואָס. באַ מאַשען זײַנען דאָ בילדער פון לע־נינס לעוואָיע, באַ יאַנקלען אַ בילד פון קלײנעם לענינען, באַ מיר זײַנען פאַראַן לידער וועגן לענינען, איך האָב זיי אָפּגעשריבן. לאָמיר אָפּרעדן דאָס אַלץ צו ברענגען מאָרגן און מיר וועלן אַליין אײַנאָרדענען אַ לעניז־אויס־שטעלונג...

אַלע האָבן אָנגעהויבן טומלען. פייטלס פּלאַן איז גע־פעלן געוואָרן.

— אויסגעצייכנט, גענומען זיך צו דער אַרבעט.

— אָבער אַלץ ברענגען, וואָס עס איז נאָר פאַראַן באַ עמיצן וועגן לענינען!

אין מאָרגן איז װער עס איז נאָר אַרײַן אין קלאַס, האָבן אים אַלע אַ פרעג געטאָן:

— געבראַכט? אַ סאַך?

נאָך דער ערשטער שאָ האָט מען אָנגעהױבן פאַנאַנדערלײגן אין אָרדנונג אױף די בענקלאַך די געבראַכטע זאַכן.

אױפן ברעט האָט לײע אָנגעשריבן מיט גרױסע אותיות:

לעניִן-אױסשטעלונג.

געװען אַ סאַך בילדער, לידלאַך, מײסעס. פון אַנדערע קלאַסן אַפילע איז מען געקומען אָנקוקן אונזער אױסשטעלונג.

— װײסט װאָס, פײטל, — האָט אַ זאָג געטאָן פײגע, — לאָמיר די אױסשטעלונג ניט פאַנאַנדערנעמען. לעבן דעם טאָװל איז פאַראַן אַן אָרט — לאָמיר אַװעקשטעלן אַהין אַ לאַנגן טיש און אױסלײגן אױף אים אונזערע זאַכן. די בילדלאַך װעלן מיר צושטעכן מיט קנאָפּקעס צו דער װאַנט. מען קען אָנשרײבן און צושטעכן לאָזונגען. איך רעכן, אַז דער קלאַס װעט מאַסקים זײַן.

— קינדער! — האָט פײטל אַ געשרײ געטאָן — פײגע װיל עפּעס זאָגן.

װען אַלע האָבן זיך באַרויִקט, האָט פײגע דערצײלט װעגן דער אײנאָרדנונג פון אַ שטענדיקן לעניִן-װינקל.

אַלע האָבן, פאַרשטײט זיך, מאַסקים געװען.

אין דרײ טעג אַרום איז שױן בײַ אונז געװען אַ לעניִן-װינקל.

פײגע האָט אָנגעשריבן פּלאַקאַטן, מאַשע און יאַנקל האָבן איבערגעגעבן אין לעניִן-װינקל זײערע בילדער, פײטל האָט אױסגעקלעפּט לעניִנען פון לײם, ריװקע האָט אָנגעשריבן לידער װעגן לעניִנען און האָט פאַרשריבן, װאָס דער טאַטע האָט איר דערצײלט װעגן לעניִנס לעװאַיע. עס האָבן זיך אָנגעקליבן אַ סאַך בילדלאַך, מײסעס, לידער, לאָזונגען.

אײנגיכן איז דער לעניִן-װינקל געװאָרן אַזױ גרױס, אַז מיר האָבן שױן צוזאַמען מיט דער גאַנצער שול באַשלאָסן אָפּצוגעבן פאַרן לעניִן-װינקל אַ קלײנעם צימער.

מיר האָבן געקױפט עטלאַכע ביכלאַך װעגן לעניִנען.

דער לעניִן-װינקל איז קײנמאָל ניט לײדיק. אָפט קלײבן מיר זיך דאָרט צענױף און לערנען זיך, װי אױסצופירן לעניִנס געבאָטן.

ארבעטער-קינדער

קינדער אינטערנאַציאָנאַל

מיר זיינען קינדער אַלע גלייכע,
מיר זיינען אַלע איינס פאַר איין —
ניטאָ קיין אָרימע, קיין רייכע —
מיר בויען אונזער וועלט אַליין.

מיר וועלן יעדערן דערקענען,
ווער ס׳גייט מיט אונז און אַרבעט גוט;
מיר זיינען גאַנצע מיליאָנען
מיט שטאַרקע הענט און הייסן בלוט.

זאָלן לעבן די קינדער,
זאָלן וואַקסן גאַנץ גרויס,
צום שאַפן, צום בויען
מיט לידער גיין פאָרויס.

אַלבערט קלייבט קוילן

אַלבערט איז ניין יאָר אַלט. ער איז קליין־געוויקסיק, דאַר און בלאַס. אין סקול איז פאַר אים קיין אָרט ניט אויסגעקומען, איז ער פאַרבליבן אין הויז.

אַלבערטס טאַטע איז אַ קנאָפּ־לאָך־מאַכער, אָבער ער האָט שוין זיין מעלאָכע אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָרים שוין זייער, זייער לאַנג, אַז ער גייט אַרום ליידיק.

טאָג־איין, טאָג־אויס גייט ער אַרויס זוכן אַרבעט, ער שלעפּט זיך אַרום פון פרימאָרגן ביז נאַכט, אָבער — ניט פאַר אייך געדאַכט — קיין אַרבעט זעט זיך ניט.

אַלבערטס מאַמע איז אַ פאַרדינערן: זי וואַשט וועש, זי קריגט עפּעס הייזלאַך אַרויסצופּאַרטיקן, אָבער — וואָס זאָל איך אַ סאַך רעדן? — עס קלעקט ניט אַף טרוקן ברויט.

אַלבערט האָט נאָך אַ קליין שוועסטערל, עמעלע. זי

איז נאָך קיין יאָר ניט אַלט, און ווען איר ווילט זיך עסן אָדער ווען איר איז קאַלט, מאַכט זי קוילעס אונטערן הימל. אַל-בערט האָט זייער ליב זיין קליין שוועסטערל און ווען ער האָט נאָר אַ פרייע מינוט, שפּילט ער זיך מיט איר, קושט זי און וואַרעמט מיטן מויל אירע קליינע הענטלאַך, וואָס זיינען שטענדיק בלוי און קאַלט.

פאַרנאַכט פעדלט אַלבערט מיט צייטונגען און אינ-דערפרי קריגט ער פאַר דער פאַמיליע קוילן און האָלץ. יעדן פרימאָרגן, זינט עס האָט זיך געשטעלט דער קאַלטער ווינטער, גייט אַלבערט אַרויס מיט אַ קערבעלע אין די הענט. ער גייט אַרויס איבער די גאַסן, האַלט די אויגן צו דר'ערד, און ווען ער געפינט אַ קויל אָדער אַ שטיקל האָלץ, קלייבט ער עס אויף. אָפט פרירט די קליינע עמעלע, וואַרטנדיק אַף אַלבערטס קערבעלע.

ווען אַלבערט טרעפט אָן אין גאַס אַף אַ וואָגן קוילן, וואָס מען האַלט אין אַראָפּשיטן, האַלט ער עס פאַר זיין מאַזל. ער וואַרט איבער, ביז מ'ענדיקט דאָס אַראָפּשיטן, דערנאָך גייט ער צו מיט זיין קערבעלע, און קלייבט דאָ אָן עטלאַכע קוילן מיטאַמאָל.

אַלבערט קומט אַהיים אַ צעבראָכענער אַף ברעק-לאַך, אָבער די מאַמע קושט אים און הייצט איין אין שטוב. דעמלט זעצט זיך אַלבערט אַוועק מיט דער קליינער עמעלען באַם אויוון און ער איז גליקלאַך.

דאָס לעצטע מאָל האָט אָבער אַלבערטן זייער און זייער ניט אָפּגעגליקט.

דאָס איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער-טאָג. די זון האָט אַפילע געשיינט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איר אויסגעלאַכט — ער האָט געקיניגט. ער האָט גע-ביסן און געביסן אַף טויט.

די מאַמע וואָלט עפּשער אַלבערטן אין אַזאַ טאָג גאָר ניט אַרויסגעלאָזט קלייבן קוילן, אָבער די קליינע עמעלע איז עפּעס געוואָרן קראַנק. זי האָט געשלוקערצט און גע-ציטערט ווי אַ בלאַט. האָט די אָרימע מאַמע אָנגעטאָן איר גוט זונעלע אין אַ באָרג מיט שמאַטעס און אים אויס-געריכט מיט זיין קערבעלע.

אַלבערט איז אַרויס אין דרויסן. די ביטערע קעלט האָט זיך דורכגעקליבן דורך די שמאַטעס, אַזוי, אַז ער האָט גענומען ציטערן. אָבער אים האָט דערפאַר אויך גענומען גליקן: ער האָט עטלאַכע מאָל נאָכאַנאַנד באַגעגנט וועָ-

געוויינט, וואָס האָבן אַראָפּגעשאָטן קוילן, און יעדעס מאָל האָט ער אויסגעמאַכט ניט שלעכט.

עס האָט אים געגומען שטעכן אין די פינגער פון די הענט און פון די פיס און ער האָט זיך שוין געלאָזט לויפן אַהיים, טראָגנדיק מיט זיך אַ „שיין ביסל" קוילן. אַך, ווי קאַלט ס'איז אים געווען! ער האָט געפילט, אַז ער ווערט פאַרפרוירן. אָבער אָט איז פאַר זיינע אויגן נאָך אַ וואָגן. די קוילן האָט מען שוין באַלד אַראָפּגעשאָטן און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטן.

אַלבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפּן אַ פוס אָן אַ פוס.

און אָט זיינען די קוילן שוין אַראָפּגעשאָטן. אַלבערט גייט צו מיטן קערבעלע און נעמט אויפקלייבן די שטיקלאַך איבערגעלאָזטע קוילן. פּלוצלונג קריגט ער אַ שטאַרקן שטויס מיט אַ פוס...

דער דערשראָקענער אינגל שפּרינגט אויף פאַרצי־טערט. לעבן אים שטייט אַ גרויסער, פאַרשוואַרצטער קוילנמאַן און שרייט.

אַלבערט האָט געוואָלט נעמען לויפן, אָבער דער קוילנמאַן כאַפּט אים אָן, רייסט אַרויס דאָס קערבעלע פון זיין האַנט, שיט אויס די גאַנצע קוילן, פאַרשליידערט דאָס קערבעלע אַף אַ האַלבער גאַס ווייט.

באַם קינד פאַרקלעמט דאָס האַרץ פאַר ווייטיק. די אויגן ווערן מיט טרערן פאַרלאָפן. ער הייבט אויף דאָס קערבעלע, גייט זיך פון ווייטן אַ קרום אָפּן צערייצטן קוילנמאַן, און וויינענדיק שלעפּט ער זיך אַוועק אַהיים.

אוי, ווער דאַרף דאָס קליינע עמעלע היינט פירן!...

ש ו ו ע ר ע   ו ו ע ר ט ע ר:

עס קלעקט ניט — עס איז ניט גענוג.

קוילעס — געשרייען.

מאַזל — גליק.

וועלכע קינדער פרייען זיך ניט מיט דעם ווינטער?

א ר ב ע ט:

שרייב:

1. ווען איך וואָלט געווען דער קוילנמאַן?
2. ווינטער איז גוט און ווינטער איז שלעכט.
3. שטעל זיך פאָר אַז דו ביסט עמעלע און דערצייל, ווי דיין ברודער האָט געקליבן קוילן.

דער קליינער פריץ

פריץ איז אַלט 13 יאָר. ער גייט אין שול. ער האָט ליב צו שפּילן זיך מיט כאַווירים, צוזאַמען מיט זיי זיך רייצן מיטן גראָבן פּאָליציאַנט, וועלכער שטייט ניט ווייט פון זייער שול. ער האָט ליב צו לאַכן און זיך פרייען.

פריצס פאָטער אַרבעט אַף אַ פאַבריק. נאָר די לעצטע צייט איז ער געוואָרן עפּעס אַן אומעטיקער און רעדט אינגאַנצן ניט מיט פריצן.

היינט, נאָך די אָפּגעקאָכטע בולבעס, וועלכע די מאַמע האָט אָנגערופן וואַרמעס, ווען פריץ האָט שוין געוואָלט אַרויסלויפן אַפן גאַס, האָט אים דער פאָטער אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— זעסטו, פריץ, די מאַמע איז זייער קראַנק... זי דאַרף זיך אָפּהיטן און עסן גוט. מ'צאָלט מיר איצט זייער ווייניק. מיר האָבן געטראַכט... אויב דיר וועט ניט זיין קיין שאָד, וואַרפן די שול. דו האָסט געדאַרפט אָנקומען אַרבעטן אַף דער פאַבריק...

ווי וועט ער, פריץ, גיין אַף דער פאַבריק, אַף דער מוירעדיקער, שרעקלאַכער פאַבריק? אָ, ניין, ער ווייסט, וואָס ס'הייסט אַרבעטן אין פאַבריק! ער באַגעגנט יעדן טאָג הויקערדיקע, פינצטערע יאַטלאַך... ניין, פריץ וויל ניט גיין אין פאַבריק! ער איז דאָך נאָך אַזאַ קליינער. ער וועט באַלד זאָגן דעם פאָטער...

נאָר פאַרוואָס שטייט עפּעס דער טאַטע אַ שעמעוודיקער? פאַרוואָס ווישט זיך די מאַמע אַזוי לאַנג מיטן האַנטוך? פריץ האָט פאַרשטאַנען... ער האָט פאַרשטאַנען און געזאָגט:

— איך וועל גיין, פאָטער... מיר איז ניט קיין שאָד די שול.

און דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו דער וואַנט און זיך פאַנאַנדערגעווינט.

— ווען מ'וועט פרעגן, ווי אַלט דו ביסט, זאָג פופצן,— האָט געזאָגט פריצס פאָטער, ציינגנדיק אַף די טויערן פון פאַבריק.

— זיי וועלן דאָך אָבער ניט גלויבן...

— הממ... זונעלע, און מ'דאַרף ניט גלויבן. זיי ווייסן

גאַנץ גוט, אַז דו ביסט נאָך קיין פערצן יאָר ניט אַלט. זיי דאַרפן זיך מער ניט אויסדרייען פון געזעץ, וועלכער דערלויבט ניט צו אַרבעטן קינדער אונטער 14 יאָר.

די פאַבריק האָט זיך פריצן אויסגעוויזן נאָך מוירעדיקער, ווי ער האָט געטראַכט וועגן איר. מ׳האָט אים געהייסן מיט עפּעס נאָך אַ אינגל שלעפּן און איבערלייגן שווערע קאַסטנס. זייער גיך איז דאָס קערפּערל זיינס פאַרמאַטערט געוואָרן, און די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען.

איינמאָל האָט פריץ אָפּגעאַרבעט 8 שאָ און דערנאָך נאָך 2 שאָ צוזאַמען מיט די אַרבעטער. אין אָוונט איז ער געקומען אַן אויסגעמאַטערטער אַהיים. אָפּגעגעסן אַ שיטערן זופּ מיט די פּעדימלאַך פלייש און זיך געלייגט שלאָפן. אינדערפרי האָט זיך דאָס גאַנצע קערפּערל זיינס געבראָכן פון פאַרמאַטערטקייט. נאָר אָפּרוען — קיינמאָל: מ׳דאַרף ווידער און ווידער זיך אויפהייבן און גיין צו דער אַרבעט.

אַלע שאַבעס ברענגט פריץ אַהיים געלט — איין דאָלאַר מיט פופציק סענט. אָט דאָס איז אינגאַנצן, וואָס ער פאַרדינט פאַר אַ וואָך. דורכן יאָר וועט פריץ באַקומען אורלויב אויף 8 טעג. דאַן ערשט וועט ער קאָנען אַביסל אָפּרוען.

פריץ האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, ער האָט אויפגעהערט צו לויפן איבערן גאַס. פריץ אַרבעט איצט אין דער פאַבריק צוזאַמען מיטן טאַטן; און ער טראַגט אַ האָס צו די, וועלכע האָבן צוגענומען באַם טאַטן דאָס געזונט און באַ אים, פריצן, דאָס פריילאַכע לעבן.

אַ ר ב ע ט ן :

1. פריץ האָט גערדאַרפט גיין אַרבעטן, ווייל — — — — — — —

2. פאַרוואָס אַרט ניט דעם באַלעבאָס, ווען קינדער גיבן ניט אָן זייער ריכטיקן עלטער?

3. וואָס וואָלט די רעגירונג גערדאַרפט טאָן, אַז קינדער זאָלן ניט דאַרפן גיין אַרבעטן?

4. אין וועלכן לאַנד אַרבעטן ניט קיין קינדער?

ליאָ אַרבעט אין לאָנדרי

ליאָס מאַמע איז קראַנק געוואָרן, האָט מען זי אַוועקגענומען אין אַ שפּיטאָל. און ליאָ איז אַוועק וואוינען צו זיין מומען.

אין אַן אינדערפרי האָט די מומע גיטל אָנגענומען ליאָן בײַ דער האַנט און אים אַוועקגעפירט אין אַ לאָנדרי. צום באַלעבאָס האָט די מומע קורץ געזאָגט: „דאָס איז דער באָיטשיק", און ליאָן האָט זי אָנגעזאָגט מיטן פינגער: „וואָס דער מאַן וועט דיר הייסן, זאָלסטו טאָן; וויפיל געלט דו וועסט קריגן, זאָלסטו מיר אָפּגעבן, דו הערסט?" און איז אַוועק.

פריער האָט ליאָ אַרומגעקוקט די נייע קראָם. געוואָרפן אויגן אַף דער פּרעס־מאַשין, אַף די טישן, אייזנס, אַף די פּאָליצעס. דערנאָך האָט ער דערשמעקט דעם רייאַך פון שמוציקע וועש און שווייסיקע זאָקן. ער האָט אַביסל פאַרקנייטשט מיטן נעזל און דערביי זיך געטראַכט: ס'איז אַפילע ניט אַזאַ אַרבעט, וואָס זיין פאָטער פלעגט טאָן, אָבער דאָך אַן אַרבעט. ער הייבט אָן ווערן אַ גרויסער. די מאַמע וועט אַהיימקומען, וועט זי שוין ניט דאַרפן גיין אין שאַפּ.

אַף זיינע יונגע פלייצעלאַך האָבן זיך שווער אַוועקגעלייגט די זעקלאַך טרוקענע און נאַסע וועש. אַלעמאָל איז ער געלאָפן אַף טרעפּלאַך אַפן פערטן און פינפטן שטאָק, נעמען און אָפּטראָגן פעקלאַך. אַמאָל האָט ער געקראָגן צוויי אָדער פינף סענט אַ „טיפּ" און אַמאָל נאָר אַ בייזן ברום. האָט ער אַמאָל ניט געבראַכט באַצאָלטס פאַרן פעקל „פלעט", איז דער באַלעבאָס געווען אין קאַס אַף אים.

האַלבע טעג פלעגט ער שטיין אַף זיינע יונגע פיסלאַך בײַ דער מאַשין און פרעסן טיכעלאַך, טיכעלאַך, טויזנטער טיכעלאַך, גרויסע מענערשע און קליינע ווייבערשע. ער פלעגט זיי האַלטן בײַ די שפּיצן און דורכלאָזן אַ פּאָר מאָל, דערנאָך זיי צונויפלייגן אין אַ קעסטעלע, שיין, פּינקטלאַך, „ס'זאָל געפעלן די קוינעס", אַזוי דערמאָנט אים אַלעמאָל דער באַלעבאָס.

די סאַלפעטקעס דאַרף מען צונויפלייגן דריישפּיציק און אין די זאָקן דאַרף מען אַריינלייגן אַ הענטל, ס'זאָל זיך

אויספּרעסן און אויסגלייכן ווי נײַ. די אונטערוועש אויס־פּרעסן און אויסגלייכן מיטן פּאַרצייכנטן נומער אויבן און דער איקער היטן די קנעפּלאַך, ווי די אויגן אין קאָפּ, לםאַן־האַשעם ניט צעברעכן קיין קנעפּל באַם פּרעסן, אַז ניט פּאַרלירט דער באַלעבאָס אַ „באָרדער־באַנדל״.

אַרבעט אַזוי ליאָ אַ גאַנצע וואָך. צו צען, צוועלף און פופצן שטונדן אַ טאָג. די פּאַרע פון דער נאַס־געפּרעסטער וועש, דער רייאַך פון דעם גאַז, די היץ פון מאַשין — זעצן זיך אין פּענעמל, אין די אייגעלאַך. אַ שוויים באַדעקט אים. ער אַרבעט און זינגט טרויעריקע לידלאַך.

— עפּעס ניט ווי אַלע פרייליכע אַמעריקאַנער אינג־לאַך, — באַמערקט פאַר זיך אַמאָל דער באַלעבאָס. — ער איז אַ שווייגער און פּאָלגט אַלץ, וואָס מען זאָגט אים. — זוכט דער באַלעבאָס פאַר אים אויס אַרבעט פון אונטער דער ערד.

און אַז ליאָ שטייט באַ דער מאַשין און פּרעסט, קוקט ער זיך ניט אום. ער וויל ניט באַגעגענען דעם באַלעבאָס בייזע צוויי אויגן, וואָס קוקן איבער יעדעס טיכעלע און זאָק, זיינע צוויי אויגן, וואָס שטעכן ליאָס פּלייצקעלע פון הינטן.

אַ ר ב ע ט:

1. ליאָ האָט געאַרבעט אין — — — — — — — — — —
2. שרייב: פּאַרוואָס האָט ליאָ געמוזט גיין אַרבעטן?

אַ כינעזישער
אַרבעטער אינגל.

איך בין א פיאָנער

איך בין יונג און שטאַרק און מוטיק. שטאָלץ
און אַרבעט איז פאַר מיר ניט שווער;
מיין טאַטע איז אַ קאָמוניסט
און איך — אַ פיאָנער!

מיין טאַטע שאַפט אין שאַפּ, פאַבריק,
אין שטאָט, אין דאָרף, — ווערט קיינמאָל מיד,
און אין שול אַף הארטער באַנק
לערן איך פלייסיק אויס זיין ליד!

און ווען איר סטרייקט — אין פיקעט-ליין
פאַר מיר ניט זאָרגט זיך מער;
איך בין מיט אייך אַף שריט און טריט —
איך בין אַ פיאָנער!

און האַנט-אין-האַנט אין פעסטער ריי
מיט אייך — מיר שטייען גרייט!
מיר לערנען דאָך זיין שטענדיק גרייט
פון קליינערהייט!
איך בין יונג און שטאַרק און מוטיק שטאָלץ,
און אַרבעט איז פאַר מיר ניט שווער;
מיין טאַטע איז אַ קאָמוניסט
און איך — אַ פיאָנער!

ווי קאָן עס אַנדערש זיין?

קאַרל ווערט אַרעסטירט.

דער קליינער קאַרל איז איינער אַליין איצט אין שטוב. די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען. דער טאַטע איז ניטאָ שוין באַלד צוויי וואָכן. ער ווייס, אַז דעם טאַטן זוכט מען: גלייכער וואָס ער איז אינדערהיים ניטאָ.

קאַרלס פּאָטער איז אַ קאָמוניסט. אָט פֿאַרוואָס מען זוכט אים. און ווער? קאַרל לאַכט צו זיך אַליין: נאַרישע פּאָליציאַנטן, וואָס ווייסן אַפֿילע ניט, וואָס אַזוינס איז אַ קאָמוניסט. און קאַרל ווייס, נאָך אַ מין וויסן, ווען ער קריכט אַראָפּ אַפּדערנאַכט פֿונם טאַטנס קני, — איז ער דאַן אינגאַנצן פֿאַרכאַפּט פֿונם טאַטנס וואונדערלאַכע רייד.

אַך, ווי גוט, ווי וואויל וועט דעמאָלט אַלעמען זיין! די קאָמוניסטן ווילן, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן און אַז אַלע זאָלן גלייך זיין.

די שול־כאַווירים — טראַכט זיך קאַרל — פֿאַרשטייען נאָך אויך ניט, וואָס אַזוינס איז אַ קאָמוניסט. דערווײַלע איז ער נאָך, קאַרל, דער איינציקער קאָמוניסט באַ זיך אין קלאַס. ערשט נעכטן האָבן אים כאַווירים געוואָלט שלאָגן. האָט ער זיך אָבער ניט געלאָזט, ער איז ניט פֿון די, — געכאַפּט דעם רימען, מיט וועלכן ער בינדט איבער די ביכער, געשטעלט זיך באַ דער וואַנט און געפּאָכעט מיט אים אַרום און אַרום. קיינער האָט זיך ניט איינגעשטעלט צוצוגיין. צוויי זיינען אַפּילע אַריבער אַף זיין זייט. זיינען זיי שוין אַצינד צווייען מיט נאָך איינעם, אַזוי גרויס ווי דריי, און דאָס איז שוין באַלד אַ גאַנצע כעווריע.

דערהערט קאַרל, אַז מ׳גייט. ניין, די מאַמע איז עס ניט. דער מאַמעס טראָט קען ער גוט. אַף די טרעפּ שפּאַנען עטלאַכע מיטאַמאָל. ווער זאָל עס זיין?

אַן עפֿן אויף די טיר — ס׳גייען אַריין דרייען. קאַרל קען זיי ניט. יענער־אָ, וואָס איז דער ערשטער אַריין, אַ הויכער מיט גראָבע וואָנצעס, שמייכלט ווייך און פֿרעגט:

— דו ביסט אַליין דאָ, אינגעלע?

קאַרל שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— וואו איז די מאַמע?

— ניטאָ.
— און דער טאַטע ?
קאַרל שפּיצט זיך אָן. אָ, דער טאַטע וואו איז — דאָס ניט.
— דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן — טראַכט קאַרל צו.
— וואוהין ?
דאָס ווייסט ער ניט, קאַרל. דער הויכער לאָזט אים אָבער ניט אָפּ. פאָדערט, ס'אינגל זאָל אים זאָגן, וואו דער טאַטע איז.
— אַז איך ווייס ניט...
דער הויכער טוט בייז אַ דריי מיט די וואָנצעס.
— און אַז איך וועל דיך איינזעצן ? — זאָגט ער שטרענג אַרויס.
קאַרלען איז שיר דאָס האַרץ ניט אַרויס, נאָר ער האָט גאָרניט געזאָגט.
אַז ער ווייס ניט. פונוואַנען זאָל ער וויסן.
פירט מען שוין קאַרלען אַראָפּ אַפן גאַס און מ'זעצט אים אַריין אין אַן אויטאָמאָביל. ציטערט קאַרל. נאָר דורכ־פאָרן זיך אַפן אויטאָמאָביל איז פאָרט אַ מעכאַיע.

ניט אַרויסגעגעבן דעם טאַטן.

זיצט שוין קאַרל אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער.
פאַר אים, באַ אַ שרייבטיש, מיט פאַפּירן אָנגעוואַל־גערט, זיצט איינער אין אַן אוניפאָרם, מיט גאָלד אויס־געניים.
קאַרל האָט גוט אין זינען געהאַט : „אַלץ דערציילן, נאָר ניט וועגן טאַטן".
— וויפל ביסטו אַלט ? ווי הייסטו ? גייסטו אין שול ?
קאַרל ענטפערט.
— און עסן ווילסטו ?
— יאָ, אַוודע. — ער איז הונגעריק, שוין אַזוי לאַנג וואַרמעס געגעסן.
יענער האָט עפּעס באַפוילן אַ פּאָליציאַנט, וואָס איז אַפן קלונג געקומען. אין צוויי־דריי מינוט אַרום האָט שוין קאַרל געקייט ברויט, וואורשט.
בעשאַסן עסן האָט קאַרל אַ סאַך געשמועסט מיט יע־נעם, וואָס אינם פאָליציי־מונדיר. פאַרוואָס דען ניט ? ער איז, לאָזט זיך אויס, אַ גאַנץ צוגעלאָזן מענטשל.
קאַרל האָט זיך צעלייגט אַפן שטול. שוין זאַט. נאָר

יענער, דער שטאַרק־צוגעלאָזענער, דערלאַנגט אים נאָך אַ גלאָז שאָקאָלאַד.

קאַרל זאָגט זיך ניט אָפּ.

נאָך דערלאַנגנדיק דאָס גלאָז, גיט יענער מיטאַמאָל שטיל און אַף גיך אַ פרעג:

— און וואו־זשע איז דער טאַטע דיינער ?

קאַרל איז פאַרציטערט געוואָרן.

— וואו איז דער טאַטע ?

אַ שטילשווייגן.

— דער טאַטע וואו איז פרעג איך ?

קאַרל ציטערט פון אויפרעגונג, מוירע האָט ער אָבער ניט. לאָז ער שרייען, וויפל ער וויל.

— וועסט זאָגן, צי ניין ?

קאַרל האָט אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס.

— אַ יונגער קאָמוניסט וועט ניט אויסגעבן דעם טאַטן זיינעם.

אַ מינוט, נאָך אַ מינוט...

אין דעם ליכטיקן צימער זיינען איינס אַקעגן אַנדערן אַ גרויסער און אַ קינד געשטאַנען שווייגנדיק מיט עפּעס אַ באַזונדער שטילקייט. דער וואַנטזייגער האָט אָן אויפהער אויסגעקלאַפּט:

— טאַק־טאַק־טאַק.

עמיצער איז אַריין.

— מ׳פרעגט אַף אייך.

איבערגעשלאָגן. יענער, דער הויכער, האָט זיך שטאַרק אויסגעשאָלטן און מיט שווערע טריט פון צימער אַרויס. קאַרל איז געפאַלן אַפן שטול, ציטערט פון אויפרעגונג. וויינען ווילט זיך. ניין אָבער, ער וועט ניט וויינען.

אַנטלאָפן.

עטלאַכע מינוט אַדורך. ניטאָ קיינער. ס׳אים שרעקלאַך געוואָרן איינער אַליין. אויפגעשפרונגען פון בענקל, איז ער צוגעלאָפן צו דער טיר און אַ קלאַפּ געטאָן.

— אָ, ס׳אַראַ אַנטיק ! — די טיר האָט זיך געעפנט. אַ געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן פון דער טיר. קיינער ניטאָ. אַ רגע — און ער פליט שוין פון די טרעפּ. אָט איז ער שוין לעבן טיר. פון יענער זייט שטייען סאָלדאַטן.

קאַרל עפנט די טיר, גייט אַרויס. די סאָלדאַטן קוקן

אַף אים ניט. דאָס האַרץ שפּרינגט אים אָקאָרשט ניט אַרויס, נאָר ער לויפט, לויפט, לויפט...

— מאַמע...

קאַרל איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען. מיט געוויין האָט ער דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז ער אין בעט געווען. שוין עטוואָס איינגעדרימלט, האָט ער זיך פּלוצלונג אַ הויב אויף געטאָן און מיט אַ פאַרשלאָפן קאָל אַ פרעג געגעבן:

— אַ יאָ, מאַמע, קאָמוניסטן קאָנען קיינמאָל, קיינמאָל קיינעם ניט אויסגעבן?

און ניט געוואַרט אַף קיין ענטפער, זיכער, אַז אַנדערש קאָן עס גאָר ניט זיין, איז ער געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

שווערע ווערטער:

באַפוילן — געהייסן.

אַ רגע — אַ מינוט.

אַרבעטן:

1. די פּאָליציי האָט געזוכט קאַרלס טאַטן, ווייל ער — — — —
2. ווי וואָלסטו געטאָן, ווען דו ביסט קאַרל? — — — — — —
3. מאַכט פון דעם אַ שפּיל.

פּיאָנערן

אַלע גוטע קינדער ווערן
(אַלע קינדער זיינען גוט),
אַלע ווערן פּיאָנערן,
פּיאָנערן אַלע גוט.

סערפּ און האַמער, פאָן און שטערן,
איבער דערפער, איבער שטעט —
לענינער באַ לענין שווערן:
זיין פאַר לענין שטענדיק גרייט!

— שטענדיק גרייט מיט פאָן און שטערן,
אָנהייבן — מיר הייבן אָן: —
איבער גרעניצן און ערדן, —
הייבן אָן דעם גרויסן קאָן!

בריוו פֿון דײַטשע פּיאָנערן

ווי מיר זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון דער פּאָליציי.

נאָך דער קינדער־דעמאָנסטראַציע אין שטייער (דײַטשלאַנד), אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען אַלע מיטגלידער פֿון אונזער גרופּע, האָבן מיר, איך און נאָך אַ כאַווער, זיך אומגעקערט אַהיים. איך האָב געטראָגן אַ פֿאָן. באַם כאַווער איז געווען אַ רויט טיכל אַף דער האַנט. איינער פֿון די, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, האָט זיך הויך צו אונז אָנגערופֿן:

— בעסער וואָלטן אָט די רויטע הינטלאַך געלערנט דאַוונען.

מײַן כאַווער האָט אים פֿאָרגעלייגט אַ נומער פֿון זשורנאַל „יונגער כאַווער". יענער האָט אים געענטפֿערט צערייצט:

— פֿאַרברען אָט דעם שמוץ!

מיר האָבן זיך געפּרואווט אַ רעד־טאָן מיט אים. יענער האָט אָנגעהויבן שרײַען אַף אונז און טופּען מיט די פֿיס. איז צוגעלאָפֿן אַ פּאָליציאַנט און האָט אונז אַרעסטירט.

מ'האָט אונז אַוועקגעפֿירט אין פּאָליציי־סטאַנציע און פֿאַרגעבן אַ גאַנצן באַרג פֿראַגן. דאָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג. פּלוצלונג דערהערן מיר זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט אונזער קינדער־גרופּע אײַנגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע לעבן דער פּאָליציי־סטאַנציע, פֿאָדערנדיק מ'זאָל אונז באַפֿרײַען.

— מיר וועלן דאָ שטיין אַ לאַנגע צײַט, ביז אונזערע כאַווײרים וועלן ניט אַרויס און ניט צושטיין צו אונז, — האָבן די כאַווײרים געמאָלדן די פּאָליציאַנטן.

די פּאָליציי האָט זיך אַ לאָז געטאָן זיי צעטרײַבן. מיר האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט — זײַנען אַרויס דורכן פֿענצטער און אַנטלאָפֿן.

דער דאָזיקער צופֿאַל האָט אונז אַ סאַך מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרשפּרייטן אונזער זשורנאַל.

אַ ר ב ע ט: די פּיאָנערן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן, ווײַל — — — — —

מאַרש פון פּיאָנערן

הייבט אויף די פאָנען
גיכער, געשווינדער!
העי, פּיאָנערן,
אַרבעטער־קינדער!

פריילאַך מיט לידער,
גרוים אין דער צאָל;
צוזאַמען, צוזאַמען
צום קאָמסאָמאָל.

צוזאַמען, צוזאַמען,
די פאָן איז רויט;
קעמפן און בויען
זיינען מיר גרייט.

צוזאַמען, צוזאַמען,
די פאָן איז רויט;
קעמפן און בויען
זיינען מיר גרייט.

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר :

קאמסאמאל: די יונגע קאָמוניסטן. ווען פּיאָנערן ווערן אלט 16 יאָר גייען זיי אַריין צו די יונגע קאָמוניסטן.

טאָמי בראַון אָרגאַניזירט א קעמערל

טאָמי בראַון האָט געקוקט אין העפט מיט די פראַגן איבער געשיכטע און געגענעצט. שוין דערעסן געוואָרן די אַלטע פראַגן. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס די מיס גרין פרעגט אַלעמאָל דאָסזעלבע.

טאָמי האָט אַ קוק געטאָן אָפן ערשטן זייטל, און דער שמייכל איז אַראָפּ פונם פּנים. די פראַגן זיינען פאָלגנדע:

1. ווער איז דער גרעסטער מענטש אין דער וועלט?
2. צי געפעלט דיר דאָס לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן?
3. אין וועלכן לאַנד וואָלסטו געוואָלט לעבן?

— אַהאַ, — האָט אַ זאָג געטאָן טאָמי בײַ דער ערשטער פראַגע, —זי מיינט, אַפּאָנים, אַז דער גרעסטער מענטש איז בײַ מיר דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אָדער לינקאָלן. זי האָט מעכילע אַ גרויסן טאָעס, די מיס גרין. אַ כאַכאָמע! איך בין אַ מיטגליד פון דער פּיאָנערישער גרופּע אין לענינס נאָמען. איך וועל קיינמאָל ניט לייקענען.

מיט אַ דרייסטער, איבערצייגטער האַנטשריפט האָט ער געענטפערט אָף דער ערשטער פראַגע:

„לויט מיין מיינונג, איז דער גרעסטער מענטש לענין”.

ער האָט אַביסל אַ טראַכט געטאָן און אָנגעשריבן אַן ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע:

„דאָס לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן געפעלט מיר ניט, ווייל אין דעם לאַנד פירט אָן ניט דאָס פאָלק, נאָר די קאַפּיטאַליסטן. מיר האָבן אַ גרויסן טאָעס, ווען מיר מיי־נען, אַז מיר לעבן אין אַ פריי לאַנד. בא דער מאַכט גע־פינען זיך די קאַפּיטאַליסטן. זיי שטעלן צונויף די געזעצן, און די געזעצן לייגן זיך מיט אַ שווערער לאַסט אויף די אַרבעטער.“

טאָמי האָט זיך צעלאַכט.

— איך גיי אין געוועט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך וועל קריגן די עמעסע פאַרציע פאַר די ווערטער. איך וועל עס טאַקע קאָשער פאַרדינען.

טאָמי איז איבערגעגאַנגען צו דער דריטער פראַגע.

— אויף דעם איז זייער גרינג צו ענטפערן, — האָט ער געזאָגט און אָנגעשריבן:

„איך וואָלט געוואָלט לעבן אין סאָוועטן־לאַנד, ווייל דאָרטן איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון די אַרבעטער און פויערים.“

טאָמי און די לערערן.

נאָכן ערשטן לימוד האָט די מיס גרין זיך געווענדט צום קלאַס מיט אַזאַ מעלדונג:

— קינדער, בא אונז אין קלאַס איז פאַראַן אַ פאַררע־טער, ער האָט פאַרראַטן די מעלוכע און די רעגירונג! שטעל זיך אויף, טאָם בראַון! — האָט זי געזאָגט.

טאָמי האָט געפאָלגט.

— זאָג נאָר, טאָם, — האָט זי זיך צו אים געווענדט, — וואָס האָסטו געמיינט מיט דעם ענטפער אויפ"די פראַגן איי־בער געשיכטע, וועלכע איך האָב געשטעלט?

— אַ שיינע פראַגע! — האָט זיך פאַרוואונדערט טאָם, — איך האָב געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס ס'איז אָנגע־שריבן.

— טאָמאָס, — האָט זי אַ זאָג געטאָן שוין מיט אַ הע־כערער שטים, — רעד ניט אַנטקעגן!

ער האָט איר געוואָלט אָפּענטפערן, נאָר די בייזע לע־

רערן האָט אַ געשריי געטאָן: „גענוג!" און אָנגעהויבן לייענען טאָמיס ענטפערס.

— קינדער, — האָט זי געזאָגט נאָכן לייענען, — ווער פון אייך איז מאַסקים מיטן אָנגעשריבענעם?

— פּיאָנערן, — האָט טאָמי אַ געשריי געטאָן, —האַלט די צונג, ענטפערט ניט אַף איר פראַגע!

מיט קאַס האָט די לערערן איבערגעכאַזערט די פראַגע.

טאָמיס שפּיצל האָט זיך איינגעגעבן. דער לערערנס פראַגע איז טאַקע געבליבן אָן ענטפער.

די לערערן שלאָגט טאָמין.

די צעבייזערטע לערערן האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאַנטשיק און אָנגעהויבן שלאָגן טאָמין מיט אַלע קויכעס. זי האָט אים געשלאָגן איבער די הענט, ביז וואַנען זיי זיינען איינגאַנצן בלוי געוואָרן.

דער גאַנצער קלאַס האָט אָנגעהויבן פּילדערן.

מערי דזשאָנס האָט אַ געשריי געטאָן:

— קינדער, שטעלט זי אָפּ!

דער קלאַס און טאָמי.

נאָך מערין האָבן זיך אַלע קינדער אַ וואַרף געטאָן צו דער לערערן.

זי האָט געפּאָכעט מיטן קאַנטשיק, זיך פאַרטיידיקט און האָט אַ געשריי געטאָן:

— קינדער, פאַרנעמט די ערטער!

די געוואוינהייט צו פאָלגן די לערערן איז שוין אַזוי געווען איינגעוואָרצלט אין די קינדער, אַז זיי האָבן געמוזט פאָלגן איר באַפעל. אַלע האָבן זיך אַנידערגעזעצט, אויסער מערי דזשאָנס.

מיט אומצופרידנקייט האָט זי געקוקט אַף דער לערערן און געפרעגט:

— איר טוט געזעצלאַך, ווען איר שלאָגט די קינדער?

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער פּרינציפּאַל פון שול, מיסטער סמיט.

ווען ער האָט אויסגעהערט די לערערן, האָט ער געזאָגט אומצופרידן:

— מיס גרין, איר האָט געטאָן גאַנץ ריכטיק. ווען איך זאָל זיין אַף אייער אָרט, וואָלט איך אויך געטאָן דאָסזעלבע.

טאָמי האָט זיך געווענדעט צום מיסטער סמיט:

— הער פּרינציפּאַל, דערלויבט מיר אויך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער!

— געגוג! — האָט ער אים ניט געלאָזט רעדן, — קום טייקעף צוזאַמען מיט מערין אַריין צו מיר אין אָפיס!

דער קלאַס רופט צונויף אַ פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג.

אָפּדערנאָכט האָט דער קלאַס צונויפגערופן אַ פאַר־זאַמלונג. מערי און טאָם האָבן די קינדער דערציילט וועגן דעם, וואָס דער פּרינציפּאַל האָט געזאָגט: „אויב ס'וועט נאָכאַמאָל פאָרקומען אַזאַ זאַך, וועלן זיי אויסגעשלאָסן ווערן פון שול”.

נאָך אַ שול-קעמערל.

אַביסל שפּעטער האָבן די קינדער באַטראַכט זייער לאַגע. טאָם האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדעט מיט אַ רעדע. רעדן שיין האָט ער ניט געקענט. דער אינ־האַלט פון דער רעדע איז געווען פאָלגנדער:

— קינדער, — האָט ער גערעדט, — איך רעכן, אַז מ'דאַרף זיך אָפּהאַלטן פון וואָסער ס'ניט איז געפערלאַכער אונטערנעמונג. דערפאַר לייג איך פאָר אָרגאַניזירן אין שול אַ פּיאָנערישע גרופּע. ווער איז איינשטימיק צו קעמפן קעגן דעם צוואַנג פון די לערער און דעם פּרינציפּאַל, דער זאָל זיך פאַרשרייבן אין אונזער שול-קעמערל.

אַן ענטפער אַף טאָמיס ווערטער איז געווען אַ וואַלד מיט אויפגעהויבענע הענט.

— מיר זיינען קינדער פון אַרבעטער, — האָט טאָם פאָרגעזעצט, — דאַרפן מיר זיך פאַרייניקן און קעמפן פאַר אונזערע רעכט.

טאָמי איז געגאַנגען אַהיים צוזאַמען מיט מערין.

— דו ווייסט, — האָט ער איר געזאָגט און באַוויזן די צייכנס אַף די הענט, — איך האָב באַקומען די עמעסע

פּאָרציע. נאָר איך האָב עס קאָשער פאַרדינט. דער מים גרינס פּעטש האָבן געמאַכט אַ באָדן פאַר אונזער קע־מערל, בין איך צופרידן.

ש ו ו ע ר ע ו ו ע ר ט ע ר:

פאַררעטער — אומגעטרייער.

טייקעף — באַלד.

קעמערל — אַ גרופּע.

א ר ב ע ט:

1. טאָמי האָט געהייסן די פּיאָנערן ניט ענטפערן אַף מים בראַונס פראַגן, ווייל — — — — — — — — — — — — — —
2. מים בראַון איז בייז געוואָרן, ווייל — — — — — — — —
3. האָט איר אין סקול געהאַט ענלאַכע פאַלן?
4. האָט איר אין סקול אַ פּיאָנערן־קעמערל?
5. מאַכט פון דער מייסע אַ שפּיל.

טראַכט צו אַ נאָמען צו דעם בילד.

פאַרוואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרן

(קינדערשעם)

איך געהער צו די פּיאָנערן פון אַמעריקע. בין איך געגאַנגען צעטיילן „ליפלעטס". אַ פּאָליסמאַן האָט דער־זען, ווי איך טייל „ליפלעטס", האָט ער מיך אַרעסטירט און גענומען אין פּאָליצײ־אָפיס. דער עלטסטער פון דער פּאָליצײ האָט מיך געפרעגט, צי מען האָט מיר באַצאָלט פאַר טיילן „ליפלעטס". האָב איך אים געענטפערט, אַז פּיאָנערן נעמען ניט קיין געלט, מיר טוען אונזער אַרבעט מיט אונזער אייגענעם ווילן. זיין צווייטע פראַגע צו מיר איז געווען: צי איך ווייס, אַז די אַרבעט, וואָס איך טו, איז קעגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

— יאָ, — איז געווען מיין ענטפער, — אָבער מיין אַרבעט איז ניט קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס. מיר, די פּיאָנערן, צוזאַמען מיט אונזערע עלטערן, פירן אַ קאַמף קעגן דעם אַמעריקאַנער רייכן קלאַס, דאָס מיינט אויך קעגן דער רעגירונג, ווייל זי פאַרטיידיקט נאָר די רייכע.

איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז איך בין שטאָלץ, וואָס איך בין אַ פּיאָנער.

אַ ר ב ע ט ן:

1. ביסטו אַ פּיאָנער?
2. די פּיאָנערן קעמפן קעגן — — — — — —

קינדער פאַרקויפן דעם „לייבאָר דעפענדער"

צוויי לענדער

(פאַר דזשאַני־מאדייראַ).

ס׳האָט דער טאַטע היינט דערציילט מיר
וועגן אונזער לאַנד, וואָס איז שטאַרק און רייך,
און ווי סאָלדאַטן שלאָגן סטרייקער
און וואַרפן קינדער אינם טייך. (*)

און אַז קינדער אין פאַבריקן,
ווי די גרויסע, שקלאַפן שוין;
הונגער און פריער עלטער
איז פאַר דער אַרבעט זייער לוין.

ס׳האָט דער טאַטע אויך דערציילט מיר
וועגן אַ לאַנד, וואָס איז שטאַרק און גרויס;
וואו געניסן פונם לעבן
קען נאָר דער, וואָס אַרבעט בלויז.

וואו דאָס שענסטע און דאָס בעסטע,
וואָס איז נאָר אין לאַנד פאַראַן,
ווערט געהאַלטן, ווערט געשאַפן
פאַר דעם קינד פון אַרבעטסמאַן.

(*) דאָס ליד איז טאַקע אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אַ אינגעלע, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך, אַנטלויפנדיק פון אַ פּאָליסמאַן. דזשאַני מאדייראַ איז געווען זיין נאָמען. דזשאַנס טאַטע איז געווען אַן אַרבעטער. דער טאַטע האָט געסטרייקט און איז אַלע טאָג געגאַנגען אויף דער פּיקעט־ליין. דזשאַני איז אויך אַמאָל אַרום מיטן טאַטן צו דער פּיקעט־ליין. ער איז דאָך געווען אַן אַרבעטער־קינד... זיינען אָנגעלאָפן פּאָליסלייט און סאָלדאַטן און גענומען טרייבן. דזשאַני האָט זיך געלאָזט לויפן. אַ גרויסער פּאָליסמאַן — מיט אַ קלאָב איז אים נאָכגעלאָפן. דזשאַני לויפט און דער פּאָליסמאַן נאָך אים. קיין וועג צו אַנטלויפן איז ניט געווען. דער איינציקער אויסוועג איז געווען דער טייך. איז דזשאַני אַריינגעשפּרונגען. שווימען האָט ער ניט געקאָנט, איז ער דערטרונקען געוואָרן.

ארויסגעדרייט זיך

פיל איז אלט זיבן יאר, אבער אויסזען זעט ער אויס ווי פינף. ער האט בלויע כיינעוודיקע אייגלאך, א פארריסן נעזל, וואס ער ווישט עס אלעמאל מיטן קויטיקן ארבל פון דער בלוזע, און א מיילכל אף שרייפלאך. אז ער רעדט, איז שנעל און א סאך — און צום פונקט, און אלעמאל דערציילט ער טשיקאווע זאכן, וואס ער האט קלוימערשט אליין געזען, וואס די מאמע ווייס אבער, אז ער האט עס נאר געפאנטאזירט.

איז מיט אט דעם באשעפענישל אט וואס געשען דעם ערשטן מאי. טאטע־מאמע האבן אים ארויסגעשיקט פארשפרייטן מאי־בלעטלאך. פילס טאטע־מאמע האבן בארעכנט, אז טאמער כאפט מען א דערוואקסענעם ארבעטער מיט פראקלאמאציעס אין זייער שטאט, מעג ער זיך שוין געזעגענען מיט דער פרייהייט. טאמער אבער כאפט מען פילן, איז נאך צו דערליידן.

האט מען טאקע פילן געכאפט. ער האט שוין געהאט פאנאנדערגעטיילט אן אכציק בלעטלאך פון די הונדערט, וואס מ'האט אים געגעבן, ווען אף זיין קאפ האט זיך ארויפגעלייגט א גרויסע לאפע אין א ווייסער הענטשקע, און איבער אים איז אויסגעוואקסן א פאליסמאן.

ס'איז געווען אין צענטער פון דער שטאט. די טראטוארן זיינען געווען איבערגעפילט מיט ארבעטער. דער זייגער האט נאר־וואס געשלאגן צוועלף — און די ארבעטער גרייטן זיך פארלאזן די טראטוארן און פארמירן א מארשקאלאנע אינמיטן גאס. די לופט איז פול מיט אומרו. די פאליציי איז מאביליזירט. און דא שטייט א זעקספוסיקער פאליסמאן איבער דעם קליינעם ווערוויק. פיל קאן נאר זען א פאר געזונטע פיס און צוויי ריזיקע שטיוואלעס. דער שמועס קומט פאר אזוי, אז דער געזעץ־היטער רעדט צו פילס צעשויבערטע פלאקסענע האר, און פיל רעדט צום אויבערשטן ראנד פון די שטיוול. צום בילד פאסט אן אויפשריפט: „האז און העלפאנט".

מיינט איר־זשע, אז פיל האט זיך פארלוירן? „ניט איך", האט ער נאכדעם געזאגט מיט אזא מינע, אקוראט

ווי ער וואָלט שוין דורכגעמאַכט אין זיין לעבן ווער ווייס וואָס. ניט אומזיסט איז פיל אַן אַרבעטער־קינד, און זיינע עלטערן זיינען באָלשעוויקעס.

דער פּאָליסמאַן (בייז): וואָס האָסטו דאָ?

פּיל (אומשולדיק): פּאַפּירלאַך.

דער פּאָליסמאַן: וואָס איז דאָס פאַר פּאַפּירלאַך?

פּיל: איך ווייס ניט.

דער פּאָליסמאַן: גיב אַהער איינס!

פּיל (גיט אים אַלע): נאַט אייך.

דער פּאָליסמאַן (איבערלייענענדיק): וואו האָסטו זיי גענומען?

פּיל: אַ פעטער האָט זיי מיר געגעבן.

פּאָליסמאַן: וועלכער פעטער?

פּיל: אַ פעטער פון אַ טראָק.

פּאָליסמאַן (אָנגעצונדן): וואָס פאַר אַ פעטער? וואָס פאַר אַ טראָק?

פּיל (זייער געלאַסן): ס'איז פאַרבייגעפאָרן אַ מענטש אין אַ טראָק, זאָגט ער מיר: „אינגעלע, ווילסט פאַרדינען אַ קוואָדער?" זאָג איך: „יאָ." זאָגט ער: „נאַ, פאַר־טייל אָט די בלעטלאַך אין גאַס און אָט האָסטו דערפאַר אַ קוואָדער." האָב איך געטיילט.

פּאָליסמאַן: וואו איז דער מענטש מיט'ן טראָק?

פּיל (ווייזט): ער איז אַוועקגעפאָרן אַהין־אָ.

פּאָליסמאַן: און ווי הייסט דו?

פּיל: דזשעק בראַון.

פּאָליסמאַן: וואו וואוינסטו:

פּיל גיט אָן אַ פאַלשן אַדרעס.

פּאָליסמאַן: גיי אַהיים — און דו זאָלסט קיינמאָל ניט נעמען קיין בלעטלאַך בײַ פרעמדע לייט. טאָמער גיט מען דיר בלעטלאַך, זאָלסטו באַלד מעלדן דעם פּאָליסמאַן אין גאַס.

פּיל: אָל־רייט.

דער פּאָליסמאַן לאָזט אָפּ דעם ווערוריק, אָבער יענער איילט זיך ניט צו דער מאַמען. טאַטע־מאַמע שטייען טאַקע אָט־דאָ ניט ווייט, אָבער פּיל טראַכט זיך: עפּשער וועט דער „קאָפּ" אים נאָכקוקן, וועט זיין „טראָבל". פּיל שטעלט זיך אַוועק אויף דער אַנדערער זייט גאַס, ניט וואַרפנדיק קיין אויג אויף זיינע עלטערן. ערשט אינדערהיים האָט ער זיי דערציילט די גאַנצע מייסע.

זיינע אייגעלאַך האָבן דערביי געגלאַנצט, און דאָס נעזל האָט זיך געצויגן אַרויף. דער וועווריק האָט געלאַכט מיט אַ גליקלאַכן קינדערשן געלעכטער.

— אַזאַ נאַרישער „קאַפּ“. איך דערצייל אים אַ באַבע־מייסע, און ער שטעלט אָן די גרויסע אויערן, ווי אַן אייזל. אַזאַ פאַרשטאָפּטער מויעך!

אַרבעטן:

1. דערצייל מיט דיינע ווערטער: ווי אַזוי פיל האָט זיך אַרויסגעדרייט פון פּאַליסמאַן.
2. מאַכט פון דעם אַ שפּיל.

ווי אַזוי מיר האָבן געטיילט ליפלעטס

(קינדערשעס)

איין פרייטיק פרימאָרגן האָב איך מיט מיינע פריינט באַדאַרפט אויסטיילן ליפלעטס, וואָס האָבן געפאָדערט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז מ׳זאָל אונז געבן „באָסעס“ צו פאָרן אין דער ענגלישער סקול, וואָס איז זייער ווייט פון אונז. ווי די קינדער זיינען אַרויסגעקומען פון סקול, האָבן מיר אָנגעהויבן אויסטיילן די ליפלעטס. אינמיטן טיילן האָבן צוויי גרויסע אינגלאַך געכאַפּט מיך און מיין כאַווער און זיי האָבן אונז געבראַכט צום פּרינציפּאַל. ער האָט אונז דערפאַר אָרונטערגעזעצט אַ קלאַס נידעריקער. איז מיין פאָטער און יענעם כאַווערס טאַטע אַרויפגעגאַנגען צום פּרינציפּאַל, און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אונז צוריקזעצן אין ריכטיקן קלאַס, אָבער דערווייל האָט ער עס ניט געטאָן. מיין פאָטער האָט באַדאַרפט קומען פיר מאָל און פאַרלירן פיר טעג אַרבעט, ביז וואַנען מ׳האָט מיך צוריקגעשיקט אין מיין ריכטיקן קלאַס.

איך האָב שוין אָבער אַ נייעם פּאַק ליפלעטס צו צע־טיילן אין די קומענדיקע טעג.

אַרבעט:

1. ווייסטו פון קינדער, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן צוליב זייער פּיאָנערן־טעטיקייט?
2. ווי אַזוי רעכנט זיך די סקול אָפּ מיט די קינדער פאַר זייער פּיאָנערן־טעטיקייט?
3. שרעקן זיך די פּיאָנערן אָפּ פאַר דעם? ——————

די „באַי־סקאוטס״

(קינדערשעס)

אין שול האָבן מיר געהאַט אַ מישפּעט איבער די „באַי־סקאַוטס״. טייל קינדער האָבן פאַרטיידיקט די „באַי־סקאַוטס״, ניט ווייל זיי האָבן געוואָלט, נאָר ווייל מיר האָבן זיי אויסגעקליבן דערצו. ס'איז אָבער זייער שווער געווען זיי צו פאַרטיידיקן.

קימאַט אַלע קינדער האָבן גערעדט קעגן די „באַי־סקאַוטס״ און פאַר די פּיאָנערן. די קינדער האָבן אָנגעוויזן, אַז די „באַי־סקאַוטס״ ווערן צוגעגרייט צו ווערן גוטע סאָלדאַטן פאַר די רייכע, און ווען זיי וועלן אויפוואַקסן, וועלן זיי זיך שלאָגן קעגן זייערע אייגענע טאַטעס.

מיר האָבן גערעדט אַ לאַנגע צייט און, פאַרשטייט זיך, אַז די פּיאָנערן האָבן געוואונען.

אַרבעט:

1. די באַי־סקאַוטס ווערן אָרגאַניזירט פון די — — — — — — —
2. ווי באַציט מען זיך אין סקול צו באַי־סקאַוטס? ווי באַציט מען זיך צו פּיאָנערן?
3. נעמט אויף אין קלאַס די פראַגע: דאַרפן אובעטער־קינדער זיין באַי־סקאַוטס?
4. שרייב: פּיאָנערן און באַי־סקאַוטס.

די לערערן פון פּאַבליק־סקול האָט מוירע, דאָס קינד זאָל ניט זען די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע.

סידני לערנט אין דער ארבעטער שול

סידני גייט אין א אידישער ארבעטער שול. זיין טאטע איז אן ארבעטער. סידני ווייס ווי עס לעבן די ארבעטער אין לאנד און אין דער גאנצער וועלט. ער לייענט מייסעס וועגן לעבן פון די ארבעטער, און ער שרייבט אליין אויך שיינע מייסעס וועגן לעבן פון די ארבעטער. ווען סידני גייט פארביי א הויז, וואס האלט זיך אינמיטן בויען, שטעלט זיך אפּ קוקן. ער זעט ווי שווער די ארבעטער ארבעטן. ער זעט ווי די ווענט ווערן אלץ העכער און העכער. לעבן הויז דרייט זיך ארום א מאן. שיין אנגעטאן. דער מאן טוט גארנישט. ער איז דער באלעבאס. ער גייט ארום און קוקט ווי די ארבעטער ארבעטן. דעם מאן האט סידני פיינט. גייט סידני אהיים און שרייבט אן א מייסעלע וועגן דעם באלעבאס און וועגן די ארבעטער. און דער לערער לייענט פאר דאס מייסעלע פארן גאנצן קלאס.

סידני וויל, אז אלע ארבעטער קינדער זאלן גיין אין דער ארבעטער־שול. רעדט ער מיט זיי וועגן דעם. עטלאכע נייע קינדער האט שוין סידני ארייגעבראכט אין שול.

סידני איז אויך איינער פון די בעסטע איגלאך אין פּאבליק סקול. ער לערנט זיך זייער גוט. ער האט אבער פיינט די מייסעס, וואס די לערערן דערציילט.

וועגן ארבעטער, וועלכע סטרייקן קעגן די באלעבאטים, רעדט די לערערן מיט כאס און מיט סינע. און די באלעבאטים זיינען בא איר גוטע און ערלאכע מענטשן. סידני ווייסט, אז עס איז פונקט פארקערט.

סידני ווייסט אויך, אז דאס איינציקע לאנד, וואו עס זיינען נישטא קיין באלעבאטים און וואו די ארבעטער זיינען אינגאנצן פריי, איז דאס סאוועטן־לאנד. בא דער לערערן פון פּאבליק סקול קומט אבער אויס, אז דאס איינציקע לאנד, וואו ארבעטער לעבן גוט, איז גאר אמעריקע.

סידני ווייסט, אז דאס איז ניט עמעס. זיין טאטע איז דאך אן ארבעטער, ווייסט ער דאך ווי ארבעטער לעבן.

ניין, די פּאבליק סקול איז ניט קיין פריינט פון די ארבעטער. סידני ווייסט עס אוו זיכער.

זייער „היימארבעט"

קינדער, שרייבט וועגן די בילדער.

סערקע—די פּיאָנערקע און בערל—דאָס פּיאָנערל

בערל איז זעקס,
סערקע איז זיבן.
טאַטע-מאַמע אַוועק
(אין שאַפּ, אין פאַבריק)
און זיי זיינען ביידע געבליבן.
זאָגט בערקע צו סערקען —
ס'איז קיינער ניטאָ,
וועט קיינער ניט שטערן,
לאָמיר ביידע זיך מאַכן
אַ שפּיל אין פּיאָנערן.
זאָגט סערקע צו בערקען —
גיי ניט אַרומטער מיט באָרוועסע פיס,
און אויב שוין פּיאָנערן,
טאָ וואו איז פּאָלים ?
— זיי ניט קיין נאַר
און פאָלג מיך — אַ קלוגן :
נעם נאָר אַ שטעקן
און קום צו צום שפּיגל.
מיר די פּיאָנערן,
זיי די פּאָלים.
איך וועל אַ שריי טאָן
און דו — האָפּ און — —
— פליז.

איך בין עלטער פון דיר.
ער זאָגט מיר.
איך ווייס בעסער,
איך בין גרעסער.
ניט קיין פּיאָנערן
און ניט פּאָליציסטן.
נאָר רויטע אַרמייער
מיט קאַפּיטאַליסטן.
איך וועל דיר זאָגן,
און דו וועסט זיי יאָגן.
— ניין, מיר וועלן ביידע שרייען
און נאָר פּיאָנערן זאָל עס זיין.
— נו, גוט, שטעל זיך אין דער ריי.
„איינס, צוויי, דריי,
פּיאָנערן זיינען פריי."
שנעלער, ניט געקראָכן.
נידער מיט פּאָלים!
נידער קאַפּיטאַליסט!

— — — — — — — — — — — — —

און דער שפּיגל איז צעבראָכן...

רויטער מערץ

דער פּאַריזער קאָמונאַר

איך בין אַן אָרימע, אַ פינצטערע פרוי. איך פלעג שטענדיק אַרבעטן, אַרבעטן. מיין מאַן האָט אויך געאַרבעט. נאָר מיר האָבן קוים־קוים זיך דורכגעלעבט. מיר האָבן געהונגערט. לערנען דאָס קינד איז ניט געווען פון וואָס.

דער מאַן איז גיך געשטאָרבן פון שווערער אַרבעט. איך האָב אַליין אויפגעצויגן דעם זון, אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט. נאָכדעם איז ער מיין שפּייזער געוואָרן.

קומט ער איינמאָל צולויפן, מיין אינגל, שיינט ווי די זון און שרייט אויס:

— מאַמע! אין פּאַריז האָבן די אַרבעטער אַ רעגירונג געשאַפן. די רעגירונג פון די רייכע איז אַנטלאָפן. מיר וועלן שוין מער ניט ליידן...

נאָך און נאָך האָט גערעדט מיין זון. כ׳האָב ווייניק פאַרשטאַנען, נאָר מיין האַרץ האָט געפילט, וואָס ער זאָגט. כ׳האָב געפילט, אַז מיין אינגל קעמפט דערפאַר, אַז ער און זיינע קינדער זאָלן שוין ניט האָבן אַזאַ וויסט לעבן, ווי מיר.

און איך האָב געזאָגט צו מיין אינגל:

— אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, איז פאַר אַזאַ זאַך קעדיי צו שטאַרבן.

דער פיינט האָט באַלאַגערט פּאַריז. מיר האָבן געהונגערט. נאָר איך האָב איבערגעכאַזערט:

— זאָל זיין הונגער. צוליב דעם, אַז אונזערע קינדער זאָלן לעבן בעסער פון אונז, איז קעדיי צו הונגערן, קעדיי צו שטאַרבן.

מיין אינגל פלעגט ברענגען אַהיים צו עטלאַכע סענט, וואָס די אַרבעטער־רעגירונג האָט אים געגעבן, ווי אַן אַרבעטלאָזן. מיר זיינען קוים־קוים אויסגעקומען.

איינמאָל איז מיין זון געקומען מיט אַ ביקס אין האַנט, ווייס ווי פּאַפּיר, און געזאָגט:

— מאַמע, דער סוינע האָט גענומען די פעסטונג מאָנ־מאַרטר און איז אַריין אין פּאַריז. איך וועל גיין שטאַרבן.

איך האָב אַ קוש געגעבן מיין זון און האָב געענט־פערט:

— גיי, שטיי ניט אָפּ פון דיינע כאַווירים.

ער איז אַוועק און זיך שוין מער ניט אומגעקערט. זיך שוין מער ניט אומגעקערט... איך האָב נאָכדעם נאָר געזען זיין טויטן קערפּער, דורכגעלעכערט מיט צוואַנציק קוילן. אַלע קוילן אין ברוסט אַריין. קיין איינע ניט אין רוקן. 20 קוילן אין ברוסט אַריין!...

דאָס איז אַן עמעסע מייסע, קינדער. געשען איז דאָס אין 1871, אין פּאַריז, פראַנקרייך. ארבעטער האָבן געפּרואווט זיך באַפרייען פון די באַלע־באַטים און געשאַפן אַן ארבעטער־רעגירונג. זיי האָבן אראָפּגעוואָרפן די רעגירונג פון די באַלעבאַטים. אָבער זיי האָבן געקענט איינהאַלטן די מאַכט בלויז 71 טעג. דער פיינט איז געווען צו שטאַרק, און די ארבעטער האָבן נאָך ניט געוואוסט, ווי אַזוי איינצוהאַלטן זייער מאַכט.

די אַרבעטער האָבן זיך געשלאָגן העלדיש און אַ סאַך האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן. אָבער זיי האָבן פאַרלאָרן. דערפאַר אָבער, ווען די ארבעטער האָבן געוואונען די מאַכט אין רוסלאַנד, האָבן זיי שוין געוואוסט, ווי זי איינצוהאַלטן. זיי האָבן געלערנט אַ לעקציע פון דער פּאַריזער קאָמונע.

ש ווערע ווערטער:

קאָמונאַר — דער, וואָס האָט פאַרטיידיקט די קאָמונע. אַזוי האָבן זיי אָנגערופן די ארבעטער־רעגירונג.

אַ רבעט:

1. פאַרוואָס האָט דער קאָמונאַר געזאָגט דער מאַמען, אַז ער גייט שטאַרבן?

2. ווי האָט די מאַמע אים געענטפערט?

3. די מאַמע האָט דערציילט, אַז איר זון האָט געקראָגן 20 קוילן אין ברוסט און קיין איינע ניט אין רוקן. וואָס האָט זי מיט דעם געוואָלט זאָגן?

4. די מוטער האָט זיך באַצויגן צום טויט פון איר זון: מיט שטאָלץ, מיט פאַרדרוס; מיט קאַס (שטרייך אונטער דעם ריכטיקן ענטפער).

קינדער פון דער קאָמונע

צווישן די פּאַריזער קאָמונאַרן האָבן זיך געפונען אַ סאַך קינדער. פיל פון זיי זיינען העלדיש געפאַלן פאַר דער קאָמונע.

דער פאָנענטרעגער.

אַף איין באַריקאַדע איז דער פאָנענטרעגער געפאַלן מיט דער פאָן אין האַנט. אַ אינגל האָט זיך גלייך געשטעלט אַף זיין אָרט. ער הייבט אויף די פאָן און פון שפּיץ באַרי־קאַדע דראָעט ער מיטן פויסט די פיינט, וואָס ערשט ניט לאַנג האָבן זיי זיין פאָטער געהאַרגעט.

דער העלדישער יאָט.

דער 14־יאָריקער טיעבאַ האָט אונטער אַ האָגל פון קוילן געבראַכט צו שלעפּן אַף דער באַריקאַדע פאַר זיינע כאַווײרים שפּייז און אַ פעסל וויין.

דער סוינע אָבער לאָזט ניט אָטעמען, פאַרשיט די באַריקאַדעס מיט באָמבעס. אירע באַשיצער מוזן אָפּ־טרעטן, אוממעגלאַך אַפילע עפּעס איבערצובייסן.

טיעבאַ איז אויסער זיך. ער קערט זיך אום צוריק און זעצט אַרויס די דעק פון פעסל מיט די ווערטער:

— אַ מאַקע וועלן זיי פאַרזוכן אונזער וויין!

אין דערזעלבער מינוט באַמערקט ער אַן אָפיצער דעם סוינעס. כאַפּט טיעבאַ די ביקס—שיסט אויס אין אָפיצער. פאַלט יענער אום. צוריקוועגס שוין דערזעט ער אַ וואָגן, וואָס ווערט באַשאָסן פון סוינע. די פורמאַנעס זיינען פאַר־וואונדעט און קאָנען ניט אָנטרייבן. אַרויפגעכאַפּט זיך אַפן פורל, האָט טיעבאַ אָנגעטריבן און געראַטעוועט די פאַרוואונדעטע.

דער מישפּעט

די קאָמונע איז אומגעקומען. די לעבן געבליבענע קאָמונאַרן ווערן געמישפּעט. דער פּסאַק איז אַ קורצער: טויט אָדער קאַטאָרגע.

אין איין געריכט — 15 קינדער, פון 11 ביז 16 יאָר, און זיי ענטפערן אַף די פראַגעס.

— דיורע, וואָס איז אייער טאַטנס אַרבעט געוועזן?

— אַ מעכאַניקער.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר באַגלייך מיט אים ניט געאַרבעט?
— ווייל ס'איז פאַר מיר קיין אַרבעט ניט געווען.
— בלאַוואַסע, צוליב וואָס זייט איר געגאַנגען אין דער קאָמונע?
— קעדיי האָבן פון וואָס צו לעבן.
— קאָניאַקל, איר זייט געווען אין דער קאָמונע?
— געווען.
— לעמאַי זייט איר פון שטוב אַוועק?
— ווייל מיר האָבן קיין ברויט ניט געהאַט.
— וויפל מאָל האָט איר געשאָסן פון ביקס?
— פופציק מאָל.
— לעסקאָ, פאַרוואָס האָט איר די מאַמע פאַרלאָזט?
— ווייל זי האָט מיך ניט געקאָנט אויסהאַלטן.
— וויפל קינדער האָט זי?
— דריי.
— איר זייט פאַרוואונדעט געווען?
— יאָ, אין קאָפּ.
— לאַמאַר, איר זייט אויך פון דער היים אַוועק?
— יאָ, ניט געווען וואָס צו עסן.



באַריקאַדן אַף די גאַסן פון פּאַריז.

8־טער מערץ

טאָג פון דער אַרבעטער־מאַמען

דער מאַמעס יאָנטעוו

סימע און בערל זיינען פּיאָנערן. זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער פאַרזאַמלונג אַהיים מווּרעדיק צערודערטע. מאָרגן איז דער 8טער מערץ, און אין קלוב האָט דער פירער פון דער פּיאָנערן־גרופּע געזאָגט:

— יעדער פּיאָנער דאַרף אין דעם טאָג ברענגען אין קלוב זיין מאַמע.

„אים איז גרינג צו זאָגן" — האָט סימע געטראַכט אַביסל פאַרלוירן. זי האָט נאָר אַ פּיפּס געטאָן דער מאַמען וועגן מאָרגנדיקן יאָנטעוו, אַז די מאַמע איז דאָס אַף איר אָנגעפאַלן:

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן! אַ ווייבערשער יאָנטעוו! און ווער וועט די וועש אויספּרעסן? ווער וועט דעם דיל אויסוואַשן אַף זונטיק?

די פינף־יאָריקע מירעלע איז שוין געשלאָפן אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן ראָזעוון בעקל אַפן ברעג טעלער. דער דריי־יאָריקער מאָטעלע האָט געדרימלט אַפן שטול.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן אויסבעטן די בעטן. סימע האָט אויסגעטאָן די שלאָפנדיקע מירעלע און אַלץ געטראַכט וועגן דעם, ווי אויספירן דעם פּיאָנערישן געבאָט צום אַכטן מערץ.

מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק. זי איז צוגעלאָפן צו בערלען, אים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און לאַנג אַריינגעשושקעט אַ סאָד אין אויער. אַלע ווײלע האָט זי געוואָרפן אַן אומרואיקן בליק אין דער זייט פון שלאָפצימער. בערלס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. מיטן פּיאָנערישן האַלזטיכל אין האַנט האָט ער וועגן עפּעס הייס צוגעזאָגט, זיין שטומען פּיאָנערישן וואָרט געגעבן.

ס'איז נאָך שטאָק־פינצטער געווען, אַז סימע האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַוועקגעזעצט אַפן בעט. זי האָט זיך שטיל און פאָרזיכטיק געגומען אָנטאָן. פון דעם גרויסן בעט האָט זיך דערטראָגן דעם טאַטנס כראָפּען. זאָל כאָטש

קײנער ניט דערהערן, ניט אויפכאַפּן זיך, אַז ניט איז אַלץ פאַרפאַלן, דער גאַנצער פּלאַן...

אַף די שפּיץ־פינגער האָט זי זיך צוגעגאַנוועט צו בערלס בעט.

— בערל, בערל, שטײ אויף,—האָט זי געשעפּטשעט, טורקנדיק פאַמעלאַך בערלען פאַר דער פּלײצע. נאָר בערל האָט עפּעס געפּלוידערט און זיך ניט גערירט פון אָרט...

— אַ פײַער פּיאָנער, — האָט אים סימע געשעפּטשעט גלײַך אין אויער. — שטײ אויף, שטײ אויף, האָסט דאָך געגעבן אַ וואָרט.

ענדלאַך האָט זיך בערל דערמאָנט... גיך זיך אויפגעזעצט און געגומען אָנטאָן. סימע איז שטיל, ווי אַ קעצעלע, אַוועק אין קיך, געמאַכט ליכטיק. דער זײגער האָט געשלאָגן. מיט האַרצקלאַפּעניש האָט זי געציילט:

— אײנס, צווײ, דרײַ, פיר.

בערל איז אַרײַן אין קיך, רײַבנדיק די פאַרשלאָפענע אויגן.

— איצט איז 4 אַזײגער. 7 שטײט די מאַמע אויף. מיר האָבן נאָך דרײַ שאָ. מיר דאַרפן אַרבעטן אָרגאַניזירט. פאַרמאַך די טיר גוט. געדענק, אַז מיר דאַרפן אַרבעטן שטיל, אַניט וועט די מאַמע זיך אויפכאַפּן, וועט זײַן אַן איסעק. איך וועל נעמען פרעסן און דו נעם די פענדלאַך און שײַער זײ אויס, נאָר זע, קלאַפּ ניט.

באַלד איז אַוועק אַן אַרבעט. סימע האָט אָנגעוואָרימט דעם פרעס, אַרײַן אין קיך, אַפן קיך־טישל אויסגעשפּרײט אַ פאַטשײלע, אויסגעפּרוּווט פון אָנהײב דעם פרעס אַף פאַפּיר, צי ער „ברענט” ניט (פּונקט ווי די מאַמע טוט), און באַלד גענומען פרעסן גיך, פלינק — העמדער, ציכלאַך, לײלעכער האָבן זיך אויסגעלײגט גלאַטינקע, מעכאַיעדיקע, שמעקנדיקע, יאָנטעוודיקע...

בײַ בערלען האָבן די פענדלאַך אָנגעהויבן בלישטשען, ווי נײַענקע.

— אַך, וועט זיך דאָס די מאַמע וואונדערן!

— זאָל זי זיך נאָר ניט אויפכאַפּן פאַר דער צײַט. ט־ס־ס, שטילער...

דער זײגער האָט געשלאָגן:

— אײנס, צווײ, דרײַ, פיר, פינף, זעקס... שוין זעקס!

סימע האָט מיט ציטערניש אַ קוק געטאָן אַפן געבלײ־

בענעם פּעקעלע וועש. און מען דאַרף דאָך נאָך דעם דיל אויסוואַשן. און שלאָפן ווילט זיך מוירעדיק — די אויגן קלעפּן זיך צו... די פּיס ברעכן זיך אונטער... ערשט איצט האָט סימע דערפילט דער מאַמעס שווערע אַרבעט, איר שווערן יאָך...

דאָס שווערסטע איז געווען וואַשן דעם דיל אין קיך. מ׳האָט עס געדאַרפט טאָן מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט. בערל און סימע האָבן שוין ניט געקרעדט צווישן זיך; מיט שטומע צייכנס זיך געגעבן צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע, וואָס ס׳איז נייטיק געווען.

דער פרימאָרגן האָט שוין אַריינגעקוקט אין פענצטער, ווען זיי האָבן געענדיקט אויסוואַשן דעם דיל. שטיל האָבן זיי אַריבערגעטראָגן אין קיך די פּענדלאַך און פּאַנאַנדער־געשטעלט אַף די פּאָליצעס. אין קיך האָט אַ בלאַנק געטאָן ווי פון זונען־ליכט. סימע האָט אויסגעשפּרייט אַפ׳ן טיש אַ פרישׂ־אויסגעפּרעסטן טישטוך און פאַנאַנדערגעשטעלט די גלעזער צום פרישטיק. אין קיך האָט מיט יאַנטעוו פאַרשמעקט... בערל האָט אָנגעמאָלט מיט אַ רויטן בליי־פעדער אַף אַ בויגן פּאַפּיר:

8טער מערץ — טאָג פון אַרבעטער־מאַמעס

און אויפגעהאנגען אַף דער וואַנט איבערן טיש...

פלוצלונג האָבן זיך דערהערט קוילעס פון שלאָפ־צימער.

— די מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט!

די הערצער האָבן בא ביידע אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי מיט האַמערס.

— לאָמיר זיך באַהאַלטן, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן בערל.

ביידע זיינען אַרונטערגעקראָכן אונטערן טיש.

באַלד האָבן זיי דערזען, ווי די מאַמע איז אַריין אין קיך און ווי זי האָט אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט, אַרומ־קוקנדיק אַלץ אַרום און אַרום מיט פאַרוואונדערטע אויגן.

— וואָס איז דאָס?

נאָר אַז פון שלאָפצימער זיינען אַרויסגעלאָפן דער האַלב־אָנגעטאָנענער טאַטע און מירעלע מיט מאָטלען אין איינע העמדלאַך און האָבן אָנגעהויבן וואונדערן זיך און אויסשרייען, — האָבן שוין סימע מיט בערלען מער זיך ניט

געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעשפּרונגען פון זייער באַ־
העלטעניש.

אין קיך איז נאָך אַ גרעסערער טומל געוואָרן. בערל האָט אַלעמען געשלעפּט צו די פענדלאַך, אַ קוק טאָן, ווי זיי בלאַנקען, און סימע האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז זי האָט גאָרניט פאַרברענט.

— האָט איר אַ גאַנצע נאַכט נעבאַך געאַרבעט? — האָט די מאַמע פאַרבראָכן מיט די הענט, — און פאַרוואָס? צוליב וואָס?

— מאַמע, האָסט נעכטן געזאָגט, אַז דו קענסט ניט גיין אין קלוב, ווייל די וועש איז ניט אויסגעפּרעסט און ס׳איז ניט אויפגעראַמט אַף זונטיק. איצט איז שוין פאַר־פאַלן — די וועש איז אויסגעפּרעסט, און די קיך איז צוגע־קליבן. וועסט גיין מיט אונז, האַ? זאָג, וועסט גיין?

— נו, כ׳וועל שוין גיין, כ׳וועל גיין. וואָס קען מען טאָן מיט אַזוינע איינגעשפּאַרטע?

— דו, מאַמע, זעץ זיך. דו טאָרסט היינט גאָרנישט טאָן, — האָט געזאָגט סימע.

און אַזוי איז טאַקע געווען. די מאַמע האָט מען אַוועק־געזעצט באַם טיש. בערל האָט די בעטן פאַרבעט, סימע האָט געמאַכט קאַפע. אַפילע די קליינינקע מירעלע און מאַטעלע האָבן אויך צוגעטראָגן דער מאַמען, וואָס ס׳איז געווען נייטיק און ניט נייטיק.

— די מאַמע אַליין קען ניט. היינט וועלן מיר אַלע אַרבעטן, — האָט געשריען אַלע ווײַלע מאַטעלע.

די מוטער איז געווען גליקלאַך, ביז די טיפענישן פון דער נעשאָמע צערודערט געווען פון דער אומגעווינלאַ־כער צערטלאַכקייט פון די קינדער.

אַפּדערנאַכט איז די מאַמע, פאַרפּוצט אין איר יאָנטעוו־דיק קלייד, געזעסן אין קלוב אין דער ערשטער ריי, לעם כאַמע טריבונע. פון צווישן גרינס און רויטע פאָנען האָבן אַרויסגעקוקט גלייך אַף איר לענינס קלוגע אויגן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט פרויען.

אַף דער טריבונע איז אַרויף אַ יונגע אַרבעטערן מיט אַ רויט טיכל אַפן קאָפּ און אָנגעהויבן רעדן וועגן דער לאַגע פון דער פרוי. לאַנג האָט זי גערעדט און פראָסט און האַרציק זיינען געווען אירע ווערטער. די פרוי איז שטענ־דיק פאַריאָגט... שטענדיק אין קיך, מיט די טעפּלאַך... זעט די ליכטיקע וועלט אין די אויגן ניט אָן... קען ניט צולייגן

איר האַנט צו העלפֿן בויען די נייע וועלט... און זאַל איז שטיל געווען. פֿון צייט צו צייט נאָר איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן מיט אויסרופֿן:

— ריכטיק, עמעס!

און, אַז זי האָט געענדיקט, איז אין זאַל אויסגעבראָכן אַ שטורעם פֿון בראַוואָ־פּאַטשעריי.

דערנאָך איז אַרויף אויף דער טריבונע — סימע.

אַז איר מאַמע האָט זי דערזען איז זי דערשטוינט געוואָרן.

— גיט נאָר אַ קוק! און זי וועט אויך רעדן? — שרעק פֿאַר איר טאָכטער און מאַמעשער שטאָלץ האָבן אין איר האַרצן, ווי מיט האַמערס, געקלאַפּט.

— כאַווײרים, פּיאָנערן! — האָט אָנגעהויבן סימע און איר קאָל האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן זאַל — ס׳איז ווייניק צו רעדן שיינע ווערטער אויף פֿאַרזאַמלונגען. ווער קען העלפֿן אונזערע מוטערס אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די אַלטע קייטן, אויב ניט מיר, פּיאָנערן? יעדערער פֿון אונז דאַרף דאָס געדענקען און מיט וואָס עס איז די מאַמעס העלפֿן. און ווען יעדע מאַמע וועט דערפֿילן, אַז אין איר זון־פּיאָנער אָדער טאָכטער־פּיאָנערקע האָט זי אַ העלפֿער און אַ כאַווער, דעמאָלט וועט זי ניט נאָר ניט שטערן אונז אין אונזער אַרבעט, נאָר זי וועט אַליין מיט וואָס זי קען נאָר העלפֿן אונז בויען דאָס נייע לעבן.

דער גאַנצער זאַל האָט אָנגעהויבן פּאַטשן.

— כאַווײרים! — האָט סימע געשריען — הײַנט אין אינטערנאַציאָנאַלן טאָג פֿון דער אַרבעטערן — זאָלן לעבן די מוטערס פֿון די פּיאָנערן!

— הוראַ! — האָט דער גאַנצער זאַל געשריען אין איין קאָל.

און ווען סימע איז, אינגאַנצן אַ פֿאַרויטלטע, אַראָפּ פֿון טריבונע, האָבן זיך אירע אויגן באַגעגנט ניט מיט די אייביק פֿאַרזאָרגטע אויגן פֿון דער שטענדיק פֿאַרהאַוועטער מאַ־מען, נאָר מיט שײַנענדיקע פֿריילאַכע, בלויע אויגן פֿון אַ נייער אויפֿגעלעבטער מאַמען.

אַ ר ב ע ט ן:

1. געהאָלפֿן דער מאַמען.
2. אין פּיאָנערן־קלוב אויף אַ פֿאַרזאַמלונג.
3. ווי איך האָב דורכגעפֿירט פֿאַראַיאָרן דעם אַכטן מערץ.
4. די מאַמע פֿייערט איר יאָנטעוו.

6־טער מערץ — ארבעטלאָזע דעמאָנסטראַציע

ס'איז געווען א קאַלטער טאָג. די ארבעטער זיינען זיך צוזאמענגעקומען לעבן סיטי האָל. מענער, פרויען און קינדער זיינען געקומען צו דער דעמאָנסטראַציע. זיי זיינען אַרבעטלאָז. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ טומל. פּאָליציי אַף פערד האָט אָנגעהויבן צעטרייבן די מענטשן און געשלאָגן מיט זייערע גראָבע שטעקנס. איין פרוי האָט געוואָלט רעדן, האָט מען זי אַרעסטירט. איין אַרבעטער האָט עפּעס געזאָגט, איז די פּאָליציי אים נאָכגעלאָפן גאַנצע צוויי גאסן און אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ. אַזוי באַהאַנדלט די פּאָליציי די מענטשן, וואָס בעטן ארבעט.

דער טאַטע איז געבליבן אָן ארבעט

יאנקל איז צוריקגעקומען פון סקול.

— האלאָ, מאמע, — האָט ער אויסגערופן, נאָך שטייענדיק אין טיר.

ער איז אריין אין קיך און דערזעען דעם טאטן. האָט עס יאנקלען שטארק געוואונדערט: וואָס טוט דער טאַטע אינמיטן העלן טאָג אין דער היים?

— וואָס איז געשען, טאַטע? — האָט יאַנקל דער־שראָקן געפרעגט. — פילסט זיך נישט גוט?

— ניין, מיין זון. איך בין געזונט, אָבער דער באַלע־באָס האָט מיך אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט. און איך ווייס גאָרנישט וואָס מיר וועלן איצט טאָן.

— פאַרוואָס האָט דער באַלעבאָס דיך אָפּגעזאָגט?

— דער באַלעבאָס האָט היינט אריינגעשטעלט נייע מאשינען. מיט דער הילף פון די נייע מאשינען קאָן איצט איין ארבעטער טאָן די ארבעט, וואָס ס'האָבן פריער געטאָן דריי ארבעטער. האָט דער באַלעבאָס אָפּגעזאָגט היינט א סאַך ארבעטער.

— זיינען די מאשינען שולדיק אין דעם, וואָס דו האָסט פאַרלאָרן דיין ארבעט?

— ניין, מיין זון. ניט די מאשינען זיינען שולדיק. פאַרקערט, די מאשינען מאַכן, אַז די ארבעט זאָל געטאָן ווערן גרינגער. שולדיק זיינען די באַלעבאַטים. זיי צווינ־גען די אַרבעטער צו אַרבעטן לאַנגע שאָען. אַנשטאָט דעם, אַז צוויי ארבעטער זאָלן ארבעטן צו 6 אָדער 7 שאָ, אַרבעט איינער 10, 12 און 14 שאָ אַ טאָג. דערפון נעמט זיך וואָס מיליאָנען ארבעטער גייען ארום אָן ארבעט.

— טאַקע אַזוי, — פאַרוואָס זאָל אַן אַרבעטער אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט, קומען אהיים אַ פאַר־מאַטערטער, און דאָס זאָל נאָך ברענגען דערצו, אַז אַנדערע ארבעטער זאָלן פאַרלירן זייער ארבעט?

— יאָ, מיין זון, די ארבעטער פאַרשטייען עס און פאָדערן פון די באַלעבאַטים דאָס איינצופירן. דעם 6־טן מערץ פון יאָר 1930 זיינען מער ווי א מיליאָן ארבעטער ארויס אין די גאַסן פון אמעריקע און געפאָדערט פון די באַלעבאַטים ארבעט אָדער סכירעס. די באַלעבאַטים האָבן געשיקט פּאָליציי צו שלאָגן די ארבעטער. דאָס וועט אָבער די ארבעטער ניט אָפּשרעקן!

א ר ב ע ט:

1. דער 6טער מערץ איז דער טאָג ——————————————

2. געפין אויס, וויפל ארבעטלאָזע עס זיינען דאָ אין אַמעריקע.

3. שרייב: וואָס האָבן מיר געטאָן דעם 6טן מערץ.

„ספיד אָפּ“

(קינדערשעס)

ווען ארבעטער ארבעטן אין שאַפּ, גייט ארום דער באָס און שרייט: איר מוזט ארבעטן שנעל, אויב ניט וועל איך קריגן אנדערע אַף אייער פּלאַץ. ווען די ארבעטער גייען עסן מיטאָג, דארפן זיי זיך ווארגן מיטן ביסן, און לויפן ווידער צו דער ארבעט.

איין ארבעטער, אן אלטער מאַן, אלע זיינע יאָרן, זינט ער געדענקט, האָט ער געאַרבעט אין דעם שאַפּ. איצט איז ער אַלט און שוואַך, האָט דער באַלעבאָס אים אַרויסגעוואָרפן פון שאַפּ, שטאַרבט ער פון הונגער.

ארבעטלאָזע אָן אַ היים.

באַר־מיצווע

סאַולס פאָטער איז אַ קלאָוקמאַכער און פאַרדינט אַכט־און־צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. אַזוי ווי אַ כוץ סאַולן זיינען דאָ נאָך צוויי קינדער, פעלט זיי אַף צום לעבן. וואָס טוט סאַול? ער גייט און פאַרדינגט זיך אַף שאַבאָסים באַם טאַטנס לענדלאָרד.

דער לענדלאָרד איז אַ קרעמער. שאַבעס איז באַ אים „ביזי". די ווייסע און שוואַרצע אַרבעטער באַקומען שאַבעס זייער „פּעי" און לאָזן זיך איבער די קראָמען. די קראָמען האַלט מען אָפן ביז צוועלף און איינס באַנאַכט. סאַול קריגט צוויי דאָלער פאַר אַ 12־שטונדיקן שאַבעס.

סאַול איז אַ פּיאיקער אינגל. אין שול איז ער דער ערשטער. אין קראָם האָט ער זיך שנעל אויסגעלערנט די אַרבעט. ער איז אַ פלינקער. מען דאַרף זיך מיט אים ניט שאַפן. ער פאַרשטייט נאָך איידער מען זאָגט אים. און ער אַרבעט געטריי.

וואָלט דאָך געווען גוט? ווערט ער אָבער די טעג דרייצן יאָר — און דער באַלעבאָס האָט זיך אַף אים אָנגעזעצט: ניט אַנדערש, ער מוז ווערן באַר־מיצווע.

סאַול וויל ניט קיין באַר־מיצווע. זיינע עלטערן זיינען קאָמוניסטן. ער אַליין וואָלט געווען אַ פּיאָנער, ווען אין שטאָט וואָלט געווען אַ פּיאָנערישע גרופּע. ער האָט שוין געשריבן צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די פּיאָנערן אין ניו־יאָרק, אַז מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ מיטגליד „עט לאַרדזש", נאָר ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז עס איז נאָך קיין ענטפער ניט געקומען. אין זיינע פרייע שטונדן לייענט סאַול דעם „יאָנג וואָרקער" און די „מאָרגן־פרייהייט". היינט ווי קען ער טראַכטן וועגן גיין אין שול אַריין און לייגן טפילן?

דער קרעמער האָט געהאַלטן אין איין מאַטערן סאַולן מיט דער באַר־מיצווע, און סאַול האָט זיך געפרואווט אַרויסדרייען מיט אַלערליי טערוצים. דאָ האָט ער קיין צייט ניט; דאָ האָט ער קיין געלט ניט; דאָ ווייס ער ניט, ווי מ'ווערט באַר־מיצווע. דער באַלעבאָס האָט אים צוגעזאָגט צו קריגן אַ מעלאַמעד, קריגן אַ פּאָר טפילן, אויסלייען די אייגענע פּאָר טפילן. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילע צוגעזאָגט סאַולן, אים באַפרייען אַף אַ האַלבן

טאָג אָדער אים באַצאָלן עקסטרע פאַר אַ האַלבן טאָג אַ גאַנצן דאָלער, אויב ער גייט ווערן באַר־מיצווע.

סאַול האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און געזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז ער גלויבט ניט אין רעליגיע און גלויבט ניט אין באַר־מיצווע.

וואָס האָט געטאָן דער באָס? ער האָט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט סאַולן פון דער אַרבעט.

— איך קען באַ זיך ניט האַלטן קיין אידישע שקאָצים, —האָט ער געזאָגט.

סאַול איז געבליבן אָן פאַרנאָסע. ער איז אַרבעטלאָז. די צוויי דאָלער פעלן זייער אויס. די פאַמיליע איז אָבער שטאָלץ. סאַול האָט געהאַט דעם מוט צו פאַרטיידיקן זיינע אידייען.

אַ ר ב ע ט ן:

1. סאַול וויל ניט קיין באַר־מיצווע, ווייל — — — — — —
2. איז סאַולס באַלעבאָס טאַקע אַ פרומער? פון וואַנעט קען מען עס וויסן — — — — — — — — — — — — —
3. אַזאַ מענטשן ווי סאַולס באַלעבאָס רופט מען אַ — — — —
4. די פאַמיליע איז שטאָלץ מיט סאַולן, ווייל — — — — —

אַרבעטער־יאָנטויווים און רעליגיעזע יאָנטויווים

— דו ווייסט, סילוויע, מיר וועלן דאָך מאָרגן ניט גיין אין סקול, — האָט זיך אָנגערופן ראָזע.

— פאַרוואָס?

— ווייל מאָרגן הייבט זיך אָן פּייסאַך.

— איך גלויב ניט אין פּייסאַך, — זאָגט סילוויע, — ס'איז ניט קיין אַרבעטער־יאָנטעוו, און איך גלויב ניט אין אַ יאָנטעוו, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט אַרבעט.

— פּייסאַך זיינען דאָך די אידן באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי, — האָט זיך אָנגערופן ראָזע.

— דאָס איז געשען מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און עפשער איז עס אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכט מייסעלע. אַט האָט לינקאָלן אויך באַפרייט די שקלאַפן. נו, זיינען זיי פריי? די נעגערשע אַרבעטער לעבן דאָך אין דער גרעס־טער אָרימקייט. דאָסזעלבע איז מיט די אידישע אַרבע־טער. די אידישע אַרבעטער לעבן אין נויט און פירן אַן אַ שווערן קאַמף קעגן די באַלעבאַטים פאַר אַ נייער וועלט. כוץ דעם דערציילט מען וועגן פייסאַך, אַז גאָט האָט באַ־פרייט די אידן. און איך גלויב ניט אין דעם. די אַרבעטער זיי־נען שקלאַפן ביז היינט און זיי וועלן זיך אַליין באַפרייען. אַט האָבן מיר אַ גרויסן יאָנטעוו דעם 7טן נאָוועמבער. דע־מאָלט איז אינדערעמעסן פאָרגעקומען אַ באַפרייאונג: די אַרבעטער און פויערים פונם גרויסן רוסלאַנד האָבן זיך באַפרייט פון דעם קעניג און פון די באַלעבאַטים.

אַ גרויסער יאָנטעוו איז אויך דער ערשטער מאַי. דאָס איז אַ טאָג פון קאַמף אין דער גאַנצער וועלט, פון אַרבע־טער און פויערים קעגן באַלעבאַטים פאַר באַפרייאונג.

איך גלויב ניט אין קיין שום רעליגיעזע יאָנטויווים. איך גלויב, אַז די אַרבעטער און פויערים פון דער גאַנצער וועלט וועלן באַשאַפן אַ ניי לעבן, אַ פריי לעבן, אַ לעבן פון עמעסער פרייד און פון עמעסן יאָנטעוו, ווי אין סאָוועטן־לאַנד.

אַרבעטן:

1. וועלכע אַרבעטער־יאָנטויווים קענסטו? רעכן זיי אַלע אויס און פאַרשרייב.
2. ווער וויל, אַז די וועלט זאָל בלייבן, ווי געווען, עס זאָל גאָרנישט געענדערט ווערן?
3. שרייב: ווי איך בין געגאַנגען אין סקול פייסאַך.

ערשטער מאי

מאי

(אינסצענירונג)

(די קינדער שטייען אויסגעשטעלט פאַרלאַכוויז און מאַרשירן אפן אָרט. איין גרופּע קינדער ברומט ז־ז־ז ווי אַ ווינט. די פּיאַנע אַקאָמפּאַנירט אפן מאָטיוו פון דער מאַרסעליעזע).

אַלע. איינס, צוויי, דריי, פיר,
איינס, צוויי, דריי, פיר.

(איינער, אָנגעטאָן ווי אַ ווינט, לויפט דורך יעדעס פּאָרל, ווינקט מיט די הענט, זיי זאָלן נאָכגיין נאָך אים).

איינער. לויפט אַ ווינט פון טיר צו טיר,
פליט אַ ווינט פון דאַך צו דאַך.
רופט די קינדער אַפן שליאַך.

(די קינדער הויבן אָן מאַרשירן, נאָכגייענדיק דעם ווינט, און ציילן)

אַלע. איינס, צוויי, דריי, פיר,
איינס, צוויי, דריי, פיר.

(די זון באַווייזט זיך אָנגעטאָן אין רויטן מיט גאָלדענע שטראַלן. די קינדער צעטיילן זיך, לאָזן אַריין די זון אינמיטן).

1־טע גרופּע. שפּאַנט די זון פון שוועל צו שוועל
אין אַ גאָלדענעם שינעל.

2־טע גרופּע. שפּאַנט אַף שליאַך און פירט און בריט

אַלע. פעסטער פיס און גיכער טריט!

איינער. ס'איז ניטאָ קיין קאָמאַנדיר?

אַלע. ז־ז־זון וועט זיין אַ קאָמאַנדיר!

(די זון שטעלט זיך פאָרויס, אַלע הויבן אָן נאָך איר מאַרשירן און דערציילן):

איינס, צוויי, דריי, פיר.
איינס, צוויי, דריי, פיר.

(ס'באַווייזט זיך דער שניי, אָנגעטאָן אין ווייסן, איינגעבויגן און וויינט, גייט דורך און פאַרשווינדט).

איינער. ערגעץ וויינט דער לעצטער שניי.

1־טע גרופּע (פריילאַך). גייט די פריילאַכע אַרמיי
ווינט און קינדער זון אַפריר.

אַלע. איינס, צוויי, דריי, פיר,
איינס, צוויי, דריי, פיר.

(ס'באווייזן זיך גרופעס קינדער אין אינטערנאַציאָנאַלע קליידער, צווישן זיי אויך כינעזער).

1־טע גרופּע. אומעטום, און אומעטום.
איינ יקע. דייטשלאַנד!
אַנדערע. אינדיע!
3־טע גרופּע. און קיטאַי
1־טע גרופּע. פעלדער!
2־טע גרופּע. קינדער!
3־טע גרופּע. זון!
4־טע גרופּע. און מאַי!
1־טע גרופּע. גאַסן!
2־טע גרופּע. פאָנען!
3־טע גרופּע. מאַי!
4־טע גרופּע. און מיר!

אַלע. איינס, צוויי, דריי, פיר
איינס, צוויי, דריי, פיר.

(ס'ווערט פאַרגעזעצט דער מאַרש אין פאַרשידענע פיגורן. דער אַקאָמפּאַנימענט פון מאַרסיליעזע פאַרוואַנדלט זיך אין אינטערנאַציאָנאַל. צום שלוס שטעלן זיך אַלע פעלקער אויס אין אַ פּיראַמידע).

היימאַרקעט טראַגעדיע

אַ שווידערלאַכער מאָרד אַף אַרבעטער איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ, אין יאָר 1886.

וואָס איז דעמלט פאָרגעקומען?

איבערן גאַנצן לאַנד זיינען די אַרבעטער אויפגעשטאַנען קעגן די באַלעבאַטים. זיי האָבן געפאָדערט אַן אַכט־שאָיקן אַרבעט־טאָג.

אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט זיינען פאָרגעקומען גרויסע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס.

שוין דעמלט איז אַף יוניאָן סקווער, אין ניו יאָרק

פאַרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון דרייסיק טויזנט אַר־בעטער.

אין שיקאַגאָ איז די פּאָליציי באַפאַלן די סטרייקנדיקע אַרבעטער און זיי ווילד געשלאָגן.

האָבן די אַרבעטער פון שיקאַגאָ געדופן אַ גרויסע דע־מאָנסטראַציע אַפן הײמאַרקעט־סקווער, צו פּראָטעסטירן קעגן דער רעגירונג און קעגן דעם טעראָר פון דער פּאָליציי.

אַף דער דעמאָנסטראַציע האָט אימיצער געוואָרפן אַ באָמבע. האָט די פּאָליציי געכאַפּט אַ גרופּע אַרבעטער, אַ טייל פון זיי פאַרמישפּעט צום טויט און אַ טייל צו איי־ביקער טורמע.

אַזאַ שוידערלאַך פאַרברעכן איז באַגאַנגען די רעגי־רונג פון די באַלעבאַטים.

די אַרבעטער אין אַמעריקע וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

קינדער־שפּיל

דער שוואַרצאויגיקער סאַול, וואָס איז אינגאַנצן אַלט געוועזן עלף יאָר, האָט אַף אַ קינדער־קאָנצערט באַדאַרפט שפּילן אַ ראָל פון אַ רעדנער אַף אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער.

צום קאָנצערט האָט אים די מאַמע אויפגענייט אַ רויט העמדל מיט אַ שטייענדיקן קאָלנער. און איבער דער פייערדיקער רויטקייט פונם העמדל האָבן סאַולס אויגן אָפּגעשלאָגן נאָך שוואַרצער און פינקלדיקער. און ווען דער לערער האָט אים דערזען הינטער די קוליסן, האָט ער זיך ניט געלויבט, אַז דאָס איז דער זעלבער ווילדער סאַול, וואָס האָט אין זיך שטיקלאַך פון אַ פיצל קינד.

דער לערער האָט באַטראַכט דאָס ערנסטע אינגלשע פּאָנים און געפרעגט סאַולן:

— קענסט דיין ראָל?

— זיכער. — האָט סאָול געענטפערט.

— לאָמיך הערן! — האָט דער לערער געזאָגט.

סאָול האָט זיך אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן שטאַרקן פירער. ער האָט זיך אַ שטעל אַוועק געגעבן, אַביסל צענומען די פיס, אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און אָנגעהויבן:

„כאַווײרים! הײנט איז דער ערשטער מאַי,
דאַרפן אַלע קינדער זײַן פרײַ."

סאָול האָט געשפּילט אויסגעצייכנט. דער לערער איז געווען צופרידן. ער האָט איבערגעשלאָגן זײַן שילער און אים געזאָגט:

— פאַרגעס ניט, אַז דו דאַרפסט פאַלן, ווען מען וועט אויסשיסן.

— אָ, באַי! —האָט סאָול פריידיק אונטערגעכאַפּט, —איך וועל שוין געבן דעם עמעסן פאַל!

— מען זאָל אַפילע קיין קרעכץ ניט הערן! — האָט דער לערער געזאָגט.

— אַזוי ווי אַ טויטער! — האָט סאָול פאַרשפּראָכן.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. די סצענע איז געווען פּוסט. דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ אינגלשע בויגעוודיקע, אָבער שטאַרקע שטים, וואָס האָט איבערן גאַנצן קאָנצערט־זאַל אָפּגעהילכט מיט אַ העלן, יונגן און מוטיקן קלאַנג:

„כאַווײרים! הײנט איז דער ערשטער מאַי,
דאַרפן אַלע קינדער זײַן פרײַ!"

„כאַווײרים!..." — האָט אָפּגעקלונגען סאָולס קאָל, אַרויסרופנדיק. אָבער באַלד האָבן זיך דערהערט פייפלען פון דער פאָליצײַ. מען האָט אויסגעשאָסן, און סאָול האָט געטאָן אַ פאַל אַריין אַף דער בינע מיט אַזאַ קלאַפּ, אַז זײַן מאַמע האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן פאַר ווייטיק. זי איז געזעסן אין זאַל און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַפן אויפטריט פון איר אינגל, און אַז ער איז געפאַלן, האָט זי ניט געקענט איבערטראָגן זײַן קלאַפּ און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ. קיינער האָט זיך אָבער אַף איר ניט אומגעקוקט, ווייל די צושויער זײַנען געווען פאַרנומען מיט דער שפּיל.

באַלד ווי סאַול איז געפאַלן „פאַרוואונדעט‟, זיינען אָנגעלאָפן זיינע כאַווירים און מען האָט אים אַרויפגעלייגט אַף אַ טיש. סאַולס „שוועסטער‟ איז געלאָפן נאָך אַן אַמ־בולאַנס... צו אַלעמענס פרייד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סאַול „לעבט‟ מען האָט אים אַוועקגעטאַסקעט אין שפּי־טאַל אַריין.

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, איז דער לערער אַוועק זען, וואָס מאַכן זיינע שילער, און געטראָפן סאַולן אַ טראַציקן און אַן אויפגעלעבטן, אָבער אַף זיין קינדערשן פּאָנים האָט זיך דורכגעטראָגן אַ בלאַסקייט.

— וואָס איז מיט דיר ? — האָט דער לערער געפרעגט סאַולן.

— גאָרניט. — האָט יענער טראַציק געענטפערט.

— וואָס־זשע ביסטו אַזוי בלייך ?

— איך—בלייך ? — האָט זיך סאַול ניט אונטערגע־געבן

ערשט, ווען דער לערער איז צוגעשטאַנען צו אים, האָט סאַול געטאָן אַ וואונק מיט זיינע שוואַרצע אויגן און גערופן דעם לערער אין אַ ווינקעלע. דאָרט האָט סאַול אויסגעטאָן זיין העמדל. און דער לערער האָט דערזען, אַז די פּלייצע און די האַנט זיינען באַם אינגל צעקלאַפּט, בלוי און געשוואָלן.

דעם לערער האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן.

— אַזוי דאַרף מען אַ פראַל טאָן ? — האָט ער סאַולן פאָרגעוואָרפן און אַ שמייכל געטאָן. אָבער דער אינגל האָט שטאָלץ געענטפערט :

— איך בין ניט קיין אַקטיאָר. איך שפּיל אַף דער עמעסן. איך וויל קיינעם ניט אָפּנאַרן.

דער לערער האָט אים געוואָלט עפּעס דערקלערן, אים געבן צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון שפּיל ביז לעבן. אָבער סאַולס אויגן האָבן אַזוי אָפן און אַזוי ניט־קינדיש ערנסט געקוקט אָפן לערער, אַז ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען. ער האָט זיך ניט געקענט באַהערשן און געפילט, ווי דער אינגל באַצווינגט אים צו „שפּילן אַף דער עמעסן‟. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט דאַרף ער סאַולן ניט לער־נען, און ער האָט אים האָט געדריקט די האַנט, ווי — אַ גלייכן.

קינדער דעמאָנסטרירן.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט דעם ערשטן מאַי

(קינדערשעס)

אַ וואָך פאַר דעם ערשטן מאַי האָט אונזער גרופּע פּיאָ־
נערן אָנגעהויבן שטאַרק זיך גרייטן צום ערשטן מאַי.
מיר האָבן אָפּגעהאַלטן מיטינגען און פאַרשפּרייט
ליפלעטס און געמאַכט פאַרשידענע אויפשריפטן באַ די
סקולס, אַז די קינדער זאָלן וויסן, אַז דער ערשטער מאַי איז

אַן אינטערנאַציאָנאַלער יאָנטעוו און אַז אַלע אַרבעטער־קינדער זאָלן ניט גיין אין סקול דעם ערשטן מאַי.

אַכט אַזייגער אינדערפרי, דעם ערשטן מאַי, בין איך געגאַנגען צו אַ סקול, וואו אַ מיטינג האָט געדאַרפט אָפּ־געהאַלטן ווערן אַפן גאַס, איידער די קינדער גייען אַריין אין סקול — אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן בײַ אונזערע פּיאָ־נערן.

אונזער פירער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע וועגן דעם ערשטן מאַי און זיין באַדייטונג. הונדערטער קינדער האָבן זיך באַלד פאַרזאַמלט אַרום אים און האָבן זיך צוגעהערט צו זיין רעדע און ניט געוואָלט אַריינגיין אין סקול. ער האָט גערופן די קינדער זיי זאָלן גיין צו ראַטגער סקווער און צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער דעמאָנסטרירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יאָנטעוו. באַלד זיינען אָנגעקומען עטלאַכע פּאָליטישנס פון סקול און אויך פּאָ־ליציי און מען האָט אַלע קינדער אַריינגעטריבן אין סקול און אַרעסטירט דעם רעדנער און אויך איינינע כאַווערטעס פון פּרויען־קאָונסיל. מיר און נאָך עטלאַכע פּיאָנערן איז געלונגען אַרויסצודרייען זיך און ניט ווערן אַרעסטירט. איך האָב זיך זייער געפרייט וואָס איך וועל היינט ניט זיין אין סקול און וועל זיך קענען באַטייליקן אין דער מאַי־דעמאָנסטראַציע.

אַ ר ב ע ט ן:

1. ווי אַזוי האָט איר געפייערט דעם ערשטן מאַי דאָס יאָר ?
2. וואו איז געווען די גרויסע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע ?
3. ווי אַזוי האָט די שול זיך געגרייט צו דער דעמאָנסטראַציע.
4. צי האָסטו געסטרייקט אין סקול ?
5. וויפל קינדער זיינען מיט דיר מיטגעגאַנגען ?
6. ווי האָט די פּאַבליק־סקול־לערערין גערעדט וועגן ערשטן מאַי ?
7. וואָס איז געווען אין סקול אַף מאָרגן נאָך דעם ערשטן מאַי ?
8. וואָס האָסטו געזאָגט די קינדער, אַז זיי זאָלן ניט גיין אין סקול דעם ערשטן מאַי ?

הינטער די גראַטעס



די טורמע מיט גראַטן,
די פענצטער פאַרמאַכט;
עס דרייט זיך אַ וועכטער
אַרום אַף דער וואַך.

עס קומט אָן דער יאָנטעוו:
טאָג ערשטער אין מאַי.
ווי וואָלט איך איצט וועלן
זיין אַף דער פריי!

אַרבעט:
שרייב אָן אַ מייסע: פאַרוואָס דער אַרבעטער זיצט אין טורמע.

די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע

(פון אַ קינדס טאָג-בוך)

מאָרגן איז דער ערשטער מאַי. נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק צו סיידין אַהיים. מיר דאַרפן צוגרייטן אַ רויטע פאָן. איך פיל זיך אַזוי יאָנטעוודיק און שטאָלץ: איך וועל העלפן אויסנייען די רויטע פאָן.

אין סיידיס צימערן איז שטיל. איר אַלטע מאַמע שלאָפט. איר ברודער איז אַוועק אַף אַ וויכטיקן מיטינג. מיר זיצן און נייען אויס די ווערטער: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!" די רויטע פאָן, וואָס ליגט צעשפּרייט איבערן טיש, שניידט מיט איר רויטקייט אונ-זערע אויגן. מ'טאָר ניט מאַכן קיין טאָעס. דאָס איז דאָך ניט קיין מאַנטל. דאָס איז אונזער רויטע פאָן. און איך לייען אַלע מאָל די ווערטער: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער.

און קומען וועט אַ טאָג. און אַזאַ טאָג וועט זיכער קו-מען, ווען די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט וועלן אי-

בערנעמען די מאכט אין זייערע הענט. זיי וועלן איינפירן
א קאָמוניסטיש לעבן. אלע וועלן ארבעטן גלייך און לעבן
גלייך.

סיידי איז פארטיפט אין וואָרט פ א ר י י נ י ק ט.
און עפשער טראכט זי אויך אזעלכע געדאנקען, וואָס איך
טראכט.

מיטאָמאָל נעם איך די פאָן און פארוויקל מיין קאָפּ.
איך פיל עפּעס אזא פרייד. איך וואָלט געוואָלט מען
זאָל מיך טראָגן אזוי אין דער לופטן אף דער דעמאָנסטראַ־
ציע. עס זאָל זיך מיר אויסדוכטן, אז איך פלי פון לאנד
צו לאנד און רוף און שריי: „פּראָלעטאריער פון אלע לענ־
דער, פאראייניקט זיך אונטער דער רויטער פאָן״.

***

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אָבער שלאָפן האָבן
מיר ניט געקענט. אינדערפרי זיינען מיר אוועק מיט דער
רויטער פאָן אין ארבעטער־צענטער, אף יוניאָן סקווער.

עס איז געווען וואָלקנדיק. אלע מאָל זיינען אָנגעקו־
מען נייע ארבעטער. פון אלע זייטן, פון אלע גאסן זיינען
אָנגעקומען מאסן־ארבעטער מיט פלאקאטן, מיט רויטע
פאָנען. אָט קומען שוין די פּיאָנערן, די קינדער פון די אר־
בעטער שולן. און אָט איז יאָ, מיין לערער פון מיין שול.
איך לויף צו צו אים. לעבן אים שטייט אַ מאַכנע קינדער.

— מירל, וואָס זשע מאכסטו? — דריקט ער פריינט־
לאך מיין האנט.

און ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך זיך אַרומגע־
כאַפּט מיט אים קושן. ווייסט ער דען ווי צונוץ עס קומט
מיר זיין לערנען אין שול?

— איך בין שוין געוואָרן א גרויסע, כאַווער לערער,
איך ארבעט אין שאפּ. איך בין געוואָרן א קעמפּערן. א
קאָמוניסטקע, די רויטע פאָן פון אונזער יוניאָן האָב איך
מיט אַ כאַווערטע פון מיין שאפּ אויסגענייט.

עס דערהערט זיך דער „אינטערנאציאָנאל״ פון אַן
אַרקעסטער. דאָס זיינען נעגערשע מוזיקאַנטן. זיי פירן
אָן. מיר, רעוואָלוציאָנערע ארבעטער, ווילן ווייזן די קאַ־
פּיטאַליסטן, אַז אַלע דאַרפן זיין גלייך און פאראייניקט.

א יאַם מיט מענטשן טראָגט זיך. דיסציפּלינירטע
רייען, ווי סאָלדאַטן פון א רויטער ארמיי. די רויטע פאָנען
פלאַטערן. די פלאַקאַטן שווימען אין דער לופטן, ווי
מאסטביימער אף שיפן. עס מארשירן סטרייקערס, ארבע־

טער־ספּאָרטלער, קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, קלובן, סטודענטן, פּיאָנערן, שול־קינדער, יוניאָנס. די רייען זיינען געדיכט. בא די זייטן גייען סימפּאַטיקער פופציק טויזנט. הונדערט טויזנט. ווער קען זיי ציילן. היינט איז דער ערשטער מאַי.

און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז געדיכטע וועלדער טראָגן זיך, שוועבן. אַלערליי קאָלירן פון קליידער. אַלע ראַסן: געלע, שווארצע, רויטע, ווייסע. און איבער זיי רויטע, פלאַמען־פאָנען. און איבער זיי הענגען קרוינען פון ארבעט — סערפּ און האַמער.

דאָס זיינען היינט, דעם ערשטן מאַי, די ניו יאָרקער ארבעטער ארויס אף די גאסן צו באווייזן זייערע קויכעס. אָנזאָגן, אַז עס דערנענטערט זיך די צייט, ווען מיר וועלן אַרויס אין אַ מילכאָמע קעגן די קאַפּיטאַליסטן. מיר האָבן הויך געזונגען אונזער ליד, געשוואוירן זיך, אַז מיר וועלן שטענדיק זיין גרייט צו פירן אונזער גערעכטן קאַמף, צו באַפרייען אַלע אונטערדריקטע און שאַפן אַ נייע וועלט, וואו אַלע וועלן ארבעטן גלייך און לעבן גלייך.

איך בין געגאַנגען שטאָלץ און געזונגען צוזאַמען מיט אַלע:

— דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער און אנטשיידענער שטרייט.

ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע

מילכאָמע

דאָס מילכאָמע קינד

דאָס מילכאָמע־קינד האָבן אים אַלע גערופן. ער פלעגט זיצן אױפן גאַס, לעבן זײן מאַמעס הױז, דאָן־טאָן, און זיך צוהערן װי עס קלאַפּט דער עלעװײטעד, די מאַשינען טרובען און קינדער טומלען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט װידער װי קאַנאָנען קלאַפּן און ביקסן שיסן.

ער פלעגט אױפרײסן די אױגן, אָנשטעלן די אױערן און ציטערן.

ער איז אַלט געװען 9 יאָר, און געדענקט אַלץ װאָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט װײניק גערעדט, ער האָט זיך אַלע װײלע אומגעקוקט און דערצײלט.

ס'איז געװען באַנאַכט, ער איז שױן געשלאָפן, האָט אים זײן מאַמע אױפגעװעקט, אין הױז איז געװען אַ טומל, מענטשן זײנען געלאָפן, זיך באַהאַלטן. זײן מאַמע האָט אים געשלעפּט פאַרן הענטל אַרױס אין דרױסן. געלאָפן מיט אים. ער האָט זיך נאָכגעשלעפּט, פון אַלע זײטן האָבן געברענט הײזער, ביקסן און האַרמאַטן האָבן געשאָסן, עס האָט געהוזשעט אַרום אים.

זײ זײנען געלאָפן איבער אַ פעלד. אַלע װײלע האָט אים זײן מאַמע אַ שלעפּ געטאָן צו דער ערד, אים אַרומגענומען און זיך באַהאַלטן מיט אים אין די קאַרטאָפל־בלעטער. ער האָט געשמעקט די ערד, אָנגערירט די נאַקעטע יונגע קאַרטאָפל, און געהערט דאָס קנאַקערײ פון שיסן. זײ זײנען אַזױ געלאָפן, ביז זײ זײנען צוגעקומען צו די שײערן באַם ברעג פון די פעלדער. עס האָט מיט אַמאָל אַ שרעקלאַכן טראַסק געטאָן און אַ שטרױענער דאַך האָט זיך אָנגעצונדן, זײ זײנען אַרומגערינגלט געװאָרן פון פלאַמען. זײן מאַמע איז אַזױ צעטומלט געװאָרן, זי האָט אים געהאַלטן שטאַרק באַם האַנט, געלאָפן און געשריען — װאו איז מײן קינד ? געװאַלד, מײן קינד! זײ זײנען אַרײן אין אַ גרױסן הױף. ער האָט זיך מיט נאָך קינדער אַרײנגעשפּאַרט אין אַ צעמענטענער רײף. געלעגן לאַנג, און געציטערט, זיך צוגעהערט צום גערױש. אַלע װײלע האָבן

אויסגעבראָכן געשרייען און געוואָלדן, ביקסן האָבן גע־שאָסן. שפּעטער איז שטילער געוואָרן. ער איז איינגע־שלאָפן. אינדערפרי האָט ער זיין מאַמען ניט געפונען. זי איז געווען דערהאַרגעט. זיין טאַטע איז שוין פון לאַנג גע־ווען אַוועק אין דער מילכאָמע, און ער איז דערהאַרגעט געוואָרן.

ער האָט זייער געוויינט, ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט איינשטילן, ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט, און קיינער האָט אים גאָר ניט געהאָלפן. האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער האָט ניט מער קיין טאַטן, און קיין מאַמען. ער וועט זיי שוין קיינמאָל מער ניט האָבן, די מילכאָמע האָט זיי צוגע־נומען.

זיין מומע פון ניו־יאָרק האָט אים אַריבערגענומען פון יענער זייט יאַם. זי האָט אליין ניט קיין קינדער, האָט זי אים אַריבערגענומען, און זי האָט אים ליב.

אין סקול דערציילט מען אונז וועגן מילכאָמע

אין קלאַס איז אַ גאַנצן טאָג געווען אומרואיק. צוויי קינדער און דאַווקע די בעסטע אין לערנען, פּאָלין און בעני זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט דער לערערן, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ שמועס וועגן מילכאָמע.

די לערערן איז אָף די קינדער געווען זייער בייז, גע־שריען אָף זיי, ניט געלאָזט זיי אַרויסזאָגן זייערע געדאַנקען.

די לערערן האָט דערקלערט, אַז מ׳דאַרף ליב האָבן דאָס לאַנד און אין פאַל פון אַ מילכאָמע דאַרפן קליינע און גרויסע גיין שלאָגן זיך.

האָט פּאָלין געטיינעט:

ס׳איז ניט אַזוי ווי די לערערן זאָגט. דער אַרבעטער און פּויער פון יעדן לאַנד דאַרף ניט קיין מילכאָמע. יעדע מילכאָמע ברענגט גרויסע אומגליקן פאַר אַרבעטער און פּויערים...

דאָ האָט די לערערן פּאָלין אָפּגעשטעלט און ניט געלאָזט רעדן ווייטער.

האָט בעני געבעטן אַ דערלויבעניש צו רעדן:

מיין טאַטע איז אַן אַרבעטער. ער איז געווען אַ סאָל־דאַט אין דער לעצטער וועלט מילכאָמע. עס האָט ניט

מײן טאַטע פּאַרוואָס צו שלאָגן זיך מיט די אַרבעטער פון אַן אַנדער לאַנד. מײן טאַטע האָט אײן סוינע און דאָס איז זײן באַלעבאָס.

דאָ איז די לערערן אויפגעשפּרונגען און אַ געשרײ געטאָן:

— זעץ זיך אַוועק.

אין טומל האָט נאָך בעני פאַרענדיקט:

— וואָס האָט דער אַרבעטער געוואונען אין דער לעצטער מילכאָמע? זײן לעבן איצט איז נאָך ערגער ווי פאַר דער מילכאָמע. די באַלעבאַטים זײנען רײכער געוואָרן און דערפאַר זײנען געפאַלן מיליאָנען אַרבעטער און פאַרריעריס אַף די מילכאָמע-פעלדער.

א ר ב ע ט :

ווער איז גערעכט? דיסקוטירט די פראַגע אין קלאַס.

יודזשין וו. דעבס

אַמאָל, אַמאָל, ווען די גאַנצע מאַכט אין לאַנד איז אײנגעשטאַנען בײַ די קאַפּיטאַליסטן אין די הענט, איז אין יאָר 1855 געבוירן געוואָרן אַ אינגעלע בײַ אַן אַרבעטער-פאַמיליע דעבס, אין שטעטל טערי הוט, אינדיאַנאַפּאָליס. דעם אינגעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן יודזשין.

אין עלטער פון 15 יאָר מוז יודזשין שוין אַלײן פאַרדינען זײן שטיקל ברויט. ער גײט אַוועק אין די שעפּער פון די אײזנבאַן-ליניעס, פאַרדינגט זיך פאַר אַן אַרבעטער. אַ שטיקל צײט אַרבעט ער אין די שעפּער אינעווײניק. דערנאָכדעם שטעלט מען אים אַנידער בײַ די לאָקאָמאָטיוון לעבן גרויסן קעסל. ער מוז וואַרפן קוילן אַן אויפהער אין ברײטן מויל אַרײן.

שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר פאַרדינגט ער זיך פאַר אַ „קלוירק” אין אַ שפּײז-קראָם. אַרבעט עטלאַכע יאָר, ביז וואַנעט מען דערווײלט אים פאַר אַ שטאָט-קלוירק. אין יענער צײט הייבט זיך אָן דעבס גרויסע אַרבעט פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס.

די אַרבעטער זײנען דאַן נאָך געווען ניט אָרגאַניזירט. האָבן די באַלעבאַטים געטאָן מיט זײ, וואָס נאָר זײ האָבן געוואָלט. געצאָלט זײ קלײנע פּרײזן, געצוואונגען זײ צו

אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, געלאָזן זיי אַרבעטן אין פּאַרשטיקטע, ענגע, פינצטערע שעפּער.

נעמט זיך יודזשין וו. דעבס, איניינעם מיט אַ סאַך אַנדערע, גרינדן יוניאָנס, פאַריינען, קעדיי די אַרבעטער זאָלן ווערן שטאַרקער בײַ זיך און ניט מוירע האָבן צו פאָדערן פון די באַלעבאַטים אַ בעסערע באַהאַנדלונג.

באַלד ווערט ער זייער באַליבט בײַ די אַרבעטער. ווען ער פלעגט קומען צו די ארבעטער רעדן וועגן זייער לאַגע— און גערעדט האָט ער שטענדיק מיט ברען, מיט



יודזשין וו. דעבס.

אַ פייער אין די אויגן און אַזוי קלוג און פאַרשטענדלאַך, — האָבן זיי געהאַט צו אים צוטרוי. אין אַפּריל 1894 פירט דעבס אַרויס אין אַ סטרייק אַלע ארבעטער פון דער „גרעיט נאָרטהערן רעילוויי". ער וואַרפט זיך מיט גרויס כיישעק אַריין אין דער ארבעט. רוט ניט בײַטאָג און בײַנאַכט, לויפט אַף מיטינגען, רעדט אַזוי שיין און גוט צו די ארבע־טער, גיט זיי אונטער מוט. צינדט זיי אַלעמען אָן מיט אַ גרויס פייער און גלויבן, ביז זיי וועלן געווינען. סטרייקן איז שווער. די ארבעטער האָבן גרויסע פאַמיליעס, אַף קיין ברויט איז ניטאָ. אַף קיין רענט איז ניטאָ. די באַלעבאַ־טים דינגען מיסע, געמיינע בראַיִם, גענגסטערס, וועלכע

באַפאַלן די אַרבעטער און שלאָגן זיי אָן קיין שום ראַכמאָנעס. יודזשין וו. דעבס לאָזט ניט די אַרבעטער ווערן פאַרצווייפלט. מען מוז סטרייקן, ביז מען וועט געווינען. און זיי געווינען. די באַלעבאַטים זעען איין, אַז מען קען די אַרבעטער ניט ברעכן, זיי זיינען שטאַרק אָרגאַניזירט. מוזן די באַלעבאַטים נאָכגעבן אַלע פאָדערונגען, וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט.

שפּעטער מיט עטלאַכע כאַדאָשים אין דעמזעלבן יאָר פירט דעבס אַרויס אַלע אַרבעטער פון די פּולמאַן וואַגאָנען אין אַ סטרייק. שווער איז צו סטרייקן. אַזוי פיל סאָנעם אַרום און אַרום. די אַרבעטער ליידן נויט, הונגערן. אָבער ענדלאַך געווינט מען שוין דעם סטרייק. קומט אָבער גראָווער קליוולאַנד, ברענגט צופירן פעדעראַלע סאָלדאַטן — און מען צעברעכט דעם סטרייק, די יוניאָן. אַ סאַך סטרייקער ווערן מערדערלאַך געשלאָגן, געוואָרפן אין טפיסע. אינאיינעם מיט די סטרייקער ווערט אויך יודזשין וו. דעבס אַרעסטירט.

די באַלעבאַטים און אַלע סאָנעם פון די אַרבעטער ווילן אויסטראַכטן אַף דעבסן עפּעס אַ בילבול, קעדיי דער געריכט זאָל קענען דעם גרויסן אַרבעטער פירער באַשטראָפן מיט טויט און אַזוי אַרום ווען זיי אַף אייביק פּאָטער ווערן פון דעם מענטשן, וואָס איז זיך מויסער נעפעש פאַר די אַרבעטער.

ס'געלינגט זיי אָבער ניט פּאָטער צו ווערן פון אים, מען דערוויסט זיך, אַז ס'איז בלויז אַ בילבול. אין געפענגעניש נעמט זיך דעבס מיט גרויס פלייסיקייט שטודירן פון ביכער די אַרבעטער פראַגע.

נאָכדעם ווי ער גייט אַרויס פון געפענגעניש, נעמט זיך דעבס ווידער צו זיין גרויסער אַרבעט. ער רוט ניט קיין איין טאָג אין זיין לעבן. ער מיט זיין פאַמיליע איז אָרעם, ליידט אָפט מאָל נויט. ער זאָגט זיך אָבער אָפּ פון אַ שטעלע, וואו ער באַקומט 4000 דאָלאַר אַ יאָר און נעמט בעסער אָן אַן אַנדער שטעלע, וואו ער באַקומט בלויז 900 דאָלאַר אַ יאָר, און אַלץ קעדיי בעסער צו קאָנען דינען דעם אַרבעטער־קלאַס.

די וועלט־מילכאָמע איז אָנגעקומען. אין יעדן ווינקעלע אַף דער ערד פאַרגיסט מען מענטשלאַך בלוט. די צאָל פון יעסוימים, אַלמאָנעס, קאַליקעס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. ס'האַרץ באַ דעבסן ווייגט פון ווייטיק און ער

ווייסט גאַנץ גוט, אַז די מילכאָמעס ווערן געפירט צוליב דעם, וואָס די רייכע, די קאַפּיטאַליסטן ווילן אַזוי. און קעדיי צו נאַרן דאָס פּאָלק, עס זאָל וועלן גיין אַף דער מילכאָמע, טראַכטן זיי אויס פאַרשידענע מייסעס, אַז קלוימערשט דאָס פאַטערלאַנד איז אין אַ געפאַר און אַז ס'איז אַ הייליקע זאַך צו פירן די מילכאָמע און אַז יעדער וואָס גייט פאַר אַ סאָלדאַט ווערט אַ גרויסער העלד באַם גאַנצן פּאָלק.

דעבס ליידט שטאַרק, ווען ער לייענט אַלע טאָג די צייטונגען, וואו ס'באַשרייבט זיך וויפל סאָנעס די און די אַרמיי האָט אויסגעהאַרגעט. און ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ניט קיין סאָנעס האָט די און די אַרמיי אויסגעהאַרגעט, נאָר אומשולדיקע מענטשן, ברידער, טאַטעס, זין, האָט די און די אַרמיי אויסגעהאַרגעט. און אַז אַמעריקע איז אויך אַרויס אין מילכאָמע, קומט דעבס אַרויס מיט אַ גרויס געשריי צו אַלע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט:

— ברידער, אַרבעטער, לאָמיר זיך פאַרייניקן און אָפּשטעלן די שרעקלאַכע מילכאָמע.

די אַמעריקאַנער רעגירונג דערשרעקט זיך פאַר דעבסן. זי האָט מוירע עפּשער טאַקע אַף אַן עמעס וועלן אים די אַרבעטער פּאָלגן. כאַפּט מען אים און מען פאַרשפּאַרט אים אין טפּיסע אַף צען יאָר.

אין דער צייט איז שוין דעבס געווען אַריבער זעכציק יאָר, אַן אַלטער שוואַכער מענטש, מיט אַ האַרץ קראַנקייט. אָבער די רעגירונג האָט זיך ניט גערעכענט מיט דעם.

מינים טאַטע דערציילט וועגן סאָוועטן פאַרבאַנד און וועגן דער רויטער אַרמיי

מינים טאַטע איז געפאָרן אָנקוקן דאָס לאַנד פון די סאָוועטן. ווען ער איז צוריקגעקומען, זיינען אַלע זיינע כאַווירים און פריינט געקומען הערן, וואָס ער האָט צו דערציילן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— הערט, — האָט אָנגעהויבן מינים טאַטע, — מען דאַרף זיצן טעג און נעכט, איבערצוגעבן אַלץ, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. עס בויען זיך נייע פאַבריקן, נייע

שטעט, שולן, טעאטערן. און דער באַלעבאָס איבער אַלץ איז דער ארבעטער.

איר ווייסט דאָך, אז נאָך דער מילכאָמע, ווען די אר־בעטער און פויערים האָבן איבערגענומען די מאכט, איז דאָס לאנד געווען קימאַט אין גאנצן כאָרעוו. פאבריקן האָבן ניט געארבעט. די ערד איז געווען פארלאָזט. און איצט ווערט עס אַלץ אויפגעבויט. דאָס לאנד וואקסט פון טאָג צו טאָג.

— זאָג זשע מיר, — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערער ארבעטער, — ווי וועט זיין, ווען אמעריקע, ענגלאנד אָדער פראנקרייך וועלן אָנפאלן אפן סאָוועטן פארבאנד? זיי זיינען דאָך אַלע סאָנים פון די ארבעטער און פויערים, — זיי וועלן דאָך ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל אויסוואקסן אַ גרויס גליקלאָך לאנד, וואָס זאָל אינגאנצן געהערן צו די ארבע־טער און פויערים?

— אָ, דער סאָוועטן־פארבאנד פארמאָגט אַ רויטע ארמיי, אַן ארמיי פון ארבעטער און פויערים. העלדישע יונגען זיינען זיי. און זיי זיינען גרייט צו שטאַרבן פאר זייער לאנד. זיי האָבן דאָס לאנד באפרייט פון די באלעבאטים און וועלן עס אָפּהיטן מיט זייער לעבן.

דאָ האָט זיך אריינגעמישט איינער פון די געסט:

— און איר מיינט, אז די ארבעטער אין אמעריקע, אָדער אין אנדערע לענדער וועלן שווייגן? מיר׳ן ניט דערלאָזן צו קיין מילכאָמע אף די ארבעטער און פויערים אין סאָוועטן־פארבאנד! מיר׳ן ניט שיסן אין אונזערע ברי־דער און שוועסטער!

נ ע ג ע ר

ווי נעגער לעבן

איך בין געבאָרן געוואָרן אַף אַ שקלאַפּן פּלאַנטאַציע אין ווירדזשיניע.

דאָס שטיבל, אין וועלכן מיר האָבן געוואוינט, האָט געדינט אַלס אַ קיך פאַר דער גאַנצער פּלאַנטאַציע. מיין מוטער איז געווען די קעכן. דאָס הויז האָט ניט געהאַט קיין פענסטער, נאָר לעכער, וואָס האָבן אַריינגעלאָזט ליכט און די קאַלטע ווינטער-לופט. ס'איז געווען א טיר אינם שטיבל, ד. ה. — מען האָט עס גערופן „טיר". זי איז געווען קליין, געהאַט אין זיך א סאַך שפּאַלטן און גע-האנגען אַף די זאַווייעסעס זייער אומזיכער.

אַ כוץ די שפּאַלטן אין טיר איז נאָך געווען אַ לאָך וואָס מען האָט גערופן די „קאַץ-לאָך". די „קאַץ-לאָך" האָט געדינט אַף אַרויסצולאָזן און אַריינלאָזן באַנאַכט די קאַץ פון הויז. אין יענע צייטן האָט יעדעס הויז געהאַט אַזאַ לאָך. באַ אונז איז די דאָזיקע לאָך אפילע געווען איבעריק, ווייל ס'זיינען געווען גענוג לעכער אַן דעם. דער דיל איז ניט געווען געדעקט מיט קיין ברעטער. אינמיטן דיל איז געווען אַ גרוב, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט ברעטער. דאָרטן פלעגט מען אַפן ווינטער אַפּלייגן זיסע קאַרטאָפל. די גרוב איז אַריינגעקריצט אין מיין זיקאָרן דערפאַר, וואָס באַם אַפּלייגן די קאַרטאָפל פלעג איך אַראָפּנעמען אַ 2-3 קאַרטאָפל, זיי אָפּבראָטן און האַנאָע האָבן פון זיי. אַף דער גאַנצער פּלאַנטאַציע איז קיין אויוון ניט געווען. דאָס גאַנצע קאָכן פלעגט פאָרקומען באַ אונז אין הויז. די מאַמע מיינע פלעגט אַנשטעלן אַפן אויוון א סאַך טעפּ. אַזוי ווי מיר פלעגן ליידן ווינטער דערפאַר, וואָס דאָס הייזל איז געווען צעבראָכן, פונקט אַזוי פלעגן מיר זומער ליידן צוליב דער היץ פון אויוון.

מיינע ערשטע קינדער-יאָרן זיינען ווי באַ טויזנטער אַנדערע שקלאַפּן אַריבער אָן שום דערציאונג. מיין מוטער האָט געהאַט ווייניק צייט זיך אָפּצוגעבן מיט מיר.

איינע פון די פּאַסירונגען אין מיינע קינדער־יאָרן איז מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן. איך געדענק, ווי מיין מוטער האָט אונז קינדער אויפגעוועקט איינמאָל באַנאַכט און האָט אונז געגעבן עסן הינער־פליייש. וואו זי האָט באַקומען, ווייס איך ניט. מיסטאָמע האָט זי גענומען אַ הון פון דעם באַלעבאָס הויף. פאַראַן מענטשן, וואָס רופן דאָס אַן גאַניוועי. ווען מען האָט אָבער אין זינען די אומשטענדן, אונטער וועלכע דאָס איז פאָרגעקומען, טאָר מען עס מיט אַזאַ נאָמען ניט אָנרופן. זי איז פּאַשעט געווען אַ קאָרבן פון דער שקלאַפן־סיסטעם.

בלויז פאַר ווייסע

זומער האָט זיך אין שטעטל סטענטאָן געעפנט אַ פּאַרק פאַר פאַרווייליונגען. ביז איצט איז אַזאַ פּאַרק נאָך נישט געווען. אין פּאַרק האָבן זיך געפונען הילצערנע פערדלאַך, הוידעס, אַ לופט־באַן, אַ זאַל צום טאַנצן און אַנדערע פאַרווייליונגען פאַר קינדער און דערוואַקסענע. דער פּאַרק איז געלעגן הינטער דער שטאָט. איז נישט געווען באַקוועם צו פאָרן אַהין און ניט אַלע אין שטאָט האָבן געוואוסט וועגן דעם פּאַרק.

האָט דער באַלעבאָס פון דעם פּאַרק געלאָזט דרוקן יעדן טאָג אַנאָנסן אין דער צייטונג. יעדער אַנאָנס האָט געהאַט אַ קופּאָן. און דעם 26 יולי האָבן אַלע קינדער, וואָס האָבן געהאַט קופּאָנען, געקאָנט אַריין פריי אין פּאַרק און נאָך האָבן דערצו: לימאָנאַד אָן געלט, פאָרן אויף די פערדלאַך אָן געלט און האָבן אַנדערע פאַרווייליונגען אומזיסט.

די מומע הייגער און איר כאַווערטע דזשאַנסאָן האָבן יעדן טאָג געלייענט די צייטונג, האָבן זייערע קינדער סענדי און ווילי־מעי אָנגעהויבן זאַמלען די קופּאָנען. אַזוי האָבן געטאָן אַלע קינדער אין דער געגנט. ס'וועט דאָך זיין אַ גרויסער יאָמטעוו פאַר אַלע קינדער פון שטעטל. קיינער פון די קינדער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין לופט־באַן, אַזעלכע הוידעס און פערדלאַך. פאַרשטייט זיך, אַז סענדי און ווילי־מעי האָבן זיך שוין ניט געקאָנט דערוואַרטן אויפן גליקלאַכן טאָג.

דער גליקלאַכער טאָג איז געקומען. ווילי־מעי האָט זיך אויסגעפּוצט אין א ווייס קלייד מיט שווארצע לאַקירע־נע שיך, וואָס האָבן געקוועטשט אין די פינגער, אז מ'האָט געקאָנט שטארבן. זי איז אריין צו סענדיין. סענדי איז געשטאַנען און זיך געוואַשן, און די באָבע האָט ניט גע־וואָלט אָפּטרעטן פון אים, ביז ער וועט נישט גוט אויס־וואַשן די אויערן.

— דו גייסט צווישן ווייסע קינדער, וויל איך דו זאָלסט כאָטש אויסזעען ריין, — האָט זי צו אים געטיינעט.

זיי זיינען ארויס אין דרויסן.

— האָסט דאָך פארגעסן מיטצונעמען דיינע קופּאָנען, — האָט אים די באָבע נאָכגעשריען.

ס'איז געווען ווייט צו גיין, האָט ווילי־מעי זיך אָפּ־געשטעלט אינמיטן וועג, אויסגעטאָן די שיך און זאָקן און זיי געטראָגן אין די הענט. אז זי איז געקומען נאָענט צום פּאַרק, האָט זי זיי ווידער אָנגעטאָן. פון ווייטנס האָבן זיי דערזען די לופּט־באַן, די גרויסע ראָד, די פערדלאַך און אנדערע שפּילערייען.

— איך וועל פריער פאָרן אף דער ראָד, — האָט זיך אָנגערופן סענדי.

באַם אריינגאַנג זיינען געשטאַנען א סאַך קינדער, האָבן ביידע זיך געשטעלט אין דער ריי. די קינדער האָבן געלאַכט, זיך געשטויסן און ארומגעשטיפּט. סענדי האָט פריער געלאָזט ווילי־מעי. פון אינעווייניק האָט זיך דער־טראָגן אהער פריילאַכע מוזיק... אָט זיינען זיי שוין לעבן טירל. נאָר צוויי קינדער פאר זיי... ווילי־מעי האָט אויס־געשטרעקט איר שווארץ הענטל און דערלאַנגט דעם קו־פּאָן. דער מאַן באַם אריינגאַנג האָט זי אָנגעקוקט.

— עס טוט מיר לייד, — האָט ער זיך אָנגערופן, — די פארוויילונגען זיינען פאר ווייסע קינדער.

ווילי־מעי האָט נישט פארשטאַנען. זי האָט גע־האַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן קופּאָן און גע־וואַרט, אַז דער מאַן זאָל זי אריינלאָזן.

— גייט ביידע צוריק, — האָט ער זיך אָנגערופן, — כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, קליינע שווארצע, אז עס זיינען נישט פאר אייך די פארוויילונגען...

זיי האָבן זיך אָפּגערוקט אין א זייט. דאָ האָבן זיי באמערקט נאָך א גרופּע שווארצע קינדער. צווישן זיי איז געווען סיידי באָטלער, סענדיס א שול־כאַווערטע. א דריי

פיר פון די שווארצע קינדער האָבן געוויינט, אָבער דער גרעסטער טייל איז געשטאַנען באַליידיקט און בייז און האָט זיך שוין געקליבן צו גיין אהיים.

ווילי־מעי איז די ענגע שיך און מיט א ווייטיק אין הארצן, וואָס מ'לאָזט זיי ניט אריין אין פאַרק, האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון וויינען. איינער פון דער קליינער כעוורע, א אינגל מיט אן איינגעשפּאַרט פּעניטל, פון פּוירל סטריט, האָט זיך געזידלט אַף א קינדערשן אויפן:

— גייט צום טייוול! ווען איך וואָלט געווען א גרויסער, וואָלט איך זיי אַלע דערשאָסן, אָט וואָס איך וואָלט געטאָן!

— ווען איך בין צוגעקומען צום טירל, — האָט זיך אָנגערופן סיידי, — האָט דער מאַן מיך פאַרהאַלטן און א זאָג געטאָן: „וואו גייסטו?" אַזוי ווי איך וואָלט געווען א פערד... איך גיי אהיים דערציילן מיין טאַטן.

סיידי איז אַוועק מיט נאָך עטלאַכע קינדער, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע זונטיק־קליידער. ווילי־מעי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער ערד, האָט ווידער אויסגעטאָן אירע שיך. טרערן און שוויים זיינען גערונען איבער אירע שווארצע באַקן. דאָ האָט סענדי דערזען זיין ווייסן שול־כאַווער אוירל.

— וואָס איז געשען, סענדי? גייסט ניט אריין אין פּאַרק? —האָט אוירל געזאָגט, קוקנדיק אַפן פאַרביטערטן סענדי. — זי האָט צעקלאַפּט איר פּוס?

— ניין. — האָט סענדי געענטפערט. — מיר גייען ניט אין פּאַרק... ווילסט, אוירל, מיינע קופּאָנעו, קאָנסט זיי קריגן. אז מ'האָט מער קופּאָנען, שרייבט די צייטונג, קאָן מען קריגן מער לימאָנאַד... טאָ נעם זיי...

דער ווייסער אינגל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, ער איז געשטאַנען א ווילע און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן זיין שווארצן שול־כאַווער, איז ער דערנאָך אריין אין פּאַרק.

— ס'איז אייער סימכע, ווייסע קינדער, האָט א קליין שווארץ מיידעלע נאָכגעשריען אוירלען און האָט נאָכגעמאַכט, ווי דער מאַן באַם טירל רעדט: „רוק זיך אַוועק! ביסט א ניגער!"

די איבעריקע שוואַרצע קינדער האָבן געלאַכט ווי גוט זי קרימט אים נאָך, כאָטש ס'האָט זיי זייער וויי געטאָן וואָס זיי זיינען געבליבן אין דרויסן. די מוזיק האָט גע־

שפילט און די גרופּע שוואַרצע קינדער זײַנען אוועק צוריק אַהײם איבערן שטויביקן וועג. ווען זײ האָבן באַגעגנט אַנדערע שוואַרצע קינדער גײן אין פּאַרק, האָבן זײ זײ פאַר־האַלטן : „איר גײט אומזיסט, די סימכע איז נאָר פאַר ווײַסע קינדער. איר מעגט זיך אומקערן און גײן אַהײם".

דזשימי

אַ יונגע, פרישע פרימאַרגנדיקע זון האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם פאַרשטויבטן קעלער־פענסטער און האָט זיך פרײלאַך צעלאַכט גלײַך דזשימין אין פּאָנעם אַרײַן. זײַן טונקל־ברוינע הויט האָט אַ גלאַנץ געטאָן אונטער דער לאַכעדיקער זון און זײַנע אויגן האָבן זיך פריער, ווי בײַ אַ בײבי, פאַרזשמורעט און דערנאָך זיך ברײט אויפגעעפנט.

— הײַנט איז גראַדואירונג־טאָג ! — איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ.

עס איז אים גלײַך געוואָרן פרײלאַך. ער האָט זיך דערמאָנט אין די גוטע צײכנס, וואָס ער האָט געקראָגן באַם לעצטן עקזאַמען.

דזשימין האָט זיך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון בעט, זיך איבערקוליען, זיך אַ באָרע טאָן מיט עמיצן. די פרײד האָט אים געהויבן פון אָרט. הײַנט איז דער לעצטער טאָג אין פּאָבליק־סקול ! פון הײַנט אָן הויבט ער שוין אָן צו ווערן אַ גרויסער ! נאָר אין קעלער איז געווען שטיל. האָט ער אַ טראַכט געטאָן, עס מוז נאָך זײַן פרי, און די מאַמע זײַנע מוז נאָך שלאָפן אוואַדע אין צווייטן צימער. האָט ער זיך צוריק אויסגעצויגן אַף זײַן מאָגערן צעריסענעם מאַטראַץ. עס איז געווען אַזוי זיס צו ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ניט דאַרפן זיך אײַלן, און ניט מורא האָבן צו פאַרשפּעטיקן אין קלאַס ! און ווי גוט עס איז צו זײַן אַ גרויסער.

ער וועט קענען טאָן, וואָס ער וויל, גײן וואוהין אים גלוסט זיך. ער וועט געפינען אַרבעט, וועט אַרויסהעלפן דער מאַמען...

— אוי, איך דאַרף אָפּקערן די שטיגן ! — האָט ער זיך

פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן, — עפּשער איז שוין גאָר שפּעט און די מאַמע טוט עס שוין ?

— מאַמע, מאַמע ! — האָט ער אַ רוף געטאָן. קיינער האָט ניט געענטפערט. ווייזט אויס, אַז די מאַמע אַרבעט שוין אַרום הויז.

דזשימי האָט זיך אין איילעניש גענומען אָנטאָן. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז זיין שוואַכע מאַמע זאָל דאַרפן טאָן נאָך זיין אַרבעט אויך. יעדן פרימאָרגן, איידער ער פלעגט אַוועקגיין אין סקול, פלעגט ער אָפּקערן פאַר דער מאַמען די שטיגן און דעם טראָטואַר. פאַרוואָס זאָל ער האָבן גראָד היינט פאַרשפּעטיקט, ווען ער איז פריי ?

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, דזשימי ? דאַרפסט דאָך היינט ניט גיין אין סקול, — האָט ער דערהערט דער מוטערס קול.

— אָ, מאַמע ! איך דאַרף דאָך אָבער אָפּקערן די שטיגן.

— נישקאָשע, איך האָב עס שוין אַליין געטאָן.

— צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט טאָן ? — האָט ער געפרעגט, — דו ווייסט דאָך, אַז איך טו דאָס יעדן טאָג. האָסט קאַרג אַרבעט ?

— היינט איז דאָך דיין לעצטער טאָג אין סקול, דזשימי. וויל איך, דו זאָלסט האָבן אַ יאָנטעוו.

— מאַמעניו, דו ביסט גוט, ווי גאָלד ! — האָט פריילאַך אויסגעשריגן דער אינגל און מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען צוריק אין בעט.

זיין מאַמע, אַן עלטערע אויסגעדאַרטע פרוי, האָט זיך מיד צוגעזעצט אַף זיין בעטל. דזשימי האָט באַמערקט איר מידקייט און דאָס האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט, קוקנדיק אַף איר.

— מאַמע ווייסט, אַט אין גיכן, גאָר גיך טאַקע, וועל איך אַוועקגיין אַרבעטן. איך וועל זיך אויסלערנען עפּעס אַ גוטע מלאָכע און איך וועל פאַרדינען אַ סאַך געלט. לאַך ניט, מאַמע, — האָט ער געזאָגט, באַמערקנדיק איר שמייכל, — דו וועסט זען, איך וועל פאַרדינען אַ סאַך געלט.

— האַלעוואַי זאָל עס עמעס זיין, מיין זון, — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ, — מיר, שוואַרצע, קענען זייער ווייניק גוטס דערוואַרטן פון לעבן, די ווייסע האָבן אַלץ פאַרכאַפּט פאַר זיך.

— אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, מאַמע ? מיט וואָס

בין איך ערגער פון די ווייסע קינדער ? איך בין אזוי גוט, ווי זיי ; אין סקול לערן איך זיך ניט ערגער פון זיי, און איך בין אזוי קלוג ווי זיי, און שטארק ווי זיי. וואס בין איך שולדיק, אז איך בין געבוירן געווארן מיט א שווארצער הויט און זיי מיט א ווייסער ? מאמע, דו וועסט זען, עס וועט שוין זיין גוט. און דו מוזט היינט גיין מיט מיר אין סקול צום קאנצערט ! אלע מאמעס זיינען איינגעלאדן, האט די לערערן געזאגט.

— ניין, קינד, איך וועל ניט גיין. די ווייסע כעוורע וועלן נאך כויזעק מאכן פון מיר.

— זאלן זיי נאר וואגן ! — האט זיך דזשימי אנגעצונדן פון קאס. — איך וועל זיי שוין ווייזן.

— נו, גוט, גוט, מירן שוין זען. אבער שטיי שוין אויף, עס איז שוין שפעט.

די אלטע איז אוועק אין קיך צוגרייטן א גלאז קאווע, און דזשימי האט זיך לאנגזאם אנגעטאן. ער האט טרויעריק באטראכט זיינע פארלאטעטע הויזן און אויסגעקרימטע שיך, און עס האט זיך אים געדאכט, אז די יאנטעוודיקייט פון טאג איז געווארן עפעס טונקעלער פון אזעלכע מאלבושים. אבער ער האט גארניט געזאגט. וואס זאל מען טאן, אז די מאמע קען ניט קויפן קיין נייע ? ער האט זיך געטרייסט, אז א בלוזע האט ער דערפאר א נייע, און די שיך וועט ער אפפוצן, און די הויזן וועט סיי ווי סיי קיינער ניט באמערקן. — עס וועט שוין זיין גוט, — האט ער געטראכט, ווי זיין שטייגער איז געווען.

— מאמע, — איז ער צו צו דער מוטער אין קיך, — וואו איז מיין נייע בלוזע ?

— אט דארטן אפן שטול הענגט זי, זעסט ניט ?

ער האט אויפגעהויבן די בלוזע און איז געבליבן שטיין א פארכידעשטער.

— מאמע, וועמעס ווייסער אנצוג הענגט דאס דא ? דאס האסטו אויסגעוואשן פאר עמיצן ?

— דאס איז ניט קיין געוואשענער, דאס איז א נייער, — האט זי געענטפערט.

— אבער פאר וועמען איז דאס ? און די ווייסע לייוונטענע שיך וועמעס זיינען ?

— דאס איז אלץ פאר דיר, — האט זי געזאגט, קוקנדיק אף אים מיט א גליקלאכן שמייכל.

— פאַר מיר ? דו האָסט געקויפט פאַר מיר ? וואו האָסטו גענומען געלט ?

— וואָס אַרט דיך ? איך האָב אָפּגעשפּאָרט. איך האָב ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אויסזען היינט אָרימער פון אַנדערע קינדער.

טרערן האָבן זיך געשטעלט דזשימין אין די אויגן פאַר פרייד. ער איז צוגעפאַלן צו דער מאַמען, האָט איר אַ קוש געטאָן אין דער צעקנייטשטער שוואַרצער באַק, האָט זי אַרומגענומען און גענומען טאַנצן מיט איר איבער דער קיך.

— לאָז שוין אָפּ, מעשוגענער, לאָז שוין, — האָט זי זיך געוועדט אַ גליקלאַכע און צופרידענע.

— מאַמעניו, דו וועסט זען, איך וועל דיר שוין אָפּדאַנקען. דו וועסט זען, עס וועט שוין זיין גוט ! — האָט ער אויסגעשריען אַ פריידיקער.

ער האָט אָפּגעגעסן איילנדיק און איז אַרויס אין גאַס. אים האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זיינע כאַווײרים פון סקול זאָלן אים זען אַן אויסגעפּוצטן ; אָבער גראָד, ווי אַף צו לעהאַכעס, איז קיינער נאָך ניט געווען אין גאַס.

ער איז פריילאַך אַוועקגעלאָפן צום טייך. די הענט אין די קעשענעס, איז ער זיך געגאַנגען אַרום און אַרום וואַסער, צופייפנדיק. ער האָט געוואַרט, אַז אַ באַקאַנטער אינגל זאָל אונטערקומען מיט אַ שיפל, וועט ער זיך אויך אַריינכאַפּן.

— העי, ניגער, וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט היינט? — האָט ער דערהערט אַ רוף הינטער זיך.

ער האָט זיך אומגעקוקט. אַף אַ באַנק, ניט ווייט פון וואַסער, זיינען געזעסן פינף אינגלאַך, אַביסל עלטער פון אים, און האָבן שפּאָטיש געקוקט אַף אים.

— וואו האָסטו גענומען אַזאַ נייעם אַנצוג ? האָסטו אים אַוועקגעגאַנוועט ? — האָט אַריינגעוואָרפן אַ צווייטער פון דער כעווּרע.

— העי, ניגער, נאַ דיר אַ שטיקל זייף און וואַש אָפּ דיין שמוציקע צורע ! — האָט אַ דריטער צוגעגעבן.

אין דזשימין האָט דאָס בלוט אַ קאָך געטאָן. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן.

— האַלט ס׳מויל, איר יונגאַטשעס ! ווער טשעפּעט אייך ? — האָט ער רואיק געענטפערט.

— העי, ניגער, ווער איז דיין טאַטע געווען, אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט, מיסטאָמע, אַזוי ווי דו ? — האָט איי-

נער אַ פֿרעג געטאָן און די איבעריקע אינגלאך האָבן זיך פֿרעך צעלאַכט.

— איך זייט אַליין הינט. מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער, ערלאַכער מאַן! — האָט מיט קאַס אַ געשריי געטאָן דזשימי און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי.

זיין קאַס האָט פֿאַרשאַפֿט אַ בייזע האַנאָע די אינגלאך.

— כאַ, כאַ, אַן ערלאַכער מאַן! מיר קענען אייך, שווארצע מאַלפעס. איר זייט אַלע גאַנאָווים. זאָג דעם עמעס: ווער האָט אָט דעם אַנצוג אָוועקגעגאַנוועט, דו צי דיין מאַמע?

אַלע פֿינף אינגלאך זיינען איצט געשטאַנען אָף די פֿיס, אויפֿגערעגטע, זוכנדיק אַן אויסרייד אָנצוהייבן אַ געשלעג.

— מיין מאַמע איז אַ גאַנעווטע? דו געמיינע בריע, ווי וואַגסטו דאָס צו זאָגן?

דזשימי איז צוגעלאָפֿן און האָט אָנגעכאַפּט דעם אינגל, וואָס האָט באַליידיקט זיין מאַמען, באַם קאָלנער.

— דער ניגער וויל זיך שלאָגן, דער ניגער וויל זיך שלאָגן. — האָבן זיך אַלע פֿינף צעלאַכט.

— איני, מיני, מייני, מאָו,
קעטש ע ניגער ביי די טאָו,
איף הי האָללערס, לעט הים גאָו,
איני מיני, מייני מאָו, —

האָט פּלוצלונג אויסגעזונגען איינער פֿון דער באַנדע, אָנכאַפּנדיק דזשימין באַם פּוס.

דזשימי האָט אים אַ שליידער געטאָן פֿון זיך, האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון זייער מיט און האָט אויסגעשריגן:

— ווער פֿון אייך וויל זיך שלאָגן — קום אַרויס! איך בין גרייט זיך צו שלאָגן מיט יעדן פֿון אייך!

זיינע אויגן האָבן געברענט פֿון קאַס און באַליידיקונג. ער האָט זיך אויסגעבויגן, און זיינע קליינע שטאַרקע הענט מיט די פֿאַרקוועטשטע פֿויסטן האָט ער אויסגעשפּרייט פֿאָרויס, גרייט צו ווערן זיך קעגן סאָנים.

די פֿינף אינגלאך האָבן זיך איבערגעקוקט, איבערגעוואונקען און זיך צעלאַכט.

— ווי געפֿעלט אייך דער ניגער. ער וויל זיך דאָך שלאָגן!

זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן פֿאַר די הענט און אין אַ

רעגע האָבן זייערע הענט אין א רינג זיך פארשלאָסן ארום דזשימין.

— נו, ניגער, שלאָג זיך! — האָבן זיי שפּאָטיש גענו־מען טאַנצן אַרום אים, צופּנדיק אים בײַ די האָר, בײַ דער נאָז, בײַם אָנצוג.

דזשימי האָט דערזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן. מיט אַ בלינדן קאַס האָט ער גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אַרום זיך, מערסטנטייל ניט טרעפנדיק קיינעם, ווייל ער האָט זיך ניט געצילט. ווי בייזע כייעס זיינען זיי־גע סאָנים געשטאַנען אַרום אים און געריסן און געשלאָגן אים, ניט אַרויסלאָזנדיק אים פון רינג.

— כעוורע, לאָמיר דעם ניגער אריינוואַרפן אין וואַ־סער! — האָט פּלוצלונג אויסגעשריגן איינער פון די אינג־לאַך.

— אין וואַסער, אין וואַסער! — האָבן אונטערגעכאַפּט די איבעריקע.

פינף פּאָר הענט האָבן אַ נעם געטאָן דזשימין, וואָס האָט ווילד און פאַרצווייפלט געקעמפט, נאָר זיי זיינען גע־ווען שטאַרקער פון אים.

— נישקאָשע, ניגערל, וועסט זיך אָפּבאָדן, וועסטו ווערן ווייס! — האָט איינער געשריגן.

זיי האָבן אים דערשלעפּט צום ברעג און מיטן גאַנצן קויעך אריינגעשליידערט אין וואַסער.

— הוראַ! — האָבן אַלע אויסגעפּלאַצט אין אַ ווילדן געשריי.

— וואָס האָט איר געטאָן?

די פינף אינגלאַך האָבן זיך דערשראָקן אומגעקוקט. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ אינגל פון זייער עלטער. ער איז געווען הויך און שיין, זיין געזיכט איז געווען בלאַס פאַר אויפרעגונג און די גרויסע בלויע אויגן האָבן געבליצט פאַר קאַס.

די אינגלאַך האָבן פאַרשעמט זיך איבערגעקוקט.

— הינט! — האָט דער ניי־געקומענער אַ שפּיי געטאָן אַף זיי און איז צוגעלאָפן צום ברעג צו ראַטעווען דזשימין.

דאָס וואַסער איז געווען ניט טיף. דזשימי איז אַרויפ־געשוואומען און איז מיט דער הילף פון דעם ניי־געקומע־נעם אַרויסגעקראָכן פון וואַסער. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ניט אויפהויבנדיק די אויגן צו קיינעם. דאָס וואַסער איז אין שטראָמען גערונען פון זיינע

האַר, פון דעם נייעם אָנצוג, פון די נייע לייוונטענע שיך.

די אינגלאַך זיינען ווי מייז צעלאָפן זיך. נאָר דער ניי־געקומענער איז געבליבן.

— נעם זיך ניט צום האַרצן, דזשימי, — האָט ער געזאָגט, — עס וועט זיך אויסטריקענען, און דו האָסט זיך בראַוו געשלאָגן, איינער קעגן פינף, האָסט זיך ניט וואָס צו שעמען.

דזשימי האָט גאָרניט געענטפערט. זיין האַרץ איז געווען פאַרביטערט און צעבראָכן און ס'האָט זיך אים געוואָלט וויינען. אָבער ער האָט שטאַלץ איינגעהאַלטן די טרערן.

— דזשימי, דו קענסט מיך דאָך. איך וואוין דאָס צווייטע הויז פון דיר, הערי ראָזנבערג, געדענקסט ? לאָמיר זיין פריינט, דזשימי, ווילסט ? גיב מיר דיין האַנט, — האָט הערי וואַרים געזאָגט, אַריינקוקנדיק דזשימין אין פּאָנעם.

דזשימי האָט פון אונטערן שטערן אַ קוק געטאָן אין הערים בלויע גוטע אויגן, און הייסע טרערן האָבן זיך, קעגן זיין ווילן, אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן.

א ר ב ע ט :

1. צעטייל די דערציילונג אַף קאַפּיטלען און גיב יעדן קאַפּיטל אַ נאָמען.
2. מאַך אַ שפּיל אין צוויי סצענעס :
   (1) דזשימי און זיין מאַמע.
   (2) דזשימי און די אינגלאַך.

ב ר י ד ע ר

ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע,
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען !
אַלע מענטשן זיינען ברידער . . .
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען !

אַלע מענטשן זיינען ברידער —
שוואַרצע, ווייסע, ברוינע, געלע ;
אַנדערש זיינען נאָר די פאַרבן,
די נאַטור — דיזעלבע.

ארבעטער-מארטירער

סאַקאָ און וואַנזעטי

פונם שיינעם ווייטן לאַנד איטאַליע
זיינען אַרבעטער געקומען צוויי אַהער
זוכן אַרבעט, זוכן צו פאַרדינען,
מעג די אַרבעט זיין, ווער וויס, ווי שווער.

האָבן זיי זיך אַרבעט דאָ געפונען,
שווער געאַרבעט פאַרן ביסן ברויט
און געטראַכט צוזאַמען, ווי צו מאַכן,
עס זאָלן אַרבעטער ניט וויסן מער פון נויט.

פלעגן ביידע זיצן נעכט און טראַכטן
נאָך אַ טאָג פון אַרבעט זייער שווער:
ווען וועט פרייד אין אַלע הייזער וואוינען?
ווען פאַרשווינדן וועט פון הונגער די טרער?

ס׳גראָבט פון פרי ביז שפּעט דער קוילנגרעבער
קוילן פון דער שוואַרצער, פייכטער גרוב;
און באָ אים אַליין, באַם קוילנגרעבער,
פרירן ווייב און קינדערלאַך אין שטוב.

ס׳בויען הויכע מויערן די בויער
און פּאַלאַצן פאַרן רייכן מאַן,
און פאַר זיך מיט אָרעמער פאַמיליע
איז אַן אָרים דירעלע פאַראַן.

יעדע זאַך, וואָס ס׳זעען נאָר די אויגן,
איז געמאַכט פון אַרבעטערס צוויי הענט —
איז פאַרוואָס זאָל אָרימקייט זיך שפּרייטן
און אַראָפּקוקן אין שטיבער פון די ווענט?

האָבן ביידע פריינט פאַרשוואָרן זיך, צו העלפן
די, וואָס קריגן אָרימקייט פאַר בויענדיקע הענט.
האָט דער רייכער סוינע זיך דערשראָקן
און פאַרשפאַרט זיי ביידע הינטער הויכע ווענט.

האָבן אַרבעטער אין יעדן לאַנד געמאָנט, גערופן:
— לאָזט אַרויס! באַפרייט די אַרבעטער די צוויי!
האָט דער רייכער סוינע נאָכמער זיך דערשראָקן
און געהייסן טויטן ביידע זיי.

אין אַ נאַכט פון זומער-כוידעש אויגוסט,
הינטער הויכע, שוואַרצע טורמע-ווענט,
האָט דער רייכער סוינע אויסגעפירט זיין מישפּעט
און די צוויי כאַווײרים-אַרבעטער — פאַרברענט...

עלא מעי וויגינס

היינט וועלן מיר אייך א מייסעלע דערציילן, און מיר וועלן אָנהויבן דאָס מייסעלע אזוי :

נעכטן האָט אין אַ גאָלדענעם לאַנד געלעבט אַן אַר־בעטער־פרוי, אַ מאַמע פון פינף קינדער.

געלעבט האָט זי אין גאַסטאָניע, און אַלע יאָרן, פון איר קינדהייט אָן, האָט זי געאַרבעט אין די וועבער־פאַבריקן פון איר שטאָט.

און ווען זי איז עלטער געוואָרן, און קינדער געהאַט און פאַרדינט דאָך ניט מער ווי ניין דאָלאַר אַ וואָך פאַר שקלאַפן אין דער וועב־פאַבריק פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט, פלעגט זי — עלאַ מעי — אין די ווינטער־נעכט

ניט פֿאַרוויגן אירע קינדער מיט קיין מייסעס פֿון פּרינצן און פּרינצעסנס, נאָר פֿלעגט מיט אַ טרויעריקער שטימע זינגען איר אייגן פֿאַרפֿאַסט וויגל־ליד:

— פֿאַרטאָג פֿאַרלאָזן מיר די היימען
מיט אַ „גוטן־טאָג" צו קינדער און צו ברידער;
און ווייל מיר שקלאַפֿן אין די וועב־פֿאַבריקן —
ווײנען אונזערע קינדער אין די שטיבער!

און דאָס, וואָס מיר פֿאַרדינען פֿאַר דער אַרבעט
— פֿאַר גאַנצע טעג פֿון וועבן אין פֿאַרטאָגן —
גענוג איז קוים פֿאַר ברויט און פּוטער קויפֿן,
נאָר ניט פֿאַר קליידער אַפֿן לייב צו טראָגן!

— און אַז די קינדער בעטן שיך און קליידער
(ווען פֿראָסט בייסט זייערע לייבער ביזן ביין!)
ווײנט אַ מאַמעס האַרץ פֿול פּיין און צאָרן,
דאָך העלפֿן קאָן זי ניט אַליין!
— הער אויס מיין ליד, דו מאַן און פֿרוי פֿון אַרבעט —
אין קאַמף פֿאַר אונזער מאָרגן אויפֿגעשטאַנען;
צוזאַמען וועלן מיר דעם קאַמף געווינען
און בויען אונזער מאָרגן אויך צוזאַמען!

זיינען די באַלעבאַטים פֿון די וועב־פֿאַבריקן פֿון שאָ צו שאָ, פֿון טאָג צו טאָג, פֿון יאָר צו יאָר, רייכער געוואָרן, און די טויזנטער מאַמעס, טאַטעס און קינדער, וואָס האָבן בײַ זיי געאַרבעט, זיינען אַלט געוואָרן, מיד געוואָרן און קראַנק געוואָרן פֿאַר דער צייט און געשוויגן און געאַרבעט. און געאַרבעט און געשוויגן.

און איז בײַ אַ מאַמען אונטערגעוואַקסן אַ קינד, איז דאָס קינד נישט אַרומגעלאָפֿן אַ פֿריידיקס איבער די פֿעלדער, ס'האָט ניט געקלעטערט אַף קיין ביימער און ניט אַרומגעלאָפֿן זאָרגלאָז איבער די שטאָטישע טראָטואַרן, נאָר געמוזט גיין צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און עלטערע שוועסטער און ברידער — אין די וועב־פֿאַבריקן — שקלאַפֿן. האָט דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער און שוועסטער — דאָס גאַנצע הויז־געזינט — פֿאַרדינט קוים אַף אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער.

און אפֿילו דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער האָבן זיי

געגעסן אין זאָרג און שרעק... עפּשער וועט מען זיי מאָרגן אַרויסוואַרפן פון די פאַבריקן?... עפּשער וועט מאָרגן דאָס שטיקל ברויט אויך ניט זיין? האָבן זיך די אַרבע־טער אין גאַסטאָניע געלעבט אַזוי אין זאָרג און געשוויגן און געקריצט מיט די ציינער...

ביז... איינמאָל אין אַ טאָג האָבן זיי מער ניט געקאָנט דערטראָגן דאָס שווייגעניש, האָבן אויסגעגלייכט זייערע געבויגענע פּלייצעס און באַשלאָסן: גענוג! מיר ווילן ניט זיין קיין שקלאַפן, מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן! מיר מוזן אַרויס אין סטרייק קעגן די באַלעבאַטים וואָס האָבן אונזער לעבן פאַראומערט! און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן די פאַבריקן אויפגעהערט צו אַרבעטן...

איבערן גאַנצן שטעטל, גאַסטאָניע, האָבן די אַרבעטער מאַרשירט מיט רויטע פאָנען, און גערופן צום קאַמף קעגן די באַלעבאַטים פון די וועב־פאַבריקן, פאַר אַ העכערן לוין און קלענערע שטונדן פון אַרבעט!

נעכטן האָט אין גאָלדענעם לאַנד געלעבט אַן אַר־בעטער־פרוי, מיטן נאָמען עלאַ מעי וויגינס — אַ מאַמע פון פינף קינדער, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן סטרייק אין גאַסטאָניע.

זי האָט געוועקט די אַרבעטער! זי האָט געפירט די אַרבעטער אין פּיקעט־ליינס!

זי האָט ניט דערלאָזט, אַז די באַלעבאַטים פון די וועב־פאַבריקן זאָלן אָפּנאַרן די אַרבעטער! זי האָט ניט דער־לאָזט, אַז די סקעבס זאָלן פאַרנעמען זייערע פּלעצער אין די וועב־פאַבריקן! טאָג און נאַכט איז זי געשטאַנען אין די ערשטע רייען און געפירט דעם סטרייק.

און דערפאַר האָבן די באַלעבאַטים פון די וועב־פאַ־בריקן, וועלכע האָבן אָנגעשטעלט פּאָליציי און סאָלדאַטן צו שלאָגן די סטרייקער, באַשלאָסן זי אָפּצוראַמען פון וועג.

און עלאַ מעי וויגינס, די מאַמע פון פינף קינדער, וואָס האָט אַלע אירע יאָרן געשקלאָפט אין די וועב־פאַבריקן, און וואָס האָט זיך איצט געשטעלט אין פאָרויס פון די דער־וואַכטע אַרבעטער אין גאַסטאָניע, איז דערשאָסן געוואָרן אַף טויט!

דאָס איז אַן עמעסע מייסע, קינדער. עלאַ מעי וויגינס איז דערהאַרגעט געוואָרן אין דעם יאָר 1929.

א בריוו צו א כאַווער אין רוסלאַנד

(קינדערשעס)

טייערער כאווער :

דו פרעגסט מיך וועגן אמעריקא. איך וועל דיר דער־ציילן עטלאכע פאסירונגען, וועסטו אליין פארשטיין.

ערשטנס, וועגן עלא מיי וויגינס. זי איז געווען איינע פון אונזערע קעמפער. זי איז דערמאָרדעט געוואָרן פון די באָסעס, דערפאר וואָס זי האָט געסטרייקט און גערופן די ארבעטער מיט אירע לידער.

צווייטנס, וועל איך דיר דערציילן וועגן סטיוו קאטא־ווים, אן ארבעטער, וואָס איז אויך געשאָסן געוואָרן פון דער פּאָליציי אפן פיקעט ליין.

נאָך א נייס, וואָס האָט פאסירט אין דזשאָרדזשיא. דאָרטן האָבן ווייסע דזשענטללייט פארברענט אן אומשול־דיקן נעגער לעבעדיקערהייט אין מיטן גאס.

אזעלכע נייס, מיין פריינט, קאָנען ניט פּאסירן באַ אייך אין סאָוועטן רוסלאנד, נאָר בא אונז אין דער רייכער אמעריקע.

סטיוו קאַטאָווים

(קינדערשעס)

צווישן די סטרייקער אַף דער פיקעט־ליין פון די מאַרק־אַרבעטער, איז געווען סטיוו קאַטאָווים, דער גריי־כישער „העגדימאַן" פון דעם קאָאָפּעראַטיוו. ער איז דער־מאָרדעט געוואָרן ניט פון אַ געוויינלאַכן גענגסטער, אָדער מערדער, נאָר פון דער ניו־יאָרקער פּאָליציי; ניט פאַר קיין אַנדער פאַרברעכן, נאָר פאַר פיקעטן און באַשיצן אַ כאַ־ווער־אַרבעטער.

ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ כאַווער־אַרבע־טער, ווען די פּאָליציי האָט געוואָלט שלאָגן און אַ פּאָ־ליסמאַן האָט אַף אים געשאָסן. כאַווער קאַטאָווים איז

געבליבן ליגן אַפן פּלאַץ אַ פאַרוואונדעטער. די כאַווײ־רים האָבן אים צוגענומען אין לינקאָלן האָספּיטאַל. אַ פּאָ־ליציסט האָט אים דאָרט באַוואַכט ביז דער לעצטער מי־נוט פון זיין לעבן.

אַף דער לעווייע האָט די פּאָליציי זיך געהאַלטן רו־איקער. דאָרטן זיינען געווען אַרום פופציק טויזנט מענטשן. אָבער די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען שרייבן, אַז ס׳זיינען געווען אַ סאַך וויניקער.

נאָכן מאַרש זיינען אַ סאַך מענטשן געפאָרן צום בייס־אוילעם אין קווינס. אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון דעם קאָמוניסטישן מאַרטירער סטיוו קאַטאָ־וויס.

צו סטיווס מאַמען

אַף ליפּן פון מיליאָנען
ברענט דיין זונס נאָמען.
באַ פלאַמענדיקע פאָנען
שווערן מיר נעקאָמע.

ווײן ניט, ליבע מאַמע,
ס׳העלפן ניט קיין טרערן —
מיליאָנען קעמפער
נעקאָמע נעמען שווערן.

אינהאַלט:

זומער לעב

וואָס וועלן מיר טאָן זומער? — 3
זומער אין שטאָט, נ. וויסמאַן — 4
אַ שפּריץ אינמיטן גאַס — 5
אין קוני איילאנד, ב. פרידמאַן — 6
אַף די דעכער און פייער־לייטערס — 7
וואָס רעדט די באַן? „אָקטאָבער־קינדער“ — 9
קעמפּ לעבן, ב. פרידמאַן — 10
קעמפּ־פייער, ב. פרידמאַן — 14
א הייק, נ. וויסמאַן — 15
באַ די שניטער אין פעלד, ל. עלבע — 16
גרויסע פאַרם־ווירטשאַפטן, פון „מאָרגן פרייהייט“ — 18
דער פאַרמער אַרבעט שווער — 20
זומער און האַרבסט, „אַרבעט און שאַף“ — 21
אַ רעטעניש, מוישע שיפרים — 22
אונזער קאַלענדאַר — 23
דאָס יאָר, ב. פרידמאַן — 24

סאָוועטן־פאַרבאַנד

האַמער און סערפּ, איזיק פּלאַטנער — 25
די ערד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — 26
דער פינף־יאָריקער פּלאַן, קינדערשעס — 27
די ערשטע ראַדיאָ, קינדערשעס — 28
דער בלינדער, איציק פעפער — 29
טראַכט און טרעפט, א. פּלאַטנער — 33
אַ קינדערשער אינטערנאַציאָנאַל, מ. אָלגין — 33
אַ בריוו פון זוידן — 36
בירא־בידזשאַן, ב. פרידמאַן — 37
ווילי זאַמלט געלט פאַר׳ן „איקאָר“ — 37
וואָס די „איקאָר“ סעקציע אין אונזער שול האָט אויפגעטאָן — 38
די רויטע פליט, מוישע נאַדיר — 40
רויט־אַרמייער, סאָוועטיש — 41
ווער רעגירט אין אַמעריקע און ווער רעגירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? — 41
די פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — 43
די אַרבעט פון דער סעקציע „פריינט „פון סאָוועטן־פאַרבאַנד“ — 44

אַרבעט און אַרבעטער

אַרבעטלייט, ל. גאָרעליק — 45
פאַרוואָס איז ניטאָ קיין בייגל, סאָוועטיש — 46
אַ מייסע, סאָוועטיש — 54
דאָס ליד פון אַרבעט, ל. גאָרעליק — 57
אין שאַפּ, ש. דאווידמאַן — 58
זייד, קינדערשעס — 60
ניט אַזוי לייכט טוט זיך, ווי עס רעדט זיך, „ערשטע טריט“ — 62
ווי באַשרייבט מען אַ שאַפּ, „אַרבעט שול“ — 63
אַרבעט — 64
ברידער, נ. סיגאַלאָווסקי — 66
צוויי אינגלאַך, קינדערשעס — 69
ווער איז דאָס, א. פּלאַטנער — 70
מאַנים טאַטע אָן אַרבעט, ב. לעלטשוק — 71
מיין ערשטער סטרייק, ש. דאווידמאַן — 74
די קינדער זאַמלען געלט — 78
ס׳וועט ניט הונגערן דער קעמפער, ב. פרידמאַן — 79
אונזערע סעקציעס פאַר אַרבעטער־הילף — 79
פאַר וועמען שטימט דער טאַטע — 80
וואָס אז דאָס? א. פּלאַטנער — 81

ל ע נ י ן

לענין מעמאָריאַל — 82
כאַוועך לענין האָט געוואָלט — 83
סימבירסק־אוליאַנאָווסק, „צו לעניגען“ — 84
דער יונגער לענין גרייט זיך, „צו לעניגען“ — 84
אין טורמע, „צו לעניגען“ — 85
ווי לענין האָט זיך צוריק באַוויזן, „צו לעניגען“ — 86
לעניגס פאָן, „צו לעניגען“ — 86
אונזער איליטש, „צו לעניגען“ — 87
ווי האָט לענין זיך באַצויגן צו קינדער — 89
יאָסלס כאַלעם, איציק פעפער — 90

ווער איז דאָס, א. פּלאַטנער — — 91

קאַרל מאַרקס — — — — — — 92

אַ לענין מעמאָריאַל — — — — 93

לענין ווינקל, „צו לעניִנען“ — — — 94

ווי מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ לענין
ווינקל אין שול, „לענין־טאָג“ 95

אַרבעטער קינדער

קינדער אינטערנאַציאָנאַל — — 97

אַלבערט קלייבט קוילן, ל. קאַברין 97

דער קליינער פּריץ,
פון „מ. פרייהייט“ — — — 100

ליאַ אַרבעט אין „לאַנדרי“,
ש. דאַווידמאַן — — — — — 102

איך בין אַ פּיאָנער, נ. ווייסמאַן 104

ווי קאָן עס אַנדערש זיין,
אַרבעט שול — — — — — 105

פּיאָנערן, סאָוועטיש — — — — 108

בריוו פון דייטשע פּיאָנערן — — 109

מאַרש פון פּיאָנערן, סאָוועטיש — 110

טאָמי בראָון אָרגאַניזירט אַ
קעמערל, זשורנאַל „פּיאָנער“ — 110

פאַרוואָס איך בין אַרעסטירט
געוואָרן, קינדערשעס — — — 115

צוויי לענדער, מ. גרינבערג — — 116

אַרויסגעדרייט זיך, מ. אַלגין — 117

ווי אַזוי מיר האָבן געטיילט
ליפּלעטס, קינדערשעס — — — 119

די באַי סקאַוטס, קינדערשעס — 120

סידני לערנט אין דער אַרבעטער
שול — — — — — — — — 121

סערקע די פּיאָנערקע און בערל —
דאָס פּיאָנערל, אייזיק פּלאַטנער 123

רויטער מערץ

דער פּאַריזער קאָמונאַר, אַרבעטשול 125

קינדער פון דער קאָמונע,
אַרבעטשול — — — — — — 127

דער מאַמעס יאָנטעוו, סאָוועטיש 129

6־טער מערץ, אַרבעטלאָזע
דעמאָנסטראַציע — — — — 131

דער טאַטע איז געבליבן אָן אַרבעט 133

„ספּיד־אַפּ“, קינדערשעס — — — 136

באַר־מיצווע, מ. אַלגין — — — 137

אַרבעטער יאָנטויבים און
רעליגיעזע יאָנטויבים — — 138

ערשטער מאַי

מאַי, אינסצענירונג,
אַרבעט און שאַף — — — — 140

הײמאַרקעט טראַגעדיע — — — 141

קינדער־שפּיל, נ. סיגאַלאָווסקי — 142

וואָס איך האָב איבערגעלעבט
דעם ערשטן מאַי, קינדערשעס 145

הינטער די גראַטעס, אַרבעטשול — 147

די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע,
ש. דאַווידמאַן — — — — — 147

מ י ל כ אָ מ ע

דאָס מילכאָמע קינד,
אייזיק פּלאַטנער — — — — 150

אין סקול דערציילט מען אונז
וועגן מילכאָמע — — — — 151

יודזשין וו. דעבס, כאַווער־פּאַווער 152

נ ע ג ע ר

ווי נעגער לעבן,
בוקער ט. וואַשינגטאָן — — — 157

בלויז פאַר ווייסע, לאַנגסטאָן היוז 158

דזשימי, מ. זאַרודין — — — — — 161

ברידער י. ל. פּערעץ — — — — — 167

אַרבעטער־מאַרטירער

סאַקאָ און וואַנזעטי, ב. פרידמאַן 168

עלאַ מעי וויגינס, נ. ווייסמאַן — 170

אַ בריוו צו אַ כאַווער אין
רוסלאַנד, קינדערשעס — — — 173

סטיוו קאַטאָוויס, קינדערשעס — 173

צו סטיווס מאַמען, ב. פרידמאַן — 174

צייכענונגען פון: זעלדין, גראָפּער און אַנדערע.

בילדער פון: „ניו־מעסעס“ און „לייבאָר־דעפענדער“ מיט זייער דערלויבונג.